בס"ד

NEWS REPORT
THE YIDDISH NEWSPAPER OF RECORD

$3.00

# די צייטונג

די וועלטבאשטענדיגע אידישע צייטונג

עש"ק • פ' נצו"י
- פרק ה-ו -
כ"ב אלול • תש"פ

FRIDAY
SEPT. 9-11, '20
VOL 33 · NO. 48


די צייטונג
פ' נצבים-וילך תש"פ
SEPTEMBER 11, '20

# אידישע צייט

17
הרה"ק רבי חיים שפירא זצ"ל הי"ד מפלאצק:
**דער רבי וואס איז באשולדיגט געווארן אלס שפיאן**

21
לעצטע עדות:
**מוה"ר יהושע לעפקאוויטש הי"ו יליד גרויסווארדיין, אונגארן**

27
באקומען ביים ציון הקדוש אין ליסקא:
**פאסטפארט, געלט און ארויס פון קאמוניסטן**

## די עלטסטע בתי החיים אין ניו יארק

12

אינהאלט

8 אויפפאסונגען: פארוואס איז נישט געווען קיין טיש אין קאפישניץ?
47 שמות הנפטרים ע"ה שלא זכו לזש"ק: חסד של אמת
52 זכותם יגן עלינו: יארצייט הצדיקים
53 הרב י. פערל: היום יעמיד במשפט
58 הרב אפרים ראזען: ימים נוראים
54 סאטמארער רבי זי"ע אין אמעריקע: ימים נוראים שנת תש"ו אין א"י
56 הרב י.מ. סופר: אתם נצבים היום לפני ה"א כולכם
60 הרב יחזקאל יעקב יהודא היילברון: בין אדם לחבירו
61 הרב ארי' זילבער: פינת הלשון אויף לשון קודש און אראמיש
62 אויף די פרשת השבוע: פונעם מלמד'ס טיש
72 א וואונדערליכע געשיכטע: די מתנה פון לעבן
59 א מעשה לכבוד שבת: אראפגענומען קטרוגים

# חיטוטי שכבי אפגעשטעלט דורך הפגנה אין "מוצא" אין שפיץ פון כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א


62

## ראטשעסטער פאליציי רעזיגנירן צוליב'ן טויט פון א קראנקן שווארצן


16

## סאודיער קעניג זאגט אז שלום מיט מדינת ישראל איז געוואנדן אין שלום מיט פאלעסטינער


18

## ניו יארקער אידנטום פאלגט נאך געשפאנט קריטיש וואל-פארמעסט אין "בלומינג גראוו" וואו אידישע באפעלקערונג פארמעסט זיך פאר איר עקזיסטענץ



44

# שטארקע איפוואכונג נעמט ארום יהדות החרדית קעגן באנוץ פון "שניעל" (chenille) קאפ-שלייער

## גדולי ישראל ומנהיגי קהילות קדושות פאראייניגט אנטקעגן דעם באנוץ

זעט זייטן 34 ביז 36

תטהרו!
אידן בעטן הקב"ה ריין אונז!
אידן איבער גאנץ אמעריקע בעטן אונז ריין אונז!
ווערט א שותף בטהרה כלל ישראל • ווערט א שותף אין מקור הישועות והסגולות
Mikvah USA
להרבות טהרה בישראל


PRESZIOSI
COLLECTION
SOLD EXCLUSIVELY AT G&G EUROPEAN TAILORED
NEW SHIPMENT ARRIVED
ITALIAN DESIGNER MEN'S FASHION
SSIMAGE 718.330.0004
BORO PARK 718.871.7841
WMSBG 718.923.6060
MONSEY 845.352.2702
KIRYAS JOEL 845.782.7720
EUROPEAN TAILORED
EUROPEAN MADE

# אין ליכט פון גלאָבאַלן קריזיס:



די 10,000 אָרימע משפחות בארה"ק

# זיי קרעכצן

זיי קוקן אַרויס אויף די חלוקה
**ווי קיינמאָל בעפאָר**

רבי מאיר בעל הנס אַלס אייער
**מליץ יושר**
ביים יום הדין!

האַנדעלט אייך איין

**א קוויטל ביים ציון הקדוש**

[פאר אייער נתינה פון לכה"ב $36]

איר כלל ישראל איבער די וועלט

# לעכצן

ס'זאָל שוין זיין
**תכלה שנה וקללותי'!**

כולל שומרי החומות
אלקא דמאיר
**עננו**
ענטפערט פאר עניי ארה"ק
געענטפערט מיט אייערע בקשות
• תשרי חלוקה קאמפיין •

רופט אונזער 24 שעה צדקה ליין
**718.243.2495**

עננו! לאָמיר ענטפערן
פאַר זיי! דער רבוש"ע
וועט ענטפערן פאַר אונז!

## כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס

| וויליאמסבורג | בארא פארק | קרית יואל | מאנסי / שיכון סקווירא | לעיקוואוד |
|---|---|---|---|---|
| 18 Heyward St.<br>Brooklyn NY 11249<br>718.243.2495 | 5304 13 Ave.<br>Brooklyn NY 11219<br>718.456.7000 | 15 Garfield Rd. #103<br>Monroe NY 10950<br>845.774.7330 | 21 N. Madison Ave.<br>S.V. NY 10977<br>845.352.9400 | 300 12 St.<br>Lakewood NJ 08701<br>732.363.8597 732.444.8685 |

YOUNG ADULTS:

IT'S A GREAT TIME TO

# CHECK IN

WITH A

# CHECKUP



## FLU SHOTS

**Health Alert!** This year, when it's more important than ever, get your **flu shot** and physical in one convenient visit!

**Between school and camp? Have some time bein hazmanim?** Come in for your annual physical to ensure you're in good health for the upcoming year!

איין טאג פון בין הזמנים איז רעזערווירט פאר דיין געזונט

| ODA WALLABOUT ST | ODA PARK AVE | ODA QHC |
|---|---|---|
| 74 WALLABOUT ST | 517 PARK | 432 BEDFORD AVE |
| 718.260.4600 | 718. 260.4640 | 718. 387.2408 |

CENTERED ON · YOUR SATISFACTION · ODA

mango 718.635.1673

## פאליטישע אפשאצונג:

פון: א.פ. מאן

# א טראמפ שטארקייט וואס קען נישט אפגעפרעגט ווערן

מען איז שוין פארנומען מיט מערערע אנקעטעס, מען האלט אין איין הערן פרישע שטודיעס און אנקעטעס און אויסטייטשונגען, יעדער וויל דערגיין און פרובירט אויסצורעכענען ווי אזוי עס וועט אויספאלן דער וואל אויסגאנג, אבער אלע עקספערטן געדענקן ווי מען האט זיך אפגעבריט פיר יאר צוריק ווען קיינער האט נישט געהאט אויף וואס צו בויען, פאראויסצוזאגן א טראמפ וואל זיג און ער איז דאך געווארן פרעזידענט, ממילא איז מען אויך איצט אביסל מער פארזיכטיג און אפילו ווען מען אנאליזירט גאנץ קלארע אנקעטע סטאטיסטיק, וועט מען זיך אביסל באווארענען מיט אנמערקן אז עס קען דאך עפעס אפירקומען וואס זאל טוישן דאס גאנצע בילד.

מען האלט שוין ביי א מצב אז די נאציאנאלע אנקעטעס טראגן נישט אזא וויכטיגקייט ווי אמאל. ריכטיג, ביידען שטייט שטארק פאראויס פון טראמפ, דער פרעזידענט האט נישט געהאט אזא שטארקן "קאנווענשאן באמפ" ווי ער וואלט געדארפט באקומען, אבער אין דעם איז ער אליין היבש שולדיג, ווייל ער קען נישט אויספאלגן דעם מעסעדזש וואס זיינע קאמפיין סטראטעגיסטן לייגן פאר פאר אים. ער ווייסט אז ער ווייסט אלעס בעסער פון יעדן, און מען זעט דאס אויך איצט ווי ער פארקריכט אוועק פון די זאכן וואס קענען אים בייהילפיג זיין, ער וועט ענדערש איבערקייען זאכן וואס קען אים מער שאטן ווי העלפן. צוליב דעם האט ער טאקע געהאט א שוואכערן קאנווענשאן געווינס אין די אנקעטעס ווי עס וואלט געווען צו ערווארטן.

אין קורצן, די ביידען סטראטעגיע איז, צו פירן דעם קאמפיין צו טראמפ. מען זאל שטימען יא פאר טראמפ אדער ניין פאר טראמפ. זאל מען געבן נאך פיר יאר פאר'ן איצטיגן פרעזידענט אדער מען האט שוין גענוג געהאט פון אים ווייל זיין ווירטשאפט האט נישט געטויגט. לויט די סטראטעגיע, דארפן זיך די דעמאקראטן קאנצענטרירן אויף די צוויי גרעסטע שוואכקייטן פון טראמפ, נעמליך די פארפאטשקעטע פאנדעמיק ווירטשאפט ווען דער צאל אמעריקאנער טויט פאלן האלט נאך אלץ אין איין שטייגן אויף א ריזיגן פארנעם, און ווי מיר האבן שוין מערערע מאל אנגעוויזן איז א פאקט אז מענטשן זענען נישט גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, צו שטארבן פאר טראמפ. א פאמיליע וואס האט פארלוירן עמיצן פון קאוויד ווירוס, איז שוין נישט אזוי פאר'כישופ'ט, אזוי פארגלויבט אז טראמפ האט געהאט דעם ריכטיגן צוגאנג קעגן דעם ווירוס.

די צווייטע זאך איז די ראסע באציאונגען, וואס איז איצט געווארן כמעט ווי אויף מעסער-שטעך איבער'ן לאנד, וואס דארט שטייט ביידען שטארקער פון טראמפ אויף די פראגע ווער עס קען מער איינשטילן דעם מצב.

ווען מיר רעדן פון דעם צווייטן פונקט, גיט עס אויך א מעגליכקייט פאר פרעזידענט טראמפ אויפצושפילן זיין סטראטעגיע, נעמליך, אפצושרעקן אמעריקע אז אויב ביידען און די דעמאקראטן וועלן געווינען, וועט דאס גאנצע לאנד חרוב ווערן. איי, דאס לאנד שטייט איצט אין אזא מצב נאכדעם ווי ער, טראמפ איז שוין באלד פיר יאר פרעזידענט, ממילא ווי קומט ער צו באשולדיגן ביידען אויף דעם, ווען ער, דער פרעזידענט, טוט נישט גארנישט דאס אפצושטעלן, האט גארנישט געטאן דאס צו פארמיידן? האט איר העכסטענס א קשיא, וואס ביי די טראמפ באזע מיינט עס גארנישט, זיי גלייבן אלעס וואס טראמפ זאגט זיי, זיי קויפן אלעס וואס ער וויל פארקויפן, אבער ביי די איבריגע וויילער טראגט עס יא א געוויכט, וואס צוליב דעם שטייט טאקע ביידען פאראויס פון טראמפ ביי די אמעריקאנער וויילער אויף די פראגע.

די דעמאקראטן שפילן אפילו אויף ווי אזוי טראמפ האט גענוצט כמעט די זעלבע שפראך אין זיין קאמפיין פיר יאר צוריק, זאגנדיג אז דאס לאנד איז חרוב, געזעצלאזיגקייט רעגירט, און ווען ער וועט ווערן פרעזידענט וועט ער מאכן ארדענונג, אמעריקע וועט נאכאמאל זיין געוואלדיג, און אויב אזוי, פרעגן די ביידען קאמפיינער, פארוואס זאל מען איצט מער גלויבן טראמפ מיט זיינע פארשפרעכונגען, ווען ער האט די זעלבע פארשפרעכונגען געמאכט פיר יאר צוריק און קוקט וואס פארא הפקירות עס הערשט איבער די לענג און ברייט פון אמעריקע?

דא וועלן מיר איצט ארויסברענגען איין וויכטיגן פונקט, וואס דאס איז א פונדאמענט פון די טראמפ שטארקייט וואס די דעמאקראטן קענען גארנישט טאן איבער דעם, ממש גארנישט, סיידן האפן אז דאס זאל בלייבן ביי די ענגע טראמפיסטן, פאר די 30 אדער 35 פראצענט וואס וועלן קיינמאל נישט זען קיין שום פעלער אין טראמפ, און עס זאל זיך נישט אויסשפרייטן, עס זאל נישט ווערן א "פאנדעמיק" דערפון וואס קען אנשטעקן אויך אנדערע וויילער...

עס איז פארהאן א באדייטנדער טייל אין אמעריקע וואס איז איבערצייגט אן קיין צווייפל אז די דעמאקראטן וועלן חרוב מאכן אמעריקע. עס העלפט נישט קיין שום באווייזן, טענות אדער לאגיק. דאס איז זייער איבערצייגונג, זיי גלויבן אלעס וואס טראמפ פארקויפט זיי, עס איז אפילו פארהאן א מיסטריעזע "קיו-ענאן" באוועגונג וואס איז אנגעפיקעוועט מיט ראסיזם און אנטיסעמיטיזם און מיט אלעם בייזן, און זיי זענען פול מיט אויסטערלישע קאנספיראציע טעאריעס ווי צ.ב.ש. אז דעמאקראטישע פאליטישאנס זענען ממש מענטשן פרעסער, זיי הרג'ענען קינדער, און נאך אזעלכע זאכן וואס מיר קענען אפילו נישט שרייבן אין א צייטונג וואס אידישע קינדער ליינען.

טראמפ זעט נישט קיין פראבלעם מיט קיו-ענאן, און זיינע שטיצער האלטן אויך אזוי. אויב דאס איז נישט נארמאל, איז אויך דאס נישט קיין פעלער, עס איז אבער בלויז א פאקט אז דאס איז איינע פון די קאנספיראציע באוועגונגען וואס שטייט צו הילף פאר'ן פרעזידענט אין זיין איצטיגן קאמפיין.

דאס איז זייער א שטארקע באזע וואס איז נישט אוועקצומאכן, נאר פרעזידענט טראמפ אליין האלט אין איין פארקריכן, ער "גייט אוועק פון מעסעדזש", און מיר האבן געזען איין ביישפיל דערפון מיט א באשרייבונג וואס איז ערשינען אין די "אטלאנטיק" צייטשריפט, אין וואס מען האט ציטירט פון פרעזידענט טראמפ אז ער האט נישט געוואלט גיין באזוכן א מיליטערישן סעמעטערי אין פראנקרייך וואו עס ליגן אמעריקאנער סאלדאטן וואס זענען אומגעקומען אין די ערשטע וועלט מלחמה, ווייל דער וועטער האט נישט געטויגט און ער איז געווען באזארגט אז דאס וועט שאטן פאר זיינע האר, און ער האט געלאזט פאלן ביליגע באמערקונגען אויפ'ן חשבון פון די אומגעקומענע סאלדאטן, ער האט זיי אפילו באצייכנט ווי "לוזערס" (דאסווארט מיינט "פארלירער" אבער דער באדייט איז ענדערש "שלימזל").

שטעלט אייך פאר דער שטורעם וואס איז אנטשטאנען, אז דער אמעריקאנער פרעזידענט, דער שעף קאמאנדיר פון אלע אמעריקאנער מיליטערישע קרעפטן, שפעט אפ פון די אמעריקאנער העלדן, פון די סאלדאטן וואס זיי האבן מפקיר געווען זייער לעבן אין דינסט פונעם לאנד.

דאס האט באלד אויפגעברענגט נאך ביישפילן ווי אזוי טראמפ האט ממש חוזק געמאכט פון סאלדאטן, און יעדער געדענקט דאך ווי ער האט אפגעשפעט פון דעם רעפובליקאנער רעספעקטירטן סענאטאר דזשאן מעקעין וועמען יעדער האט באטראכט נישט בלויז ווי א זעלטענער "דזשענטעלמאן" נאר אויך ווי אן עכטער מלחמה העלד פאר זיין באנעמונג אין די פינף יאר וואס ער איז געזעצן אין געפענגעניש ביי די קאמוניסטן אין וויעטנאם. טראמפ האט אפען אפגעשפעט אז ער איז נישט קיין העלד, והא ראי' מען האט אים אראפגעשאסן און געפאנגען.

עס וואלט גענוג געווען אז טראמפ זאל איינמאל לייקענען דעם אטלאנטיק באריכט און גיין ווייטער, אבער ניין, ער האט יעדן טאג, א וואך צייט געזוכט עפעס א געלעגנהייט וואו ער זאל נאכאמאל קענען רעדן דערפון און נאכאמאל קענען עס לייקענען, וואס זיינע קאמפיין סטראטעגיסטן האבן זיך געכאפט ביים קאפ, פארוואס טראמפ אליין לעבט אויף און פארציט דעם סקאנדאל?

יעדעס מאל פארגעסט נישט די פארהאסטע אנטי-טראמפ פרעסע און מידיא אויפצוברענגען אז טראמפ'ס אפשפעטן פון די סאלדאטן איז באשטעטיגט געווארן דורך מערערע נייעס אגענטורן, אפילו דורך "פאקס נייעס", וואס איז טראמפ'ס באליבטע נייעס סטאנציע. אויך, האט איין גענעראל זיך נישט אנגענומען פאר'ן פרעזידענט!

עס זענען געווען נאך עטליכע ביישפילן פון אימפולסיווע שעדליכע טראמפ "שטיק", ביי זיין ווייסן הויז פרעס אויפטריט וואס איז געווען מער ווי א קאמפיין רעדע ווי איידער א געהעריגע פרעסע קאנפערענץ.

ערשטענס, האט טראמפ כמעט נישט גערעדט פון די אמעריקאנער ארבייטער. "לעיבאר דעי" איז דאך אן ארבייטער חגא, א יוניאן חגא, און ביידען האט גערעדט פאר א גרופע ארבייטער אין פענסילוועניע וואס זיי האבן געוואלט הערן. צב"ש, מען וויל האבן נאך רעגירונג הילף אבער די רעפובליקאנער האלטן זיך נישט ביים צושטעלן. דעם דינסטאג האט דער סענאט מאיאריטעט פירער מעקאנעל פארגעשלאגן א קליינעם הילף פעקל וואס יעדער האט געוואוסט אז עס האט קיינע אויסזיכטן דורכצוגיין. ביידען האט פארגעהאלטן אין זיין רעדע פארוואס טראמפ גיט זיך נישט אפ מיט פארהאנדלונגען, נאר ער פארברענגט צופיל צייט מיט שפילן גאלף. טראמפ קען "ארייננזאגן?" ביידען איז אויך נישט אוועקצומאכן.

אין זיין רעדע האט טראמפ געדענקט אויפצוברענגען די אלטע אויסגעדראשענע באשולדיגונג - אויף וואס מען האט קיינמאל נישט געפינען קיין שום באווייזן, כאטש דער יוסטיץ דעפארמענט איז שוין באלד 4 יאר אונטער טראמפ'ס קאנטראל - אז האנטער ביידען איז געווען פארוויקעלט אין פארברעכנס מיט אוקריינע. ביז דערווייל האבן די באשולדיגונגען גארנישט געשאדט פאר ביידען, אבער ווען טראמפ האט גערעדט דערפון, האט ער געגעבן א געלעגנהייט פאר די פארהאסטע פרעסע און מידיא צו "דערמאנען" אז טראמפ איז אימפיטישד געווארן צוליב דעם!

פאריגע וואך האט מען געשמועסט פון די אויפדעקונג אין א בוך, אז מ'האט צוגעגרייט וויצע פרעזידענט פענס איבערצונעמען, אויב מען וועט דארפן איינשלעפן פרעזידענט טראמפ ביי א מעדיצינישע פראצעדור, וואס ער האט פלוצלינג געהאט פאריגן נאוועמבער, ווען די סיקרעט סערוויס האט אים שנעל צוגעפירט צום ארמיי שפיטאל. דאס ווייסע הויז האט עס דאן אוועקגעמאכט ווי בלויז טייל פון זיין רעגלמעסיגע אונטערזוכונג, כאטש פון דעם בוך זעט אויס אז עס איז יא געווען אן עמערדזשענסי.

אין בוך רעדט מען נישט פון קיין מעגליכן טראמפ סטראוק, אבער טראמפ האלט אין איין לייקענען אז ער האט געליטן א קליינעם סטראוק. ער האט אין לויף פון דער וואך ביי 3 באזונדערע פאלן דערמאנט און געלייקענט אז ער האט געליטן א סטראוק! נאכאמאל, ווער הייסט אים רעדן דערפון? יעדעס מאל וואס ער ברענגט עס אויף, ווערט עס ווידער א טעמע, מ'ווייזט בילדער אין וואס עס זעט אויס ווי ער האט אין יעדע טעג עפעס געשלעפט א פוס. אפילו ביידען האט געמאכט מטעמים דערפון, בארימענדיג זיך אז ער קען "לויפן" ארויף אויף א "רעמפ", ווען טראמפ האט געמוזט זייער לאנגזאם און פארזיכטיג גיין אראפ פון א רעמפ אין וועסט פוינט.

דאס איז אבער טראמפ, און ביי די וואס זענען פארגלויבט אין אים קען אים גארנישט שאטן, וועלן מיר איצט זען ווי אזוי עס נעמט אויס ביים איבריגן פאלק אין אמעריקע, איבערהויפט אין די קריטישע סווינג סטעיטס, וואס דארט וועט אנטשידן ווערן דער וואל אויסגאנג לויט די עלעקטאראל שטימען.

די צייטונג
NEWS REPORT

**1281 49th Street** (cor. 13th Ave.)
**Brooklyn, NY 11219**
**Tel 718-851-6607 · Fax 718-854-5282**
**mail@ditzeitung.com**
When sending e-mail or fax, please follow up with telephone call, to assure receipt.

Not responsible for typographical errors or for opinions expressed by the writers or advertisers.
© NEWS REPORT

## וואס מיר זאגן:

# לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים

מ'האלט שוין ביי סליחות, נאך א יאר איז פארבייגעגאנגען, וואס אפילו אויב מ'האט געהאט פערזענליכע גוטע צייטן אין דעם יאר, האט עס אבער נישט פארדעקט די שווערע צייטן וואס דער כלל האט דורכגעלעבט אין דעם יאר. מ'גייט נאכאמאל צו סליחות, וואס יעדן טאג ביי די סליחות הויבט מען אן מיט די ווערטער צום רבוש"ע, לך ה' הצדקה, דו האר פון די וועלט ביסט גערעכט, ולנו בושת הפנים, מיר דארפן זיך שעמען. וואס פארא פנים טראגן מיר אז מיר בעטן פון רבוש"ע ער זאל אונז מוחל זיין די עבירות, וואס תשובה מיינט דאך אז מ'נעמט זיך פאר אין קומענדיגן יאר נישט צו זינדיגן, בעסער אויפצופירן זיך, און מ'דערמאנט זיך אז די זעלבע האבן מיר זיך פארגענומען פאר א יאר, און וואס פארא פנים טראגן מיר נאכאמאל צו בעטן דעם רבוש"ע אז ער זאל אונז מוחל זיין.

עס איז דאך אבער פארט אזוי אז כי ימינך פשוטה לקבל שבים, די רעכטע האנט פון באשעפער איז אויסגעשטרעקט פאר די וואס טוען תשובה באמת, ממילא זענען מיר מודה אז מיר קומען נישט מיט קיין טענות, דער באשעפער איז אונז גארנישט שולדיג, ווייל מיר האבן דאך געזינדיגט קעגן אים, נאר מיר ווילן באמת תשובה טאן, נא אל תשיבנו ריקם מלפניך, שיק אונז נישט אוועק ליידיג, פון דיר, נאר זיי יא מקבל די תשובה, כי אתה שומע תפילה, ווייל דו הערסט דאך אויס די תפילות און בקשות פון דיינע אידישע קינדער.

תשובה איז א גרויסע מצוה, אבער מ'דארף דאס מקיים זיין מיט אן אמת, ריכטיג חרטה האבן ארויף די עבירות וואס מ'איז באגאנגען אין פארלאפענעם יאר, און נאר אזוי קען מען זיך באמת פארנעמען אז מ'וויל זיך פארבעסערן, און אויב דער באשעפער וועט אונז פארשרייבן א גוט געבענטשט און געזונט יאר, וועלן מיר אוודאי פּרובירן צו דינען דעם רבוש"ע אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאס בעסטע וואס מיר וועלן קענען.

מיר לעבן אין זייער א שוואכן דור, עס איז דא נסיונות וואס מאכן שווער דאס לעבן ווי אן ערליכער איד, ממש אין יעדן ווינקל, אבער ווי שווערער דער נסיון איז, אלץ חשוב'ער איז ביים רבוש"ע אז מ'פירט זיך יא אויפ'ן תורה'דיגן וועג, אז מ'פּרובירט יא מקיים זיין די מצוות מיט אן ערליכקייט. מ'האט עס געזען טאקע אין דעם שווערן פארלאפענעם האלבן יאר, ווי מ'האט ממש מיט מסירת נפש געזוכט מקיים צו זיין מצוות. מ'האט גדאווענט אויף די גאסן, אויף פארטשעס און אין פארקינג לאטס אפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדן, אין קעלט און אין רעגן, אבער מ'האט געוואלט ארייננכאפן תפילה בציבור, דאווענען מיט מנין, ווען עס האט יעדן ווײ געטאן ביים הארץ אז מ'קען נישט דאווענען געהעריג אין ביהמ"ד.

דער יו"ט פסח איז געשטערט געווען צוליב די מגיפה אטמאספערע וואס האט באהערשט אמעריקע, איבערהויפט דעם חרדי'שן ישוב אין ניו יארק. מענטשן וואס זענען שוין עלטער זיידעס לאורך ימים ושנים האבן מיט צער געזאגט, אז צום ערשטן מאל אין זייער לעבן האבן זיי געזאגט הלל ביים סדר ווען עס איז נישט געווען קיין 3 מענטשן, אז מ'זאל קענען זאגן "הודו" און "אנא ה'" אזוי ווי מ'זאגט הלל אין ביהמ"ד, אז איינער זאגט פאר און די אנדערע ענטפערן.

דאס איז בלויז א קלייניקייט וואס א סאך מענטשן האבן אפילו נישט פילייכט באמערקט, אבער ווען מ'זאגט הלל, מ'דאנקט און מ'לויבט דעם באשעפער, גיט א ציפּ ביים הארץ אז מ'קען דאס נישט טאן אזוי ווי אין די צענדליגער יארן ביז איצט, און מיר האבן דאס ארויסגעהויבן בלויז ווי איין קליינער ביישפּיל וואס ווייזט אז כלל ישראל פארגעסט נישט און בענקט אפילו נאך אזעלכע קלייניקייטן. אויך ווען מ'האט שוין געהאלטן נאך חצות, אין די צווייטע העלפט פון סדר, האט מען זיך אויך דערמאנט און געבענקט נאך די גוטע צייטן פון פריער, און מ'האט מתפלל געווען אז די גוטע צייטן זאלן שוין צוריקקומען, פארשטייט זיך, מיט די תפילה פון לשנה הבאה בירושלים, אז מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן ע"י משיח צדקינו, און אויב דאס וועט נאכנישט באשערט זיין, זאלן מיר ווייטער קענען דאווענען אין די בתי מדרשים און פירן סדרים כסדרן אזוי ווי משפחות פלעגן זיצן אינאיינעם און הנאה האבן פון די גרויסע קדושה וואס מ'שפּירט אין די הייליגע סדר נעכט.

מ'דארף אויך דערמאנען דעם לימוד התורה אין די שווערסטע צייטן פון דעם אונטערגאנג. אויב עלטערן האבן נישט געקענט ארבעטן געהעריג, האבן זיי זיך מער אפּגעגעבן מיט די קינדער, וואס אויך זיי האבן דאך נישט געקענט לערנען געהעריג אין די חדרים אזוי ווי אין די נארמאלע צייטן.

די תורה איז דאך אונזער חיות, און ווי שווערער א גוטע זאך קומט אן, טראגט עס דאך מער חשיבות ביים רבוש"ע. זאל אויך דאס זיין זכותים פאר אונז, ווען מיר גייען צו סליחות יעדן טאג, און אזוי ווי אלי' הנביא וועט דאך זיין דער מבשר אויף די גאולה שלימה, און מיר קוקן שוין אזוי שטארק ארויס אז מיר זאלן

(פארזעצונג אויף זייט 64)

| פאלגענד זענען די טעג ווען "די צייטונג" וועט אי"ה ערשיינען אין חודש תשרי תשפ"א | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **Sunday** | **Monday** | **Tuesday** | **Wednesday** | **Thursday** | **Friday** | **Saturday** |
| September 13<br>א' סליחות | 14<br>ב' סליחות | 15<br>ג' סליחות | 16<br>די צייטונג<br>ד' סליחות | 17<br>ה' סליחות | 18<br>ערב ראש השנה | 19<br>א' דראש השנה |
| 20<br>ב' דראש השנה | 21<br>צום גדלי' | 22<br>ד' עשי"ת | 23<br>די צייטונג<br>ה' עשי"ת | 24<br>שלש עשרה מדות | 25<br>ז' עשי"ת | 26<br>שבת שובה<br>האזינו |
| 27<br>ערב יום כיפור | 28<br>יום כיפור | 29<br>י"א תשרי | 30<br>י"ב תשרי | October 1<br>די צייטונג<br>י"ג תשרי | 2<br>ערב סוכות | 3<br>א' דסוכות |
| 4<br>ב' דסוכות | 5<br>א' דחוה"מ | 6<br>ב' דחוה"מ | 7<br>ג' דחוה"מ | 8<br>ד' דחוה"מ | 9<br>הושענא רבה | 10<br>שמיני עצרת |
| 11<br>שמחת תורה | 12<br>אסרו חג | 13<br>כ"ה תשרי | 14<br>די צייטונג<br>כ"ו תשרי | 15<br>כ"ז תשרי | 16<br>כ"ח תשרי | 17<br>בראשית |

# וואס אנדערע זאגן:

פרעזידענט טראמפ האט פאריגע וואך געמאלדן א מאראטאריום ביז ענדע 20', אז נאך 4 מאנאטן טאר מען נישט ארויסווארפן קיין טענענטס בלויז ווייל זיי האבן נישט באצאלט דעם רענט. דאס האט געברענגט פארשידענע עדיטאריעלס, און פארשטייט זיך, באגריסונגען פון פאליטישאנס, כאטש עס איז זייער, זייער שווער צו טרעפן עמיצן וואס זאל פרעגן די לאגישע פראגע, וואס טוט זיך מיט די לענדלארדס, איבערהויפט די קליינע לענדלארדס, פאר וועמען די רענטס ביישטייערן צו זייערע אנגייענדיגע קאסטן, וואס מיט דעם קענען זיי באצאלן יעדן חודש דעם מארגעדזש, יעדע 3 חדשים די פראפערטי שטייערן, הייצונג קאסטן, א.ד.ג. אין פאלגענדן "דעילי ניוס" עדיטאריעל זעט מען יא עפעס זארג אויך פאר ביזנעסער, וואס אויך זיי האבן נישט פון וואו צו באצאלן קיין רענט אויב זיי מוזן זיין געשלאסן, און אפילו ווען מ'לאזט זיי שוין יא עפענען מוז דאס אויך זיין אונטער שטארק געצוימטע אומשטענדן, מיט א פיל קלענערע צאל קונדן, א.ד.ג., וואס דאס טרייבט אוועק קונדן איינצוקויפן דורכ'ן אינטערנעט, איבערהויפט ווען זיי קענען נישט "צוריקקומען" צו די קליינע געשעפטן אזוי ווי אמאל:

## דער וועג אהיים

גיט קרעדיט פאר וועמען עס קומט: אין א שריט וואס איז איבערראשענד פאר איר מענטשליכקייט און פארשטענדליכקייט, האט די טראמפ אדמיניסטראציע איינגעשטעלט א 4-מאנאטן מאראטאריום קעגן ארויסווארפן רעזידענץ רענטערס, ציטירענדיג פון א גוט-געדרינדעטן וויסנשאפטליכן געבויטן זארג, אז מאסן ארויסווארפן און דער רעזולטאט פון מיליאנען נייע היימלאזע אמעריקאנער, קען פארשפרייטן קאוויד-19.

די פאראדענונג וועט צושטעלן עפעס א פארלייכטערונג, אפילו אויף בלויז צייטווייליג, פאר אמעריקאנער אין סטעיטס וואו גאווערנארס און לעגיסלאטורן האבן ערלויבט פאר די ארויסווארפן מאראטאריום'ס וואס זיי האבן באפולמעכטיגט פרי אין דעם פאנדעמיק אפצולויפן. ביז די וואך, האבן בלויז 17 סטעיטס און אויך די הויפטשטאט וואשינגטאן נאך אלץ געהאט אין קראפט צייטווייליגע פארבאטן ארויסצואווארפן רעזידענץ רענטערס.

טראץ דעם באפעל, מיט'ן אפלויף סטאטוס פון דעצעמבער 31, גייט ווייטער די ניו יארק סטעיט אייגענע מאראטאריום פאר רעזידענץ טענענטס וואס האלט איצט ביים אפלויפן אקטאבער 1. אויף וואס פארא גרינדן קען גאווערנאר קואמא איצט דאס נישט פארלענגערן?

וואס דער פעדעראלער מאראטאריום שטעלט אבער נישט צו, איז פארלייכטערונג פאר ביזנעסער און אנדערע קאמערציאלע טענענטס. די קאמערציאלע מאראטאריום אויף ארויסווארפן וואס איז אין קראפט אין ניו יארק סטעיט דארף אפלויפן סעפטעמבער 20. אויך



די לענדלארדס פון קליינע הייזער פלאגן זיך זייער ווען זיי באקומען נישט די רענט איינקונפטן צוליב דעם פאנדעמיק

באשיצט עס נישט די טענענטס קעגן דארפן צאלן פראצענט צינזן, שטראפן און אנדערע קאסטן פאר שפעט צאלן די רענט.

דער גרויסער פראבלעם מיט דעם "סי. די. די." מאראטאריום אויף ארויסווארפן, אזוי ווי די מאראטאריום'ס אין ניו יארק און אנדערע סטעיטס איז, אז עס פארענטפערט נישט די פראגע וואס עס וועט געשען צו טענענטס ווען דער זייגער לויפט אפ. אנגעזאמלטע רענט בילס וועלן פעליג ווערן און פאר רוב, וועט דער איינקונפט נישט אניאגן די חובות וואס זיי זענען שולדיג. דער קאנגרעס דארף נעמען שריט, צי דאס איז דורך באשטעטיגן מיליאנען דאלארן אין רענט הילף, אדער פארגרעסערטע אנעמפלאימענט בענעפיטן, אדער דירעקטע סטימיולעס באצאלונגען. (בלויז א באמערקונג: א סאך פארצווייפלטע לענדלארדס האבן טענות, פארוואס, ווען מ'האט צוגעשיקט די $600 צוגאב אנעמפלאימענט בענעפיטן יעדע וואך, האט מען נישט פארלאנגט אלס א באדינג אז די וואס באקומען די געלטער זאלן מוזן כאטש טיילווייז באצאלן זייער רענט, ווען זיי האבן דאך פאקטיש איצט פארדינט פיל מער ווי ווען זיי האבן יא געארבעט.)

א מאראטאריום קעגן ארויסווארפן, לייגט אפ אויף שפעטער דעם עקאנאמישן פיין אבער עס וועט עס נישט אויסהיילן.

* * *

אין "ניו יארק טיימס" איז קריטיקירט געווארן א געפעלשטע ווידעא וואס איז פארשפרייט געווארן דורך א קאנגרעסמאן, און אן עדיטאריעל פארלאנגט אז מ'זאל נעמען שטרענגע שריט צו פארזיכערן אז קיין שום קאנגרעסמאן, פון קיין שום פאליטישע פארטיי, זאל נישט טאן אזעלכע פעלשערייען, און אויב יא, דארף דאס שטרענג באשטראפט ווערן:

## קאנגרעס מוז זיין קלאר: קיין צוגעפיצטע ווידעאס

**קאנגרעסמאן האט ארויסגעלייגט א מאניפולירטן ווידעא. דאס דארף מען נעמען ערנסט**

עס איז גענוג באאומרואיגענד אז די אמעריקאנער דעמאקראטיע ווערט באדראעט דורך פאלשע אינפארמאציע, וואס די אויסשפרייט דערפון ווערט ערמעגליכט דורך די פינסטערע זייט פון מאדערנע טעכנאלאגיע, אזוי ווי פאלשע וועבסייטס, געזעלשאפטליכע מידיא "באטס", און מאניפולירטע ווידעא און אודיא (טעיפס אן בילדער), דידזשיטעל פאבריצירטע שטארקע פעלשונגען. ווי ווייטאגליך איז, דערמאנט צו ווערן אז צווישן די שלעכטע שפילער וואס פארשפרייטן אזא כאאוס און צעטיילונג זענען אוך פאראן פראמינענטע ערוויילטע באאמטע וועלכע האבן געשוואוירן צו דינען דאס פאלק.

לעצטנס האט קאנגרעסמאן סטיוו סקעליס, דער לואיזיאנער רעפובליקאנער, מיטגעטיילט א ווידעא קליפ פון עידי בארקאן, א פראגרעסיווער אקטיוויסט ווי ער פרעגט דזשאוביידען, "ביסטו איינשטימיג אז מיר קענען אריבערפירן טייל פון די געלטער פאר די פאליציי?" אויף וואס מר. ביידען האט געענטפערט "יא, אבסאלוט".

מר. בארקאן וועלכער ליידט פון א מחלה אונטער וואס ער קען האבן קאמוניקאציע בלויז מיט די הילף פון א קאמפיוטעריזירטע שטימע, האט אבער נישט גענוצט די ווערטער "פאר פאליציי" אין זיין פראגע. די זענען אריינגעשטעלט געווארן דורך די גרופע פון מר. סקעליס, אז עס זאל אויסזען ווי מר. ביידען האט אויסגעדריקט דירעקטע שטיצע אוועקצונעמען געלטער פון די פאליציי, עפעס אויף וואס ער האט קלאר ארויסגעזאגט זיין קעגנערשאפט, נישט קיין חילוק ווי הויך די רעפובליקאנער שרייען אנדערש. מר. ביידענ'ס קרימינאלע יוסטיץ פלאן אנטהאלט פאקטיש 300 מיליאן דאלאר אין צוגאב געלטער פאר פאליציי דעפארטמענטס.

אויפגערעגט דורך די פארלעצונג האט מר. בארקאן פארגעהאלטן פאר'ן קאנגרעסמאן. ער האט געטוויט: סטיוו סקעליס, דאס זענען נישט מיינע ווערטער. איך האב פארלוירן מיין מעגליכקייט צו רעדן, אבער נישט מיינע מוח פעאיגקייטן אדער מיינע געדאנקען. דו און דיין גרופע האבן צוגעפיצט מיינע רייד פאר דיינע אייגענע פאליטישע געווינסן. ביטע נעם שוין אראפ דעם ווידעא. דו ביסט שולדיג פאר די גאנצע דיסעבילִיטי קאמיוניטי אן אנטשולדיגונג.

עס איז איין זאך פאר רוסישע "טראלס" (וואס מאניפולירן מיט'ן אינטערנעט) אדער שאטענדיגע פאליטישע גרופעס צו מאניפולירן ווידעאס מיט אן אויג צו פארפירן אמעריקאנער ווילער. פאר א געזעצגעבער וואס איז אין אמט - דער נומער 2 רעפובליקאנער אין דעם הויז נאך דערצו - אזוי צו טאן, איז אומאנטשולדיגבאר.

מיטוואך האט די דעמאקראטישע נאציאנאלע קאמפיין קאמיטע אריינגעגעבן א קלאגע קעגן מר. סקעליס ביים אפיס פון קאנגרעסיאנאלע עטיק, די זעלבסטשטענדיגע איינהייט וואס איז באאויפטראגט איבערצוקוקן באשולדיגונגען פונעם פאלק איבער קאנגרעסיאנאלע נישט ריכטיגע אויפפירונג.

(פארזעצונג אויף זייט 55)

# נייעס פון די אידישע וועלט:

## רעפובליקאנער קאנדידאט נוצט האקענקרייץ בילדער קעגן אידישע קעגנער

לארא לומער איז א באקאנטע רעכטע עקסטרעמיסט העצער קעגן מוסולמענער און קעגן ליבעראלן. זי האט געווינען די רעפובליקאנער נאמינאציע צו לויפן קעגן די דעמאקראטישע אידישע קאנגרעס מיטגליד לאאיס פרענקל, וועלכע פארטרעט א שטארק-דעמאקראטישן דיסטריקט אין דרום פלארידא, וואס נעמט אויך אריין פאלם ביטש, וואו עס געפינט זיך די אפיציעלע רעזידענץ פון פרעזידענט טראמפ, וועלכער האט אינדארסירט און קאמפיינט פאר לומער.

זי באשולדיגט אז פרענקל איז פארבינדן מיט די "בלעק לייווס מעטער" באוועגונג, און כאטש פרענקל איז אן אויסגעשפראכענע שטיצער פון מדינת ישראל, וויל זי אבער לומער האלטן פאראנטווארטליך פאר א פלאטפארמע וואס איז אמאל גענוצט געווארן דורך יענע שווארצע אקטיוויסטן אין וואס זיי האבן באשולדיגט מדינת ישראל אויף פעלקערמארד, צוליב די איזראעלי רדיפות אויף די פאלעסטינער. איצט האט לומער ארויסגעלייגט א שארפע רעקלאמע קעגן פרענקל, געצילט אויפצושפילן די מורא אז די "בי. על. עם." באוועגונג וועט פירן צו אנטיסעמיטיזם.

די רעקלאמע לויפט אויף לומער'ס קאמפיין וועבסייט און אויך אויף יוטוב. עס באשולדיגט אז פרענקל האט ליב "בי. על. עם." און דאס איז משוגע. די רעקלאמע נוצט דאס "אידישע" ווארט "משוגע", נוצענדיג דעם טראמפ מיטל אפצושפעטן אדער באליידיגן פאליטישע קעגנער", און באשולדיגט אז זי "קניט" צו א גרופע וואס וויל אפשטעלן אמעריקאנער הילף פאר מדינת ישראל. פרענקל קען נישט באשיצן די אידישע קאמיוניטי אדער איזראעל, באשולדיגט לומער.

די אטאקעס גייען נאך ווייטער און ווערן נאך מיאוס'ער, ווי שפעטער אין די רעקלאמע הערט מען א שטימע וואס שפעט אפ פון פרענקל, "פילייכט טראכט זי אז אויב זי וועט זיין שיין (גוט צו די שווארצע) וועלן זיי זיין שיין (גוט) צו די אידן אין די ענדע. דאס קלינגט באקאנט?" אינמיטן די רעקלאמע לויפן דורך בילדער פון א נאצי ראלי און פון אידן אין א קאנצענטראציע לאגער רח"ל.

דאקעגן באצייכנט די רעקלאמע לומער ווי "אן עכטע מענטש".

לומער באצייכנט זיך ווי אן "אויספארשונג זשורנאליסט", אבער זי איז פארבאטן געווארן פון פעיסבוק און טוויטער פאר פארשפרייטן האס רעדעס, און איז אויך פארבאטן געווארן דורך "אובער" און "ליפט" צוליב אירע אנטי-מוסולמענער העצרייען.

פרענקל איז ערוויילט געווארן צום קאנגרעס אין '12, און אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס באצייכענען זי ווי א פארלעסליכע און אויסגעשפראכענע קעמפער פאר מדינת ישראל. די באשולדיגונג פון לומער קומט פון א פלאטפארמע אין '16 וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך א "באוועגונג פאר שווארצע לעבענס", א קאאליציע פון ארגאניזאציעס וואס האט געוואלט צושטעלן פאליסיס פאר די "בי. על. עם." באוועגונג, אבער עס פארטרעט נישט יענע שווארצע באוועגונג וואס איז א לויזע קאאליציע.

אין איר פלאטפארמע היי יאר, ווערט אפילו נישט דערמאנט מדינת ישראל. פונדעסטוועגן פרובירט לומער אויפצוהעצן אידישע וויילער קעגן א אידישע קאנגרעס מיטגליד, וויסענדיג אז זי האט סיי ווי נישט קיין אויסזיכטן צו געווינען אין דעם שטארק-דעמאקראטישן דיסטריקט, און די דעמאקראטן וואס האבן פארדאמט די נייע העצערישע ווידעא רעקלאמע האבן אויך קריטיקירט פארוואס פרעזידענט טראמפ שטיצט אזא עקסטרעמיסט.

* * *

## אנפאלער אויף א שוהל אין וויסקאנסין, האט דאס באצייכנט ווי "אקציע קריסטאלנאכט"

ביים פראצעס פון דעם 22 יעריגן מוסולמענער יוסעף אמאר בעראסנעי, וועלכער האט זיך דערקלערט שולדיג עטליכע וואכן צוריק אז ער האט אנגעשפריצט אנטיסעמיטישע מעסעדזשעס און האקענקרייצן אויף דער וואנט פון דעם "בית ישראל סיני" טעמפל אין רעיסין, וויסקאנסין, פאר א יאר אין סעפטעמבער, איז ארויסגעקומען דער מהלך המחשבות, וואס עס האט געטריבן דעם נעא-נאצי און זיין גרופע, באקאנט אלס "די באזע", אנצוגיין מיט זייערע אנטיסעמיטישע אקטיוויטעטן.

אין די דאקומענטן ווערט "די באזע" געשילדערט אלס א נעא-נאצי גרופע, וואס צילט צו פאראייניגן מיליטאנטישע ווייסע סופרעמאסיסטן איבער דער גאנצער וועלט, און צושטעלן פאר זיי מיליטערישע מושטירונג, אין צוגרייטונג צו א "ראסע קריג". דאס וואנדאליזירן דעם טעמפל איז אויסגעפירט געווארן נאך דעם ווי די מיטגלידער פון דער באנדע האבן געמאכט א פאקט יענע וואך צו פארשטארקן זייערע אקטיוויטעטן. איין ציל איז געווען, צו דעמאנסטרירן די שטארקייט און אחדות פון "די באזע", ווי אויך צו טעראריזירן אידישע בירגער, אז זיי זאלן מורא האבן און זאלן זיך צוריקהאלטן פון ערפילן זייערע רעכטן צו נוצן און צו האבן פראפערטי, אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי נישט-אידישע ווייסע בירגער.

די אנטיסעמיטן האבן באצייכנט די אקציע אלס "אקציע קריסטאלנאכט", א פאררוף צו דעם דייטשן פאגראם פון נאוועמבער, '38, ווען די באנדעס אנטיסעמיטן האבן זיך ארויסגעלאזט איינברעכן און חרוב מאכן אידישע שוהלן און געשעפטן אין דייטשלאנד און אין עסטרייך, וואס דאס איז פאקטיש געווען דער אנהויב פונעם האלאקאוסט.

בעראסנעי האט געשריבן אין די "טשעט" פון דער גרופע, "שטעלט אייך פאר ווי אזוי עס וואלט געווען אז איבער'ן גאנצן לאנד וואלט יעדער באריכטעט אויף דער לאקאלער נייעס איבער א נייע נאצי אנוועזנהייט. אונזער אקציע וועט זיין א פערפעקטע פארשעמונג פאר די דאזיגע אידן (נוצנדיג א מיאוס'ן שפעט-אויסדרוק אויף אידן) אויף מיר וועלן טעראריסטן".

כאטש בעראסנעי איז אזוי פיינטליך צו נישט-ווייסע גרופעס, איז ער אליין אבער דער זון פון אימיגראנטן פון ירדן, און דאס איז נישט קיין סתירה צו זיינע האס-אקטיוויטעטן!...

עס ווארט אויף אים א מאקסימום שטראף פון צען יאר פעדעראלע טורמע און א געלט שטראף פון א פערטל מיליאן דאלאר, ווען ער וועט פאראורטיילט ווערן אין נאוועמבער, אבער אזוי ווי ער האט זיך דערקלערט שולדיג, וועט ער אוודאי באקומען א מילדערע שטראף אונטער דעם פלי בארגען, וואס איז אונטערגעשריבן געווארן אין פעדעראלן געריכט אין מזרח דיסטריקט פון וויסקאנסין, וואו דער באשולדיגטער האט מודה געווען אויף קאנספיראציע קעגן די ציווילע רעכטן פון די אידן, און אויך אנדערע נישט-ווייסע בירגער פון אמעריקע.

אין דעם "פלי בארגען" שטייט אויך ארויסגעשריבן, אז זיי האבן גערעדט איבער וואנדאליזירן פראפערטי פון אידן און שווארצע, און דאס וועט דורכגעפירט ווערן צווישן סעפטעמבער 20 און סעפטעמבער 25, '19, און צוליב דעם האט בעראסנעי אנגעשפריצט די אנטיסעמיטישע סימבאלן סעפטעמבער 21 אויף דער שוהל.

אין דעם אפמאך שטייט אויך, אז די פראקוראָרן האבן איינגעשטימט צו רעקאמענדירן א פאראורטיילונג שטאפעל פון 12. צו דעם קומען צו דריי שטאפלען אויף די ערנסטקייט פונעם פארברעכן, און צוויי גייען אראפ ווייל ער האט גענומען פאראנטווארטליכקייט, וואס מיינט אז ער בלייבט מיט א שטאפעל 13, וואס לויט די סענטענסינג גיידליינס, אויב עמיצער איז ביי שטאפל 13 און האט נישט קיין פריערדיגן קרימינאלן רעקארד, איז די רעקאמענדאציע פאר 12 ביז 18 מאנאטן טורמע, און דאס גייט ארויף לויט ווי אן ערנסטן קרימינאלן רעקארד דער פארברעכער האט, ביז צו א מאקסימום רעקאמענדאציע פון 33 ביז 41 מאנאטן טורמע. נאר עס שטייט קלאר ארויסגעשריבן אז דער ריכטער מעג גיין העכער אדער נידעריגערה פון די פארשריפטן, און קיינער וועט דאס נישט אפעלירן.

* * *

## פאליציי בעט הילף צו כאפן אנטיסעמיטן וואס האבן געטשעפעט סאוט נייעק זיצונג

די פאליציי האט אפעלירט צום פאלק, בעטענדיג הילף צו כאפן 2 פארמאסקירטע אנטיסעמיטן וועלכע האבן געשטערט א זיצונג פון דעם סאוט נייעק ווילעדזש באורד, אריינשרייענדיג ראסיסטישע און אנטיסעמיטישע באמערקונגען, און אויך טעראריסטישע דראאונגען. די פאליציי האט ארויסגעגעבן ווידעאס אויפ'ן ווילעדזש וועבסייט, מיט א ווארענונג אז אויב מ'וויל קוקן אויף די ווידעאס און בילדער, זאל מען וויסן פון פאראויס אז דאס אנטהאלט זאכן וואס קען אויפרעגן מענטשן.

כאטש זיי האבן פארדעקט זייערע פנים'ער מיט מאסקעס, האפט די פאליציי אז עמיצער, וועט עפעס באמערקן וואס זאל ארויסרופן א פארדאכט אויף עמיצן, און די פאליציי בעט אז מ'זאל זיי אינפארמירן, אז זיי זאלן קענען אונטערנעמען אן אויספארשונג.

די טשעפערייען איז געקומען ווען מ'האט ערלויבט פאר'ן פאלק צו באטייליגן זיך ביי די זיצונג פונעם ווילעדזש באורד אוו טראסטיס דורך "זום", ווי מיר האבן שוין פאריגע וואך באריכטעט, ווען די טראסטיס האבן איינשטימיג באשטעטיגט ביז $15,000 פאר אן אינזשענירונג פירמע צו דינען אלס ראטגעבער, צו שטודירן די מעלות און חסרונות פון אויפלעזן דעם ווילעדזש, אז עס זאל צוריק ווערן א טייל פון די טאון אוו אראנדזשטאון.

כאטש מ'פרובירט שטארק פארזיכטיג צו זיין מיט אלעם וואס מ'זאגט אדער מ'שרייבט, אז מ'זאל נישט קענען באשולדיגן אז דער ווילעדזש פאסט אנטיסעמיטישע באשלוסן, איז אבער א פאקט אז דאס טרייבט די גאנצע זאך, נאכדעם ווי די וויזניצער מוסדות האבן אונטערגעשריבן א קאנטראקט אפצוקויפן די 107 אקער פון דעם נייעק קאלעדזש, און מ'וועט דארט צוזאמברענגען די וויזניצער מוסדות וואו מ'וועט אויך האבן דארמיטארי קווארטירן עווענטועל פאר 500 בחורים. די שולעס וועלן זיין שטייער פריי, אזוי ווי דער איצטיגער קאלעדזש, וועט עס נישט זיין קיין שטייער פארלוסט פאר דעם ווילעדזש.

א סאך איינוואוינער פון סאוט נייעק זענען באזארגט אז "חסידים" ווילן זיך באזעצן אין זייער ווילעדזש, און כאטש דאס קומט נישט מיט קיין געפאר פון

אויפשטעלן אן אייגענעם ווילעדזש ווייל די פראפערטי איז דאך שוין אין דעם עקזיסטירענדן ווילעדזש, און דער אדוואקאט פאר וויזניץ האט קלאר געמאכט אז די פלענער זענען פאר שולעס, נישט פאר געדיכטע האוזינג, וואס מיינט אריינברענגען נאך משפחות אין די געגענט, האבן אבער די אנטיסעמיטן צונויפגעשטעלט א פעטיציע צו פארלאנגען אויפצולעזן דעם ווילעדזש, און זיי האבן אין אויגוסט צוגעשטעלט ארום 250 אונטערשריפטן אויף די פעטיציע, מער ווי די מינימום 192 וואס איז נויטיג, אלס 10 פראצענט פון די רעגיסטרירטע וויילער אין דעם ווילעדזש.

דער ווילעדזש קלערק האט געהאט 10 טעג צייט צו באשטעטיגן די אונטערשריפטן, און אזוי ווי קיינער האט נישט געשטעלט קיין קעגנערשאפט איז עס געווען א רוטינע זאך. דערנאך האבן די טראסטיס 30 טעג צו באשטימען א דאטום פאר א רעפערענדום וואס דארף פארקומען צווישן 60 און 90 טעג שפעטער, און אזוי ווי עס איז שוין צו נאענט צו די נאוועמבער וואלן, וועט דער ווילעדזש מוזן פאררופן ספעציעלע וואלן פאר דעם רעפערענדום.

א געוועזענער מעיאר פון סאוט נייעק, טשארלס קראס, וועלכער איז דער ווארטזאגער פאר די פעטיציע, האט "אויפגעקלערט" אז מ'איז אומצופרידן פון די גרויסע שטייער העכערונגען אין דעם ווילעדזש. קראס האט געדינט אלס מעיאר ארום 17 יאר, איבער 20 יאר צוריק. ער האלט אז דער בעסטער וועג איצט איז אויפצולעזן דעם ווילעדזש און זאל די טאון צושטעלן די "סערוויסעס" וואס וועט קאסטן ארום העלפט ווי עס קאסט איצט פאר'ן ווילעדזש.

מ'קען אבער נישט לייקענען אז די איינוואוינער האבן אנגעהויבן צו שענקען מער אויפמערקזאמקייט צום אויפלעזן דעם ווילעדזש ווען מ'האט פארהאנדעלט און מ'האט פארקויפט דעם קאלעדזש פאר וויזניץ.

עס איז אבער אויך פאראן א באדייטענדער צאל צווישן די 3,517 איינוואוינער פונעם ווילעדזש וועלכע זענען נישט אזוי זיכער אז עס וועט גוט זיין צו פארלירן דעם אייגנארטיגן כאראקטער פון אן אייגענעם ווילעדזש. צוליב דעם האט מען אויפגענומען די זעלבסט־שטענדיגע ראטגעבער צו אנאליזירן אלע מעלות און חסרונות און רעפערירן צו די טראסטיס.

עס איז אבער געווען אן אויפטריי־סלענדע געשעעניש ווען די אנטיסעמיטן האבן פרובירט צו שטערן די זיצונג, איבערהויפט ווען זיי האבן מערערע מאל געסטראשעט אז זיי ווען באמבארדירן דעם ווילעדזש, און אז אייסיס קומט צום ווילעדזש, און זיי האבן געוויזן א נאצי האקענקרייץ פאן. איינער האט אפילו

געוויזן אן אנדערן פאן מיט א בילד ווי מ'האקט אפ דעם קאפ (רח"ל) פאר עמיצן, אזוי ווי אייסיס פלעגט טאן.

די 2 מענטשן זענען געווען א מאן און א פרוי, לויט זייערע שטימעס, און האבן 7 מאל אריינגעהאקט אין די זיצונג, מיט גאר מיאוס'ע באליידיגונגען אויף מעיאר באני קריסטשען, אין צוגאב צו שעלטן די אידן און נוצן ראסיסטישע באליידיגונגען אויף שווארצע.

די פאליציי האט זייער ערנסט אויפגענומען דעם אינצידענט, ווי מ'זעט אז זיי האבן ענדע פאריגע וואך נאכאמאל געבעטן הילף צו אידענטיפיצירן און כאפן די פארברעכער.

* * *

## פראצעס אויף די מוסולמענער טעראריסטן פון דעם אנפאל אויף אידישן סופערמארקעט אין פאריז 5 יאר צוריק, אנגעהויבן

עס האט זיך אנגעהויבן אין פאריז דער



## נייעס פון די אידישע וועלט:

פראצעס אויף די 14 קאלאבאראטארן וועלכע זענען באשולדיגט אין צושטעלן שטיצע און הילף פאר די 2 מוסולמענער טעראריסטן, די ברידער סאאיד און שעריף קוואטשי וועלכע האבן דורכגעפירט דעם מערדערישן אנפאל אויף די טשארלי העבדא צייטשריפט אין פאריז יאנואר 7, '15, און אמאדי קוליבאלי וועלכער האט 2 טעג שפעטער פארכאפט משכונות און גע'הרג'עט אידן אין דעם כשר'ן סופערמארקעט אין פאריז יענעם פרייטאג. די באשולדיגטע האבן אויף זיך קלאגעס פון באטייליגן אין א טעראריסטישן קרימינאלן פאראיין.

די טעראר כוואליע האט זיך אנגעהויבן ארום 11:30 פארמיטאג, יאנואר 7, '15, ווען די 2 קוואטשי ברידער האבן זיך אריינגעריסן אין די אפיסעס פון די טשארלי העבדא וואכנשריפט אין פאריז, באוואפנט מיט ביקסן. זיי האבן זיך אידענטיפיצירט אלס מיטגלידער פון על-קאידא, וואס זיי זענען זיך געקומען אפרעכענען מיט העבדא ווייל די צייטשריפט האט געדרוקט א קאריקאטור וואס איז נישט געווען רעספעקטפול צו זייער (פאלשן) נביא מוכאמעד. זיי האבן אנגעהויבן שיסן אויף די מענטשן אין די אפיסעס, 12 זענען געשטארבן און 11 זענען פארוואונדעט געווארן.

צוויי טעג שפעטער האט זייער קאלעגע קוליבאלי אטאקירט דעם "הייפער כשר" סופערמארקעט, וואו ער האט געהאלטן 19 משכונות און האט גע'הרג'עט 4 אידן, ביז דער מערדער איז אליין גע'הרג'עט געווארן.

דאס לאנד האט זיך איבערגעדרייט ווען מ'האט געזוכט די קוואטשי ברידער און מ'האט זיי געכאפט טאקע יענעם פרייטאג, יאנואר 9, ווען זיי האבן געהאט פרישע משכונות אין אן אנדער שטעטל, אבער זיי זענען דערשאסן געווארן צום טויט ווען זיי האבן זיך פרובירט ארויסצורייסן פון יענע ביזנעס מיט א שיסעריי.


בס"ד

איחוד מוסדות תולדות אברהם יצחק

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לשנה טובה!



לקראת השנה החדשה הבא עלינו לטובה

הננו בזה לברך את מע"כ ידידינו ותומכינו הח', השותפים עמנו במשא המוסדות הק', ברכת

כתיבה וחתימה טובה צו א גוט געבענטשט יאר'

כל התפילות והבקשות בימים הק', בעדיכם ובעד משפחתיכם, יתמלאו ברחמים וברצון לפני אדון כל.

מודעה מיוחדת

בהאי עידן דכד עייל שתא חדתא, מודיעים אנו לאנ"ש היקרים שיחיו, כי הנה

המגבית השנתית בערי ארה"ב

לטובת מוסדותינו הקדושים ממלכת התורה והחסידות

יתקיים בע"ה כמדי שנה בשנה, אחרי הימים טובים

המברך והמודיע בשם ההנהלה, מנחם שווארץ יו"ר איחוד המוסדות


צוויי טעג שפעטער, זונטאג יאנואר 11, האבן זיך 2 מיליאן מענטשן געטראפן אין פאריז צו באטייליגן אין א ראלי פון נאציאנאלע אחדות, ארייגערעכענט איבער 40 וועלט פירער. עס זענען אויך פארגעקומען סאלידאריטעט דעמאנסטראציעס אין מערערע שטעט אין פראנקרייך, אין וואס א געשאצטע 3.7 מיליאן מענטשן האבן זיך באטייליגט.

דער פארבליבענער שטאב פון טשארלי העבדא האט פארגעזעצט די ארבעט, מ'האט ארויסגעגעבן א פרישע אויסגאבע, וואס אין די קומענדיגע וואך האט מען געדרוקט באלד 8 מיליאן עקזעמפלארן פון די צייטשריפט, אין 6 שפראכן, אין פארגלייך צו די געווענליכע 60,000 וואס מ'פלעגט דריקן בלויז אין די פראנצויזישע שפראך.

איצט קומט פאר דער פראצעס אונטער זייער א שטרענגע וואך אין פאריז, און מ'ערווארט אז עס וועט דויערן איבער 6 וואכן, ווען מ'וועט הערן פון ארום 140 עדות. 3 פון די באשולדיגטע זענען שוין אנטלאפן קיין סיריע נאך פאר די אטאקע, אבער אויך זיי וועלן איצט גע'משפט ווערן אפילו אין זייער אפוועזנהייט.

אויב זיי וועלן פאראורטיילט ווערן אלס שולדיג, קען איינער פון זיי באקומען ביז לעבענסלענגליכע טורמע, עטליכע ביז 20 יאר טורמע, און די איבריגע וועלן אפקומען מיט מילדערע שטראפן. (אין אייראפע פאראורטיילט מען נישט אזוי שטרענג ווי אין אמעריקע.)

פאריגן מיטוואך האט טשארלי העבדא איבערגעדריקט יענעם קאנטראווערסיאלן קאריקאטור פון מוכאמעד, ווי ער שטייט מיט א גרויס מעסער אין די האנט מיט וואס ער וויל ל"ע "שחט'ן" א איד מיט א בארד, וואס די מוסולמענער האבן געשטורעמט אז די קאריקאטור שילדערט זייער אפגאט ווי עפעס א רוצח. די רעדאקטארן האבן אויפגעקלערט אז זיי האבן איצט נאכאמאל געדרוקט דעם קאריקאטור ווייל דאס איז "טייל פון די היסטאריע, און מ'קען נישט איבערשרייבן היסטאריע, אויך קען מען עס נישט אפמעקן".

* * *

## ווייסע אידישע פראפעסאר איז מודה אז זי האט לאנגע יארן געשפילט די ראלע פון א שווארצע

א סקאנדאל איז אנטשטאנען ווען עס איז באקאנט געווארן אז דזשעסיקא קרוג, א פראפעסאר פון אפריקאנער שטודיע אין דזשארדזש וואשינגטאן אוניווערזיטעט וואס איז א קאלעדזש פאר שווארצע, האט ענדליך מודה געווען אז זי האט אלע יארן זיך פארגעשטעלט ווי א שווארצע, וועלכע

(פארזעצונג אויף זייט 12)


IT'S NOT "IF."
IT'S "WHEN."
Like helium-filled party balloons, historically low mortgage rates have nowhere to go but *up*.
Talk to us before the party's over.
Ark Mortgage
The Better Way Home
Ark Mortgage Inc. | NMLS ID 103915 | (888) 275-8575 | www.arkmortgage.com | 1 Perlman Drive • Spring Valley, NY 10977
Licensed Mortgage Banker, NYS Dept of Financial Services | Licensed Residential Mortgage Lender, NJ Dept of Banking & Insurance

# נייעס פון די אידישע וועלט:

(פארזעצונג פון זייט 10)

האט געוואלט אפמעקן איר ערפארונג ווען זי איז אויפגעוואקסן ווי א ווייס אידיש קינד, אין דער אומגעגנט פון קענזעס סיטי. זי האט געשריבן אין דעם מעסעדזש וואס איז דאנערשטאג פארעפענטליכט געווארן, אז זי האט אנגענומען פארשידענע אידענטיטעטן אין די ראמען פון א שווארצע, און זי האט נישט געהאט קיין שום רעכטן דערצו, און זי קלאפט זיך "על חטא" אויף איר אויפפירונג אז דאס שפיגלט אפ די געוואלדטאטן, די גניבות פון די פילצאליגע וועגן אין וואס די נישט-שווארצע מענטשן נוצן נאך היינט אויס און פארלעצן שווארצע אידענטיטעטן און קולטורן. זי האט אויסגעדרוקט איר באדויערן פאר שאפן נאענטע באציאונגען מיט מענטשן וואס האבן געהאט צוטרוי און האבן געזארגט פאר איר, ווען דאס איז זיך איר נישט געקומען.

איר ביאגראפיע אויפ'ן וועבסייט פון דעם קאלעדזש לויטעט, אז זי האט שטודירט די פאליטיק און קולטוראלע אויפפירונג אין אפריקע, און אין דעם אפריקאנער גלות. זי האט אפילו געדרוקט א בוך אין '18, איבער די פאליטיק פון די שווארצע אין אפריקע און אין אמעריקע, און האט געארבייט אויף א צווייטן בוך. זי האט אויך בייגעשטייערט צו פאפולערע נייעס אויסגאבעס, אין וואס זי האט זיך אידענטיפיצירט אלס א "קינד פון דער געגנט", אדער ווי א פארטאריקאנער.

די אידישע געמיינדע אין קענזעס וואו קרוג זאגט אז זי איז אויפגעוואקסן, איז זייער א קליינע. די אידן זענען בלויז זעקס צענטלעך פון איין פראצענט פון די סטעיט'ס באפעלקערונג. אין דער שטאט קענזעס סיטי איז אבער יא דא א אידישער ישוב, אריינגערעכנט א "אידישע פעדערעישאן" מיט 14 שוהלן און טעמפלס, וואס גייט פון רעפארם, ביז קאנסערוואטיוו, און מאדערן-ארטאדאקס, און אפילו א חב"ד שוהל.

איין אראבער וואס האט זיך אלץ אנגענומען פאר איר, טראץ ווארענונגען פון שווארצע פריינט וועלכע האבן גע'טענה'ט אז זי איז נישט גענוג א שווארצע, זאגט, אז קרוג האט באשלאסן מודה צו זיין צוליב די וואקסנדע פארדאכטן ביי אירע קאלעגעס. זי האט דאס געטאן ווייל מ'האט זי שוין געכאפט. דער אראבער איז דער הויפט רעדאקטאר פון א נייעס אויסגאבע, וואס האט געדרוקט עטליכע בייזשטייערונגען פון קרוג וואס זענען שוין אראפגענומען געווארן פונעם וועבסייט.

קרוג האט נישט באלד אויפגעקלערט פארוואס זי האט איצט באשלאסן מודה צו זיין, אבער עס האט באלד דערמאנט די געשיכטע פון רעיטשעל דאלעזאל, וועלכע איז אפילו געווען די פרעזידענט פון איר לאקאלע "ען. עי. עי. סי. פי." די שווארצע סיוויל רייטס ארגאניזאציע, ביז אירע עלטערן האבן אויפגעדעקט אז זי איז גאר א ווייסע פרוי מיט א טונקעלע הויט.

קרוג פרובירט צו פארענטפערן פארוואס זי האט גענומען א פאלשע אידענטיטעט, ווייל זי האט געליטן פון פארשידענע גייסטישע פראבלעמען, און ווען זי האט ענדליך אנגעהויבן צו גיין צו פסיכיאטארן שפעט אין לעבן, האבן זיי פרובירט זי צו בארואיגן אז דאס איז אן אפטע ערשיינונג וואס קומט אלס רעזולטאט פון שווערע איבערלעבענישן אין אירע קינדער יארן.

דער קאלעדזש האט געמאלדן אז קרוג וועט מער נישט געבן קיין לעקציעס אין נייעם שולע יאר. דער קאלעדזש וועט נאך איבערקוקן און נעמען אין באטראכט דעם גאנצן מצב, אבער ביז דערווייל ארבייט מען אויס אנדערע אויסוואלן פאר די סטודענטן וואס האבן געדארפט זיין אין אירע קלאסן. אנדערע פראפעסארן אין דעם היסטאריע דעפארטמענט האבן פרייטאג פארלאנגט אז זי זאל רעזיגנירן, אפטרעטן פונעם שווארצן קאלעדזש.

ווי געזאגט, איז קרוג אויפגעוואקסן ווי א אידיש מיידל, און זי זאגט אז זי איז אפילו געגאנגען אין א אידישע "דעי סקול" אין קענזעס סיטי אלס קינד, און שפעטער האט זי זיך באטייליגט אין א קאנסערוואטיוון טעמפל נעבן קענזעס סיטי, וואו איר פאמיליע איז געווען א מיטגליד אין קאנגרעגעישאן אוהב שלום אין פרייערי ווילעדזש, נעבן קענזעס סיטי. אריגינעל איז איר טאטע גאר געווען א מיטגליד אין אן ארטאדאקסישע שוהל איידער ער האט זיך אריבערגעצויגן קיין לאס וועגאס וואו ער איז געשטארבן דריי יאר צוריק.

ערשט עטליכע מאנאטן צוריק, אין יוני, האט קרוג צוגעשטעלט "ווירטשועל" עדות'שאפט צו א ניו יארקער סיטי קאונסיל זיצונג, אין וואס זי האט קריטיקירט פארוואס דער ניו יארקער פאליציי דעפארטמענט ווערט מושטירט דורך די איזראעלי ארמיי. פאליציי באאמטע פון מערערע שטעט כאפן זיך אריבער פאר געוויסע מושטירונגען אין מדינת ישראל, וואס ווערט אפט קריטיקירט דורך פרא-פאלעסטינער אקטיוויסטן. די ארגאניזירער טענה'ן, אז דאס זענען פירערשאפט סעמינארן וואס ערמוטיגן נישט פאליציי ברוטאליטעט, און מ'לערנט נישט דארט די פאליסלייט פיזישע טאקטיקן וואס צו נוצן.

* * *

## עטליכע רעכטע עקסטרעמיסטן ארעסטירט פאר שטיצן "כאמאס"

דער יוסטיץ דעפארטמענט האט דאנערשטאג געמאלדן אז מ'האט ארעסטירט דעם 30 יעריגן מייקל ראבערט

(פארזעצונג אויף זייט 14)





YESHIVAS AREIVES HATORAH

על טהרת הקודש

בהנהלת הרה"ג ר' צבי יעקב מארק שליט"א

הרה"ג ר שמשון רפאל ערלאנגער שליט"א מגי"ש - הרה"ג ר' אליעזר זאב קליין שליט"א מגי"ש
הרה"ג ר' בעריש פריעדמאן שליט"א משפיע - הרה"ג ר' שמואל מאיר גוטמאן שליט"א מגי"ש
הרה"ג ר' ברוך שווארץ שליט"א נו"נ ומשפיע - מו"ץ פעיה"ק - הרה"ג ר' יעקב בידערמאן שליט"א נו"נ
הרה"ג ר' שמואל ארי' פריעדמאן שליט"א נו"נ - הרה"ג ר' נפתלי צבי שאהן שליט"א נו"נ

בס"ד

מודעה חשובה

חודש אלול תש"פ

הננו בזה להודיע לקהל הקודש, כי

ההרשמה

לזמן חורף הבעל"ט

להתקבל בין כותלי ישיבתינו הק'

הוא אך ורק עד

יום שני

כ"ה לחודש אלול הבעל"ט

הישיבה מיועדת לבחורים מחו"ל מגיל 18 שלמדו כבר 2 שנים בישיבה גדולה

ונפשם איוותה להמשיך לשבת בבית ה' עד שיזכו להקים את ביתם ולהתעלות בעבודת ה' בעמל ובהתמדה יתירה

הישיבה נמצאת בטבורה של ירושלים במקום מרווח ביותר, תוך מתן אש"ל מלא לבחורי הישיבה.

לקבל אפליקעשן — יש להתקשר למס' טלפון
1-646-585-3038 EXT. 4

ליתר פרטים — אפשר להתקשר למנהל הישיבה
הרה"ג ר' צבי יעקב מארק שליט"א
1-646-585-3038 EXT. 3

ויה"ר שנזכה להגדיל תורה ולהאדירה, בהרמת קרן התורה והיראה בישיבתינו הק', עדי ביאת משיח צדקינו בב"א.

בכבוד רב
ההנהלה

אדרעסס:
רחוב פישל 8, ירושלים, 1-646-585-3038

Simply the best.



כתיבה וחתימה טובה

Pomegranate

1507 CONEY ISLAND AVE. AT AVE. L • T. 718.951.7112 • F. 718.951.7113 • THEPOMPEOPLE.COM

# נייעס פון די אידישע וועלט:

(פארזעצונג פון זייט 12)

סאלאמאן און דעם 22 יעריגן בענדזשאמין ראיען טיטער, מיטגלידער פון די "בוגעלו באיס", א רעכטע עקסטרעמיסטישע אנטי-רעגירונג באוועגונג, ווייל זיי האבן פלאנירט און פרובירט צו געבן שטיצע פאר "כאמאס", וואס איז אן אומלעגאלע טעראריסטישע ארגאניזאציע אין אמעריקע.

לויט די באשולדיגונג, זענען די צוויי רעקארדירט געווארן דורך אן אנגעבליכן "כאמאס" מיטגליד, פארשפרעכנדיג צו דינען ווי געדונגענע סאלדאטן פאר "כאמאס" אין אויסטויש פאר קעש. זיי האבן דערנאך געגעבן וואפען פאר יענעם "כאמאס" מיטגליד, נישט וויסנדיג אז יענער האט גאר געארבייט אין געהיים מיט די "עף בי איי". די צוויי קאנספיראטארן האבן געמיינט אז זיי ארבייטן מיט דעם כאמאסניק צו העלפן שטירצן די אמעריקאנער רעגירונג!

דער געהילף אטוירני דזשענעראל פאר די נאציאנאלע זיכערהייט אפטיילונג, דזשאן דעמערס, האט פרובירט אויפצוקלערן דעם קוריאזן "שידוך" פון כאמאס מיט די רעכטע עקסטרעמיסטן, אז מ'קען דאס בלויז פארשטיין אלס א צעדרייטער ביישפיל פון דעם אלטן ווערטל, אז "דער שונא פון מיין שונא, איז מיין פריינט". צוליב דעם, אפילו אויב די רעכטע עקסטרעמיסטן האבן פיינט "כאמאס", האבן זיי אבער געקענט באשטיין צו נוצן "כאמאס" אין א קאנספיראציע קעגן אמעריקע.

די "בוגעלו באיס" איז א לויזע נעץ פון אנטי-רעגירונג עקסטרעמיסטן, וועמענ'ס ציל איז צו אטאקירן די פאליציי און אנדערע רעגירונג אינסטיטוציעס. די ארעסטירטע טעראריסטן זענען אויך מיטגלידער פון א קלענערע גרופע אין די גרויסע גרופע וואס רופט זיך "בודזשאהידין", אזא ווערטער-שפיל אויף דעם אראבישן ווארט "מודזשאהידין", וואס מיינט דזשיהאדיסטן.

עס זענען פאראן עדות וואס האבן געזען סאלאמאן גיין מיט אפענע גאנס אין מינעאפאליס, נאכדעם ווי דער שווארצער דזשארדזש פלאיד איז גע'הרג'עט געווארן דורך שווארצע פאליסלייט אין מאי. דאס האט אנגעהויבן די שטורמישע "בלעק לייווס מעטער" דעמאנסטראציעס, און מ'קען אפילו זאגן "רעוואלוציע" פון וואס אמעריקע ליידט נאך איצט.

ווי געזאגט, איז "כאמאס" א טעראריסטישע ארגאניזאציע וואס איז אזוי באצייכנט געווארן דורכ'ן סטעיט דעפארטמענט, ארויפגייענדיג אויף די ליסטע פון אויסלענדישע טעראריסטישע ארגאניזאציעס, וואס מיינט אז ווער עס האט עפעס א פארבינדונג מיט "כאמאס", אדער גיט כאטש וועלכע הילף פאר זיי, קען ארעסטירט ווערן, אזוי ווי מ'האט איצט געזען מיט די צוויי רעכטע עקסטרעמיסטן.

## פאסט אפיס אין האלאנד פארשט ווער עס האט ארויפגעלייגט אנטיסעמיטישע באמערקונג אויף פאסט

דער פאסט אפיס אין אמסטערדאם פארשט ווי אזוי א פעקל וואס איז געשיקט געווארן פון האלאנד קיין מדינת ישראל, האט געהאט אן אדרעסע אויף וואס מ'האט געשריבן א "זיפ קאוד" מיט בוכשטאבן פון א מיאוס'ע אנטיסעמיטישע באליידיגונג.

דאס פעקל איז שוין ארויסגעשיקט געווארן עטליכע וואכן צוריק, דורך א פרוי צו אירע אייניקלעך, און נאכדעם ווי עס איז נישט אנגעקומען באצייטענס, האט זי גענוצט דעם "טרעקינג קאוד", נאכצוקוקן אויפ'ן פאסט אפיס וועבסייט דעם סטאטוס פון דעם פעקל. דאן האט זי באמערקט אז עמיצער האט צוגעלייגט די מיאוס'ע ווערטער צום "זיפ קאוד" פון די אדרעסע אין חולון.

אין דעם באריכט איז נישט אנגעגעבן געווארן צי דער געטוישטער זיפ קאוד איז געווען די סיבה פאר די שפעטיגונג.

מ'האט זייער ערנסט אויפגענומען דעם אינצידענט אין אמסטערדאם, איבערהויפט ווען עס האט געצויגן ברייטע פרעסע און מידיא דעקונג.

* * *

## דענמארק פארלאמענט וויל באטראכטן פארבאט אויף ברית'ן

דער פארלאמענט אין דענמארק וועט באטראכטן א געזעץ פארשלאג צו פארבאטן אלע ברית'ן, סיידן פאר מעדיצינישע סיבות. דער פרעזידענט פון די אידישע געמיינדע אין דענמארק, ר' הערש גאלדשטיין, האט זיך באקלאגט אז דאס איז די ערגסטע סכנה פאר די אידן אין דענמארק זינט די צווייטע וועלט מלחמה.

דער פארבאט פארשלאג איז אריינגעגעבן געווארן דורך א דעפוטאט וועלכער איז א פירער פון די לינקע "פארווערטס" פארטיי, און האט אמאל געדינט אלס אינערן מיניסטער פון לאנד. ער האט קלאר ארויסגעשריבן אויף זיין "פעיסבוק" זייטל, אז אין פרינציפ האלט ער אז עס טאר נישט זיין לעגאל צו שניידן קליינע קינדער צוליב אן אלטן רעליגיעזן מנהג (עפ"ל). צוליב דעם וויל ער פארבאטן ברית'ן פאר די 18 יאר, סיידן פאר געזונטהייט סיבות.

די רעגירנדע סאציאל דעמאקראטישע פארטיי האט נאכנישט געזאגט ווי אזוי זי וועט שטימען אויף דעם פארשלאג, אבער מ'איז זייער ערנסט באזארגט אז מ'נעמט בכלל אין באטראכט אזא פארשלאג. צוויי יאר צוריק האט מען פארגעשלאגן אזא געזעץ אין אייסלאנד, אבער מ'האט דאס צוריקגעצויגן צוליב אינטערנאציאנאלע פראטעסטן, און ברית'ן זענען איצט לעגאל אין גאנץ אייראפע.

* * *

## פאליציי אין אלזשיריע ארעסטירט פארברעכער וועלכער האט דורכגעפירט שוידערליכע אטאקע אויף אידן אין פאריז

די פאליציי אין אלזשיריע האט ארעסטירט דעם 24 יעריגן הוסאמי האטרי, אין א שטאט נעבן די גרעניץ מיט מאראקא, ארום 250 מייל מערב פון די הויפטשטאט אלזשיר.

האטרי איז א בירגער פון פראנקרייך און אויך פון אלזשיריע, וועט ער געשטעלט ווערן צו א פרישן פראצעס אין אלזשיריע, ווייל דאס לאנד האט נישט קיין אויסליפערונג אפמאך מיט פראנקרייך, אבער די פראנצויזישע פאליציי האט צו וויסן געטאן פאר די אלזשירישער פאליציי וואו דער פארברעכער באהאלט זיך אויס.

ער איז געווען איינער פון דריי רויבער וועלכע האבן דורכגעפירט אן איבערפאל אויף א הויז אין איינעם פון די שטעטלעך נעבן פאריז אין סעפטעמבער, '14. זיי האבן געפייניגט דעם אידישן מאן וועלכער איז געווען אין די צוואנציגער יארן און זיין פרוי, זאגנדיג אז זיי ווייסן אז זיין פאמיליע

(פארזעצונג אויף זייט 64)

The best choice for your Recuperation Experience



אשת חיל
Aishes Chayil
דקרית יואל
אוהל חנה רחל
בנשיאות הרבנית הצדיקת מסאטמאר תליט"א

Kimpeturin • Convalescent • Vach-Nacht Hall
Gift shop on premises

7 Chevron Road Monroe NY 10950 • 845.783.1800

בס"ד, ער"ה תשפ"א

בית המדרש ותיקין – בארא פארק

1254-51st Street. Tel. 718-436-3992

הננו בזה להודיע לכל המעונינים להתפלל בימים הנוראים הבעל"ט עם הנץ החמה כוותיקין, שבראש השנה ויום הכפורים הבעל"ט וגם ביום א' דסליחות וערב ראש השנה יתפללו

בבית המדרש ותיקין - 1254-51st Street

בזמנים כדלהלן:

אמירת סליחות ביום א' בשעה...... 4:50 (הנץ החמה 6:35)
אמירת סליחות בשאר הימים בשעה...... 5:10
אמירת סליחות בערב ראש השנה בשעה...... 4:20 (הנץ החמה 6:40)
תפלת מנחה בער"ה בשעה...... 6:40
תפלת שחרית בר"ה בשעה...... 5:20 (הנץ החמה 6:41) - תקיעת שופר בשעה 9:15
תפלת מנחה בר"ה בשעה...... 6:30

ובכל שאר ימות השנה, שחרית, הודו חצי שעה לפני הנץ ובשב"ק שעה לפני הנץ.

מנחה ערב יו"כ בשעה...... 3:30
כל נדרי בשעה...... 6:35 - מעריב יו"כ בשעה 7:50
שחרית יו"כ בשעה...... 5:30 (הנץ החמה 6:49)
מנחה יו"כ בשעה...... 4:50

גם מי שאינו נזהר להתפלל כותיקין בכל ימות השנה יתאמץ בכל כוחו להתפלל כותיקין בימים הנוראים.

גודל מעלת התפלה עם הנץ החמה כותיקין ידוע שאין לשער ערכה ומלבד ההלכה המפורשת בשו"ע או"ח (סימן ח"ן) הנה מסוגלת וזוכים על ידה לדברים הרבה הן ברחניות והן בגשמיות (עי' בספה"ק תקון חצות פרק כ"א) גם ממתקת הדינים מעל כל העיר.

ובפרט בימים הנוראים הקדושים כתב בשער המלך (עמוד נ"ה) שצריכים להזהר בזה להתפלל כותיקין ויהיו מובטחין שתהי' שנה טובה וישועה וברכה וגם יהיו בטוחים שלא יהיו נזוקים ביום זה מן המזיק הבא להזיק בחצר הניזק ולהגיח בקרנו ולהסטין ואז יהיו בטוחים על כל השנה ושיחדש עלינו שנה טובה.

רבינו יהונתן אייבשיץ זי"ע בפירושו על איכה כותב: שתפלת ותיקין מוכרחת להתקבל (וכן מבואר במדרש פר' ואתחנן) ואילו היו מתפללין ותיקין ביום החורבן לא הי' נחרב בית המקדש ולכן כתיב: סכות בענן לך מעבור תפלה כדי שלא ידעו מתי הנץ החמה.

בספר בן איש חי (פר' נצבים סעיף יא): אין ישנים בראש השנה ולכן יקום משנתו קודם עלות השחר ואם אינו יכול כגון מחמת מיחושים ישתדל לישן רק מחצות היום. ועי' כמו"כ במטה אפרים סי' תקפ"ד.

בברכת כתיבה וחתימה טובה, שנת גאולה וישועה
הנהלת בית המדרש ותיקין

בס"ד

Light up your Yom Tov!

ספעציעל לייכט אויפן מאגן

געשמאק און געזונט פארן הארץ

אויך געאייגענט פאר קידוש און הבדלה

למהדרין מן המהדרין בהשגחת הרה"ג מצעהלים שליט"א

LESS THAN
HALF THE CARBS
FULL OF FLAVOR

LESS THAN 1/2 THE CALORIES, CARBS & SUGAR THAN REGULAR GRAPE JUICE




KEDEM®

כתיבה וחתימה טובה!

ROYAL WINE CORPORATION, BAYONNE, NJ

## די ראסע דעמאנסטראציעס:

# ראטשעסטער פאליציי שעף און זיין גאנצער הויפטשטאב רעזיגנירן צוליב'ן טויט פון א קראנקען שווארצן

דער פאליציי שעף פון ראטשעסטער, ניו יארק, לעראן סינגלטערי, און זיין הויפט געהילף שעף דזשאסעף מאראביטא, האבן דינסטאג רעטייערט, און אויך דער גאנצער הויפט שטאב פון די פאליציי האט רעזיגנירט, צוליב דעם אויפטרייסלענדן סקאנדאל פון אן אומבאוואפנטן גייסטיש קראנקער שווארצער וועלכער איז דערשטיקט געווארן דורך א ווייסן פאליסמאן.

שטורמישע דעמאנסטראציעס זענען פארגעקומען אין ראטשעסטער, ניו יארק, נאכדעם ווי די געשיכטע איז פאריגע וואך באקאנט געווארן, אז א ווייסער פאליסמאן האט ארויפגעלייגט א "הוד", אזא "היטל" וואס דעקט צו דעם גאנצן קאפ אויף דעם 41 יעריגן גייסטיש-קראנקען שווארצער, מערץ 23, וואס די פאליציי טוט דאס געווענליך ווען מ'וויל זיך באשיצן אז דער ארעסטאנט זאל נישט שפייען אויף זיי, נאר אין דעם פאל האט אים דערנאך א צווייטער פאליסמאן אראפגעקוועטשט און אראפגעהאלטן אויף דער ערד מיט א פארבינדענעם קאפ ארום 2 מינוט צייט, ביז ער האט אויפגעהערט אטעמען. מ'האט אים אפגעפירט אין שפיטאל אין א באוואוסטלאזן צושטאנד, און אזוי ווי מ'האט פעסטגעשטעלט אז ער איז שוין מוח-טויט, האט מען אויסגעלאשן די מאשינען א וואך שפעטער און ער איז געשטארבן.

ראטשעסטער איז די 3'טע גרעסטע שטאט אין ניו יארק. עס געפינט זיך צווישן אלבאני און באפעלאו.

עס שטעלט זיך ארויס אז די טראגישע געשיכטע וואלט געדארפט פארמיטן ווערן, ווייל א ברודער פון דעם פארשטארבענעם דעניעל פרוד, דזשאו פרוד, האט טעלעפאנירט 911 צו בעטן הילף זעענדיג די אומנארמאלע אויפפירונג פון זיין ברודער דעניעל. מ'האט אים יענעם אווענט געפירט אין שפיטאל אפצושאצן זיין גייסטישן צושטאנד, אבער מ'האט אים ארויסגעלאזט נאך א פאר שעה. שפעטער האט עמיצער גערופן די פאליציי באקלאגענדיג זיך איבער א שווארצן מאן וואס לויפט ארום אויף די גאס אן קליידונג, און ווען די פאליציי האט אים געטראפן, האט ער אנגעבליך אנגעהויבן שפייען אויף זיי, האבן זיי אים געקייטעלט אויף דער ערד, און מ'זעט אויף די בילדער ווי א פאליסמאן האט ארויפגעלייגט דעם צודעק אויף זיין קאפ, און שפעטער האט אים א פאליסמאן אראפגעקוועטשט אויף דער ערד ביז ער האט אויפגעהערט אטעמען, אין אנדערע ווערטער, ער איז דערשטיקט געווארן דורך די פאליציי.

וויבאלד דאס איז באקאנט געווארן זענען 7 פאליסלייט דאנערשטאג סוספענדירט געווארן, און 2 טעג שפעטער האט סטעיט אטוירני דזשענעראל לעטישא דזשעימס געמאלדן אז זי וועט צונויפשטעלן א גרענד דזשורי און דורכפירן אן אויספירליכע אויספארשונג איבער דעם גאנצן אינצידענט. עס איז געקומען פארלאנגען פאר די רעזיגנאציעס פון די מעיאר, לאוולי ווארען, א שווארצע, אויך פונעם פאליציי שעף פון ראטשעסטער, וואס זיי האבן אפגעווארפן.

באאמטע פון די פאליציי יוניאן האבן גע'טענה'ט אז די פאליסלייט האבן אויסגעפאלגט וואס מ'האט זיי מושטירט.

זינט דאן האט זיך אנגעהויבן דעמאנסטראציעס יעדע נאכט, אפטמאל מיט איבער 1,000 באטייליגטע. אין די ערשטע נעכט איז אפילו געקומען צו צוזאמענשטויסן צווישן די פאליציי מיט די דעמאנסטראנטן, און די פאליסלייט האבן באשפריצט די דעמאנסטראנטן מיט א כעמישע פליסיגקייט און מ'האט אויך געשאסן אויף זיי "פעפער באלס" צו פארטרייבן זיי פון די באריקאדעס וואס איז אויפגעשטעלט געווארן ארום די פאליציי הויפטקווארטיר געביידע.

די ראיאטערס האבן אונטערגעצינדן א באס סטאפ.

זונטאג נאכט איז נאך אלץ געווען א ריזיגע דעמאנסטראציע אבער עס איז שוין נישט געווען קיין קאנפראנטאציעס, ווען פראמינענטע קאמיוניטי פירער האבן זיך אויסגעשטעלט צווישן די פאליציי.

מ'הערט יעצט פארלאנגען פאר געזעצן, פארצושרייבן ווי אזוי די פאליציי זאל רעאגירן ווען עס האנדלט זיך מיט גייסטיש קראנקע מענטשן. בכלל פרעגט מען, פארוואס דאס שפיטאל האט ארויסגעלאזט פרוד ווען מ'האט געזען אז ער איז נישט נארמאל.

* * *

## שווארצע ראדיקאלן טשעפען עלטערע מענטשן אין פיטסבורג רעסטוראנט

ש"ק איז פארגעקומען א שענדליכער אינצידענט ביי א "בלעק לייווס מעטער" דעמאנסטראציע אין פיטסבורג, פענסילוועניע, ווען א באנדע חיות האבן פארפירט און געשריגן מיאוס'ע אויסדריקן קעגן ווייסע מענטשן ווען זיי האבן מארשירט אויף א גאס וואו עס געפינט זיך רעסטוראנטן, וואס מענטשן דארפן איצט עסן אינדרויסן צוליב די פאנדעמיק צוימונגען.

די דעמאנסטראציעס גייען שוין אן איבער 100 טעג אין כמעט יעדע גרויסע שטאט אין אמעריקע, און זייער אפט שליסן זיך אן פארברעכערישע עלעמענטן וועלכע ווילן פאראורזאכן צוזאמשטויסן מיט די פאליציי, אדער סתם מיט אומשולדיגע מענטשן. זיי ווען אויך פון צייט צו צייט איינברעכן אין געשעפטן אדער אונטערצינדן קארס און באסעס, וואס אפילו ווען דאס ווערט פארדאמט דורך מער פאראנטווארטליכע פירער פון די דעמאנסטראציע, האבן זיי אבער נישט קיין דעה און זיי קענען גארנישט טאן דאס אפצושטעלן.

אין פיטסבורג, האבן זיי אויפגערעגט מענטשן ווען זיי האבן אנגעהויבן טשעפען די שטילע פרידליכע עלטערע מענטשן וואס זענען געזעסן און געגעסן ביי זייערע טישן נעבן די רעסטוראנטן. מ'זעט אפילו ווי איין מענטש גייט צו און טרינקט אויס דעם ביר וואס איז געלעגן אויפ'ן טיש פון אן עלטער פארפאלק, און א צווייטער האט געכאפט און אראפגעווארפן א גלעזל וואס איז געווען אויפ'ן טיש. א דריטער שרייט א קללה אויף די ווייסע מענטשן וואס האבן אויפגעבויט דעם סיסטעם. מ'זעט אויך ווי אנדערע שטעלן זיך אויף און טראגן זיך אפ פונעם רעסטוראנט, ווען זיי זענען שוין מיד געווארן פון די געשרייען און בזיונות וואס קומט פון די דעמאנסטראנטן.

ענליכע געשיכטעס האבן זיך אפגעשפילט אויך אין אנדערע שטעט, ווי מ'זעט בילדער אין וואשינגטאן אז א גרופע דעמאנסטראנטן זענען באפאלן עמיצן ביי א רעסטוראנט, און אויך אין ראטשעסטער איז אן ענליכער אינצידענט פארגעקומען.

אין ניו יארק זעט מען ווי א פרוי שרייט אין פנים פון מענטשן וואס עסן רואיג, "מיר שליסן אייער פארטי!" און מ'צעברעכט גלעזער און טעלערס, און דרייען איבער בענקלעך און שרייען אויף די מענטשן אוועקצוגיין פון דארט.

ווען מ'האט פארגעהאלטן דעם דעמאנסטראנט וואס מ'זעט אויפ'ן בילד פארוואס זי האט אויסגעטרינקען דאס גלעזל ביר, האט זי גאר געזאגט אז מ'האט איר מכבד געווען, די 2 עלטערע מענטשן האבן איר אנגעבאטן צו כאפן א טרינק...

אין וואשינגטאן איז א באנדע דעמאנסטראנטן - כמעט אלע פון זיי ווייסע!- באפאלן א פרוי וואס איז געזעסן אינדרויסן פון א רעסטוראנט, און האבן פארלאנגט אז זי זאל ווייזן סאלידאריטעט מיט די דעמאנסטראנטן דורך אויפהויבן איר רעכטע האנט אין א פויסט, און ווען זי האט זיך גע'עקשנ'ט האט מען געשריגן אויף איר ביז מ'איז איר געקומען ראטעווען פון די חברה.

אין ראטשעסטער איז א דרייווער אריינגעפארן אין א גרופע "בי. על. עם." דעמאנסטראנטן, און מ'זעט ווי דער דרייווער האט אויך אנגעהויבן שפריצן א געלע פארב אויף די דעמאנסטראנטן.

מ'זעט אויפ'ן ווידעא דאס שרעקעדיגע בילד ווי די רויטע קאר פארט אריין ביי די דעמאנסטראנטן, דער דרייווער שפריצט פון זיין פענסטער די געלע פארב, איינער איז אראפגעקלאפט געווארן אבער נישט קריטיש פארוואונדעט געווארן, ווען דער דרייווער האט זיך איינגעדרייט און איז

FIDELITY
DENTAL PLAN
Quality dentistry at over 400 private dental offices in Monsey, Brooklyn, Monroe, Queens, SI, NJ, etc.
SAVE UP TO 50%
ON CLEANINGS, FILLINGS, CROWNS, ROOT CANALS, IMPLANTS, BRACES, EVEN COSMETIC DENTISTRY.
For only $265 a year
your entire family can join thousands of my smilling clients
REFERENCES are always available
Shraga Klein
Account Executive
718-871-2882
845-783-4537

ווייטער געפארן.

אפילו ווען מען ארעסטירט דיווילדע דעמאנסטראנטן שטעלט עס אבער נישט אפ די ראיאטן און געוואלדטאטן.

אן אינטערעסאנטע געשיכטע האט זיך אפגעשפילט אין פארטלאנד, ארעגאן, וואס דאס איז געווארן דער צענטער פאר די דעמאנסטראציעס און ראיאטן, וואו מ'זעט אויף ווידעא ווי די פאליציי האט געבעטן די דעמאנסטראנטן אוועקצוגיין, און מ'פאלגט זייער שווער. מ'זעט אויך ווי עס פליען "מאלאטאוו קאקטעילס", דאס זענען פלעשער אנגעפולט מיט ברענשטאף, וואס ווען עס קראכט, פאלענדיג אויף דער ערד, רייסט עס אויף אין פלאמען, און ביי איין אזא אויפרייס האט דאס פייער זיך גאר אנגעכאפט אין די פיס פון איינעם פון די דעמאנסטראנטן. מ'זעט ווי ער לויפט וועןביידע פיס פלאקערן, ער פרובירט אוועקצושטויסן דאס פייער און אנדערע קומען צוהילף, מ'הייסט אים אראפלייגן זיך און קוילערן זיך, און מ'האט שנעל אויסגעטאן זיינע ברענענדיגע שיך, און אזוי האט מען געקענט פארלעשן דאס פייער פון זיינע הויזן.

פרייטאג איז פארשטארקט געווארן די אנגעצויגענקייט אין פארטלאנד, נאכדעם ווי די פאליציי האט דערשאסן צום טויט א לינקען עקסטרעמיסט וועלכער איז געווען פארדעכטיגט אין הרג'נען א רעכטן עקסטרעמיסט. ווען מ'איז דערגאנגען די אידענטיטעט פון דעם לינקען אקטיוויסט און די פאליציי האט אים געוואלט ארעסטירן, איז געקומען צו א שיסעריי און מ'האט אים גע'הרג'עט.

דאס האט געברענגט קעגנזייטיגע דעמאנסטראציעס, ווען א פרא-טראמפ גרופע האט באעהרט דעם 39 יעריגן אראן דעניעלסאן, א שטיצער פון די רעכטע עקסטרעמיסטישע "פאטריאט פרעיער", וועלכער איז דערשאסן געווארן א וואך פריער, וואס די פאליציי האט זייער שנעל אידענטיפיצירט אלס הויפט פארדעכטיגטן דעם 48 יעריגן מייקל פארעסט ריינאול, א פארברענטער שטיצער פון די לינקע עקסטרעמיסטישע "אנטיפא" באוועגונג, וועלכער האט פראמינענט פיגורירט יעדע נאכט ביי די פראטעסטן.

דאנערשטאג, האבן פאליסלייט וואס זענען געווען אין דעם פעדעראלן טעסק פארס געשאסן און גע'הרג'עט ריינאול, ווען זיי האבן זיך דערנענטערט אים צו ארעסטירן אין וואשינגטאן סטעיט, ארום 2 שעה צפון פון פארטלאנד, ארעגאן.

ריינאול האט גע'טענה'ט אויף אן אינטערוויו וואס מ'האט געזען און געהערט דאנערשטאג, אז ער האט געשאסן דעניעלסאן ווייל ער האט געדארפט באשיצן זיך און א פריינד. ער האט געזאגט אז ער איז זיכער אז ער האט נישט געשאסן קיינעם וואס איז אומשולדיג. ער האט צוגעגעבן שפעטער אין אינטערוויו: איך זעה א ברידער קריג ממש ביים אנדערן ווינקל. יענער שאס האט זיך געשפירט ווי דער אנהויב פון א מלחמה.

א פריינד פון דעניעלסאן האט געזאגט אז זיי האבן אפילו נישט געכאפט אז עמיצער צילט מיט א גאן אויף זיי ביז די שיסעריי האט זיך אנגעהויבן. זיי האבן געהאט "פעטריאט פרעיער" היטלעך, און ממש פאר'ן שיסן האט ער געהערט ווי עמיצער זאגט, "מיר האבן געכאפט א פאר פון זיי ממש דא. נעם עס ארויס, נעם עס ארויס", מיינענדיג - ווייזט אויס - אויפ'ן גאן.

מ'האט יא געפונען אויף דעניעלסאן א באוואפנטן גאן אבער די פאליציי גלויבט נישט אז ער האט דאס געשאסן ביי יענעם אינצידענט.

איין עדות וואס האט געקענט דעניעלסאן האט דערציילט פאר די פאליציי אז ער האט געהערט א שווארצן וואס האט געזאגט פאר אים, "מיר גייען דיך הרג'נען". ער האט געזען דעניעלסאן ארויסכאפן א קאנע "מעיס", און דאן האט ער געהערט 2 שאסן.

אויך פון אן אנדערן עדות האט מען געהערט אז דעניעלסאן האט געשפריצט מעיס פאר ער איז געשאסן געווארן.

פון א דעטעקטיוו האט מען געזען פון זיין אפידעיוויט, אז ער האט געזען אויף ווידעא ווי אזוי ריינאול האט צוריקגעקוקט צו דעניעלסאן, און האט זיך ארייגעריקט אין דעם אריינגאנג צו א גאראזש צו באהאלטן זיך ווען דעניעלסאן איז פארבייגעגאנגען. מ'זעט אויף די קאמערא אז דעניעלסאן האלט א קאנע אין זיין רעכטע האנט און אן אייזערנעם שטעקן אין זיין לינקע האנט. סעקונדעס נאכדעם ווי ער איז דורכגעגאנגען האט ריינאול ארויסגעקוקט, ער האט געלייגט זיין האנט אין זיין פאסיק (ווארשיינליך ארויסנעמען א גאן) און א קורצע צייט דערויף הערט מען די שיסעריי, אבער דער ווידעא האט נישט אויפגעכאפט דאס אקטועלע שיסן.

לויט ווי עס זעט אויס איז ווארשיינליך יא געווען עפעס א שטיקל קאנפראנטאציע, און אזוי ווי ביידע זענען שוין טויט, וועט דאס שווערער מאכן פאר די פאליציי צו דערגיין וואס עס איז ווירקליך פארגעקומען.

לינקע אקטיוויסטן האבן זיך באקלאגט פארוואס מ'האט געשאסן ריינאול, ווען מ'האט זייער מילד ארעסטירט דעם ווייסן מערדער קייל ריטענהאוס, אויף קלאגעס פון הרג'נען 2 פראטעסטירער אין קענאושא, וויסקאנסין.

לויט די פעדעראלע מארשאל, האט אבער ריינאול ארויסגענומען א גאן ווען מ'האט אים געוואלט ארעסטירן, און צוליב דעם איז ער גע'הרג'עט געווארן.

די פאליציי אין פארטלאנד האט ארעסטירט 59 מענטשן מוצ"ש, ווען דער פריערדערמאנטער אינצידענט האט זיך אפגעשפילט.



# סאודיער קעניג האט געזאגט פאר פרעזידענט טראמפ אז שלום מיט מדינת ישראל איז געוואנדן אויף אן אפמאך מיט די פאלעסטינער

נאכדעם ווי די ציוניסטישע וועלט איז אזוי מלא שמחה מיט דעם "היסטארישן אפמאך" צו נארמאליזירן באציאונגען צווישן מדינת ישראל מיט די יונייטעד עמירעיטס, (אן אראבישע מדינה וואס איז 1,200 מייל ווייט פון מדינת ישראל און עס איז לעכערליך דאס צו באצייכענען ווי א "וויכטיגער שלום אפמאך",) האט מען געהערט אייסערונגען און שפאקולאציע איבער פרישע שריט אין די ריכטונג פון אנדערע אפמאכן וואס מדינת ישראל זאל אונטערשרייבן מיט אראבישע לענדער, איבערהויפט אז עס גייט אין לעבן פאר פרעזידענט טראמפ צו ווייזן עפעס אויסערן פאליטיק ערריכונגען אין די לעצטע וואכן פאר זיינע קריטישע וואלן.

אויב מ'האט געזען אפטימיסטישע האפענונג אין די איזראעלי פרעסע איבער א מעגליכן שלום אפמאך מיט סאודי אראביע, איבערהויפט ווען די סאודיער האבן ערלויבט פאר אן אל-על עראפלאן צו פליען העכער איר מדינה, איז דאס אבער דראמאטיש אויסגערינען ווען דער סאודיער קעניג האט זונטאג טעלעפאנירט צו פרעזידענט טראמפ, און האט באשטעטיגט אז זיין קעניגרייך איז שטארק אינטערעסירט צו דערגרייכן א דויערהאפטיגע און יושר'דיגע שליכטונג צו דעם פאלעסטינער פראבלעם, צו ברענגען שלום, וואס דאס איז דער הויפט אנהויב פונקט פאר די באמיאונגען פון דעם קעניגרייך און פאר די אראבישע שלום איניציאטיווע.

דער קייזער האט אויך גאנץ קלאר געזאגט פאר'ן אמעריקאנער פרעזידענט, אז ער וועט נישט נאכפאלגן אין די פיסטריט פון די עמיראטן ביז מדינת ישראל וועט צוערשט אונטערשרייבן אן "אינטערנאציאנאלן אנערקענטן שלום אפמאך מיט די פאלעסטינער".

דער באריכט וואס איז געקומען פון ווייסן הויז איבער דעם טעלעפאנישן געשפרעך האט צוגעגעבן אז פרעזידענט טראמפ האט באגריסט וואס סאודי אראביע האט געעפענט אירע הימלען צו לאזן פליען צווישן מדינת ישראל און די עמיראטן, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די היסטארישע פלי רייזע פאריגע וואך פון תל אביב צו אבודאבי, און זיי האבן אויך געשמועסט איבער וועגן ווי אזוי צו פארשטארקן די ראיאנאלע זיכערקייט און שפע.

פאריגן דאנערשטאג האט באכרעין אויך געמאלדן אז זי וועט ערלויבן פלי רייזעס צו פליען העכער אירע הימלען, אבער דאס איז נישט "קיין נייעס", ווייל מ'ווייסט אז די אראבישע גאלף לענדער האבן שוין יארן אנגעהאלטן אומאפיציעלע באציאונגען מיט מדינת ישראל, און די זעלבע ווייסט מען אויך איבער סאודי אראביע, נאר די סאודיער טרויען זיך נישט צו זיין די פאררעטער פון די פאלעסטינער, ווייל דאס קען ברענגען אן אויפשטאנד פונעם פאלק קעגן די סאודיער קעניגליכע הערשאפט. אויב סאודי אראביע זאל נעמען די מינדעסטע שריט צו אן אפיציעלע דערנענטערונג צו מדינת ישראל אן אן איזראעלי אפמאך מיט די פאלעסטינער, וועט דאס אונטערגראבן סאודי אראביע'ס אויסזען ווי די פירער פון די מוסולמענער וועלט.

דאס איז א שטארקער קלאפ פאר די איזראעלי האפענונגען פאר אן אפיציעלע נארמאליזאציע מיט סאודי אראביע, אבער עס באשטעטיגט די פאלעסטינער'ס סטראטעגיע אנצוהאלטן זייער רוגזה מיט מדינת ישראל נאכדעם ווי פרעזידענט טראמפ האט אריבערגעפירט די אמעריקאנער אמבאסאדע קיין ירושלים און האט עס אנערקענט אלס מדינת ישראל'ס הויפטשטאט, וויסענדיג אז די "עכטע" אראבער וועלן מורא האבן צו פארראטן די פאלעסטינער לטובת מדינת ישראל.

אמאל איז געווען די אנגענומענע מיינונג אז אן עגיפטן, קען נישט זיין קיין מלחמה פון די אראבישע וועלט מיט מדינת ישראל, און אן סיריע קען נישט זיין קיין שלום מיט מדינת ישראל. צוליב דעם איז געווען דער געוואלדיגער אויפטו פון פרעזידענט קארטער ווען ער האט דורכגעזעצט דעם שלום אפמאך צווישן מדינת ישראל און עגיפטן, וואס דאס האט אראפגענומען די מלחמה זארג פון מדינת ישראל, אבער מיט סיריע איז געווארן אן אנדערע געשיכטע.

דער דארטיגער דיקטאטאר פרעזידענט אסאד איז נאך אלץ ביי די מאכט, ער האט וואונדערליך איבערגעלעבט די רעוואלוציע וואס האט אומגעבראכט אזא גרויסן טייל פון זיין לאנד, ער האט איבערגעלעבט די אינוואזיע פון אייסיס וואס האט באזעצט א טייל פון זיין לאנד, ער האט איבערגעלעבט אמעריקע'ס מיליטערישע אנוועזנהייט ווען פרעזידענט טראמפ האט באשלאסן ארויסצונעמען דאס אמעריקאנער מיליטער, ער איז געווען גענוג כיטרע אריינצוברענגען רוסלאנד, און דאס האט אים געראטעוועט זיין הערשאפט, אזוי אז ער וועט עווענטועל נאכאמאל שפילן א ראלע אין די לאקאלע פאליטיק, ווען ער לעבט אזוי גוט און נאענט מיט איראן וועלכע איז א גרויסמאכט אינעם מיטל מזרח טראץ די אמעריקאנער סאנקציעס.

סיריע שפילט אבער נישט איצט די הויפט ראלע ביים פארמיידן אן אראבישן שלום אפמאך מיט מדינת ישראל, דאס איז אריבערגעגאנגען צו די פאלעסטינער אדאנק די כיטרע פירערשאפט פון דעם איצטיגן פאלעסטינער פרעזידענט אבאס, און א פרישער באוויז איז געקומען טאקע די וואך ווען דער סאודיער קעניג האט זייער קלאר און דייטליך דערקלערט פאר פרעזידענט טראמפ אז עד כאן, מ'קען ווייטער שטילערהייט טאן ביזנעס מיט מדינת ישראל, ביידע זעען איראן אלס זייער הויפט געפאר, אבער פון קיין אפיציעלע דערנענטערונג אדער שלום אפמאך קען מען פארגעסן ווי לאנג מדינת ישראל וועט נישט שליכטן איר פאלעסטינער קאנפליקט.

ביים איצטיגן טעלעפאנישן געשפרעך הערט מען פון ווייסן הויז אז פרעזידענט טראמפ האט געבעטן סאודי אראביע צו שליכטן איר קאנפליקט מיט קאטאר. די סאודיער האבן אנגעפירט א באיקאט פון גאלף סטעיט מדינות קעגן קאטאר צוליב עטליכע טענות, אריינגערעכנט די אגרעסיווע אנטי-סאודיער שטעלונג פון די אראבישע על-זשאזירא נייעס אגענטור, וואס ווערט פינאנצירט דורך קאטאר, און אויך ווייל קאטאר קאלאבארירט מיט איראן. טראמפ האט עס טאקע געקענט בעטן, אבער אויב ער האט אן אנונג ווי אזוי עס זעט אויס די אראבישע פאליטיק, האט ער געדארפט אליין וויסן אז דאס וועט נישט צושטאנד קומען.

* * *

## אייראפעאישער פאראיין קריטיקירט סערביע און קאסאווא איבער אריבערפירן אמבאסאדע קיין ירושלים

דער אויסערן מיניסטער ווארטזאגער פון אייראפעאישן פאראיין פיטער סטאנא האט די וואך קריטיקירט די מעלדונג אז קאסאווא און סערביע וועלן אריבערפירן זייערע אמבאסאדעס קיין ירושלים. סטאנא האט געווארנט אז יעדער שריט וואס קען שטעלן אונטער א פראגע די געמיינזאמע שטעלונג פון אייראפעאישן פאראיין איבער ירושלים (אז דאס דארף זיין אן אינטערנאציאנאלע שטאט און קען נישט באטראכט ווערן ווי די הויפטשטאט פון מדינת ישראל סיידן דאס וועט ערלעדיגט ווערן דורך פארהאנדלונגען מיט די פאלעסטינער) איז א זאך פון ערנסטע זארג און באדויערן.

אין דעם איז געווען א באהאלטענע ווארענונג, אז אויב די 2 לענדער וועלן טאקע עפענען אמבאסאדעס אין ירושלים, קען דאס שטעלן אין געפאר זייער אפליקאציע אנגענומען צו ווערן אין דעם אייראפעאישן פאראיין. סטאנא האט געזאגט, אז אזוי ווי קאסאווא און סערביע האבן אידענטיפיצירט דאס אריינקומען אין אייראפעאישן פאראיין אלס זייער סטראטעגישע פריאריטעט, ערווארט דער פאראיין אז ביידע זאלן זיך פירן אין די ראמען פון איר פארפליכטונג, אז דער אייראפעאישער פערספעקטיוו (איבער ירושלים) ווערט נישט אונטערגעגראבן.

סערביע האט אפיציעל איינגעגעבן אן אפליקאציע אנגעשלאסן צו ווערן אין אייראפעאישן פאראיין נאך אין '09, און מ'ערווארט אז דאס לאנד וועט פולשטענדיג איינגעגלידערט ווערן אין די ארגאניזאציע נישט שפעטער ווי אין '26. קאסאווא האט אביסל שפעטער אנגעהויבן דעם פראצעס, ווייל קאסאווא האט זיך אפגעריסן פון סערביע ערשט אין '08, און איז ערשט אין '18 אנערקענט געווארן אלס א קאנדידאט אריינצוקומען אין דעם פאראיין.

אזוי ווי די אפיציעלע פאליסי פון אייראפע איז אז ירושלים דארף צעטיילט ווערן אין צוויי, און דארף ווערן די הויפטשטאט פון ביידע, מדינת ישראל און פאלעסטינע, האט סטאנא די וואך נאכאמאל קלאר ארויסגעזאגט אז מ'מוז טרעפן א וועג דורך פארהאנדלונגען ווי אזוי ירושלים וועט קענען זיין די הויפטשטאט פון ביידע מדינות, איזראעל און פאלעסטינע.

עס איז שוין לאנג באשטעטיגט געווארן אלס אן אפיציעלע פאליסי פון אייראפעאישן פאראיין אז דער אראבישער קאנפליקט מיט מדינת ישראל זאל געשליכטעט ווערן דורך אויפשטעלן א פאלעסטינער מדינה ביי די '67 גרעניץ. איר שטעלונג אנערקענט נישט אז איבער 400,000 מתנחלים האבן זיך שוין באזעצט אויף די אקופירטע מערב ברעג שטחים, און עס רעכענט זיך אויך נישט מיט די מדינת ישראל אפיציעלע שטעלונג אז ירושלים זאל אייביג בלייבן די הויפטשטאט פון איר מדינה.

נאכדעם ווי דער איזראעלי פרעמיער נתני' האט אויסגעלויבט די מעלדונג פון פרייטאג אז די 2 לענדער וואס האבן זיך אפגעטיילט ווען מ'האט אויפגעלעזט יוגאלסאוויע ביים ענדע פון די קאמוניסטישע הערשאפט אויף מזרח

אייראפע, וועלן קומען קיין ירושלים, און קאסאווא וועט אויך אנקניפן דיפלאמאטישע באציאונגען און וועט ווערן דאס ערשטע לאנד וואס האט א באפעלקערונג מיט א מאיאריטעט מוסולמענער צו עפענען אן אמבאסאדע אין ירושלים, האט דאס געברענגט די שארפע רעאקציע פון אייראפעאישן פאראיין, און מ'וועט זען וואס עס וועט זיך דא ווייטער אויסקאכן.

* * *

## בריטישע פאליציי ארעסטירט אנפאלער פון די שטאט בירמינגהעם

די פאליציי אין ענגלאנד האט ארעסטירט א 27 יעריגן פארדעכטיגטן אין די שטעכעריי וואס ער האט דורכגעפירט מוצ"ש אין בירמינגהעם, ווען ער האט פארוואונדעט 7 מענטשן און האט אומגעבראכט א 23 יעריגן מאן. 2 מענטשן, א מאן און א פרוי, זענען אין א קריטישן צושטאנד אין שפיטאל פון די שטעכעריי וואונדן.

דער אנפאלער איז געווען א שווארצער, און אדאנק די בילדער האט מען אים געקענט ארעסטירן מאנטאג 4 אזייגער פארטאגס.

מ'האט שטארק קריטיקירט די לאקאלע פאליציי ווי אזוי עס האט געקענט מעגליך זיין אז דער אנפאלער זאל קענען ארומקריכן אין די שטאט אנדערטהאלבן שעה, און באפאלן מענטשן אין מערערע פלעצער, ווען עס זעט אויס ווי ער האט זיי אויסגעקליבן אן קיין חשבון פאר זיין אטאקע.

* * *

## פאסט אפיס ווארענט איבער שוועריקייטן אויפצוארבעטן פאסט שטימען

א נייער באריכט פון פאסט אפיס "אינספעקטאר דזשענעראל" וואס באהאנדעלט די פראגע איבער צוגרייטונגען צו די וואלן און פאליטישע פאסט ביי די קומענדיגע וואלן, ווארענט איבער א מאנגעל פון קאארדינאציע צווישן שטעט און פאסט באאמטע וואס קען שטעלן אין געפאר די וואלן פון נאוועמבער 3. די אינספעקטארס האבן איבערגעקוקט די ווירטשאפט אין 7 פאסט איינריכטונגען צווישן אפריל און יוני, און האבן געזען אז 8 פראצענט פון די וואל מאטעריאל איז נישט צייטליך געליפערט געווארן, צוליב דעם ווארענען זיי אז אויב מ'וועט נישט אויספאלגן די רעקאמענדירטע בעסטע איינפירונגען ביים צוגרייטן און אויפארבעטן די פאליטישע און וואל פאסט וואס מ'שיקט ארויס צו די וויילער, ברענגט דאס א פארגרעסערטע ריזיקע אז די פאסט וועט נישט צייטליך געליפערט ווערן.

אין איין פאל ביי ספעציעלע וואלן וואס זענען פארגעקומען אין אקלאהאמא יוני 30, זענען פאסט ארבייטער אין אקלאהאמא סיטי געווען אזוי באזארגט אז די עבסענטי בעלאטס וואס קומען שפעט אן אין פאסט אפיס וועלן נישט אפגעציילט ווערן, האבן זיי אנגעהויבן דורכצונישטערן די פאסט מיט זייערע הענט, צו טרעפן און ארויסשלעפן די ספעציעלע קאנווערטן וואס האבן ערהאלטן די שטימען פון די וויילער.

פאסט אינספעקטארס וואס האבן דארט באזוכט אין יענעם טאג האבן געפונען אויף דער ערד ליגן 2 טאצן וואס האבן געהאט אויף זיך ארום 200 שטימען וואס זענען אנגעקומען אויף די פאסט. די אינספעקטארס האבן דאס געוויזן פאר די פאסט ארבייטער וועלכע זענען אזוי דערשראקן געווארן אז זיי האבן דאס שנעל גענומען אויפארבעטן און האבן עס אליין אריבערגעפירט צו די קאונטי באורד אוו עלעקשאן. עס איז נישט קלאר וואס עס וואלט געווען אויב די אינספעקטארס וואלטן נישט באמערקט די 2 טאצן, צי די שטימען וואלטן עווענטועל אפגעציילט געווארן. דאס איז געווען בלויז איינע פון די פראבלעמען וואס זענען אידענטיפיצירט געווארן אין דעם איצטיגן באריכט.

אזוי ווי פרעזידענט טראמפ האלט אין איין פארפירן אז לאזן אפגעבן די שטימען דורך פאסט איז אן איינלאדונג פאר שווינדל, האט דאס ווייסע הויז זיך אנגעכאפט אין דעם באריכט אלס נאך א באווייז אז זייערע זארגן זענען בארעכטיגט.

די דעמאקראטן האבן לעצטענס דורכגעפירט א ביל אין רעפרעזענטאנטן הויז וואו זיי האבן די מאיאריטעט, צוצושטעלן נאך 25 ביליאן דאלאר פאר'ן פאסט אפיס, אבער דאס האט קיינע אויסזיכטן אפילו צו קומען אין באטראכט אין דעם רעפובליקאנער-קאנטראלירטן סענאט, וואס כאטש טראמפ האט געזאגט אז ער איז גרייט צו פארהאנדלען איבער נאך געלט פאר'ן פאסט אפיס, ווייסט ער אבער זייער קלאר אז דאס איז נישט קיין פריאריטעט פאר אים.

דער נייער באריכט האט נישט גערעדט פון מעגליכע שווינדל פראבלעמען אדער פון די ענדערונגען וואס דער נייער הויפט פאסטמייסטער לואיס דיזשאי האט אנגעהויבן איינצופירן.

דיזשאי איז א לאנגיעריגער רעפובליקאנער אקטיוויסט און געלט זאמלער פאר טראמפ, און עס איז איצט אפירגעקומען פרישע באשולדיגונגען אז ארבייטער פאר דיזשאי האבן געגעבןביישטייערונגען צום טראמפ קאמפיין און זענען דערנאך פארגיטיגט געווארן דערפאר דורך דיזשאי, וואס אזוי האט ער געקענט



# נייעס איבערזיכט פון דער וואך:

צושטעלן גרעסערעביישטייערונגען, וואס האט אים געמאכט א "וויכטיגן פערזאן" ביי טראמפ. אויב די באשולדיגונגען זענען ריכטיג, איז דאס געווען אן אומלעגאלע זאך וואס קען ברענגען צרות פאר דיזשאי.

מ'האט באשולדיגט דיזשאי אז ער האט געשניטן די מעגליכקייטן פונעם פאסט אפיס געהעריג צוצושטעלן די נויטיגע ארבעט מיט א פאליטישן חשבון, אונטערצוגראבן אדער כאטש שווערער צו מאכן פאר די וואס ווילן שטימען דורך די פאסט, א זאך וואס ער האט געלייקענט. סענאטאר עליזאבעט ווארען און אנדערע דעמאקראטן האבן פארלאנגט אן אויספארשונג, און דער זעלבסטשטענדיגער "אינספעקטאר דזשענעראל" פאסט אפיס האט אנגעהויבן אן אויספארשונג.

דיזשאי אליין שטימט געווענליך דורך די פאסט, די זעלבע ווי פרעזידענט טראמפ, אבער דאס ווייסע הויז טענה'ט אז אויב דער ברייט-רעספעקטירטער דאקטאר ענטאני פאוטשי האט געזאגט אז ער זעט נישט קיין סיבה פארוואס מענטשן זאלן נישט קענען שטימען פערזענליך (מיט די ריכטיגע באווארענונגען) איז נישט ריכטיג וואס מ'שטופט מענטשן צו שטימען דורך די פאסט.

דער אינספעקטאר דזשענעראל האט ביים ארבעטן אויף זיין באריכט איבערגעקוקט די ווירטשאפט אין 7 פאסט אפיסעס אין סטעיטס וואס האבן געהאט ספעציעלע וואלן אין מאי און יוני, אריינגערעכנט אויך אין ברוקלין, וואו עס איז געווען א סאך קאנטראווערסיע מיט די פריימערי שטימען וואס מ'האט אריינגעשיקט דורך די פאסט, ווען מ'האט גע'פסל'ט זייער א גרויסן צאל דערפון, ווייל זיי האבן נישט געהאט א פאסט מארק מיט א דאטום פון פאר די פריימערי. צוליב דעם האט מען געטוישט אין ניו יארק דעם סיסטעם אז אויב עס קומט אריין דורך די פאסט און עס האט נישט אויף זיך דעם פאסט אפיס זיגל מיט א דאטום, דארף מען דאס באטראכטן ווי צייטליך אריינגעגעבן, אויב עס קומט אן ביז איין טאג נאך די פריימעריס אדער וואלן, ווייל דאס איז דאך דער בעסטער באווייז אז מ'האט עס נישט אריינגעלייגט אין פאסט קעסטל נאכ'ן וואל טאג.

איינע פון די פונקטן אין דעם באריכט פארלאנגט אז מ'זאל נוצן "בארקאודס" אויף די קאנווערטן וואס מ'שיקט ארויס אין וואס מ'זאל צוריקשיקן די שטימען. אין '18, האבן בלויז 13 פראצענט (4.1 מיליאן פון 31.1 מיליאן) פון די פאסט שטימען גענוצט עלעקטראנישע בארקאודס. אן די בארקאודס איז זייער שווער און אפטמאל אפילו אינגאנצן נישט מעגליך פעסטצושטעלן דעם גאנג פון דעם קאנווערט, צי מ'האט עס געשיקט דורכ'ן פאסט אפיס און צי עס האט זיך פארשלעפט אין פאסט אפיס. מיט'ן בארקאוד, ווערט דאס אויפגעכאפט אין די קאמפיוטערס פונעם פאסט אפיס.

אין געוויסע סטעיטס נוצט מען די עלטערע קאנווערטן ווייל מ'האט יארן צוריק איינגעקויפט צופיל קאנווערטן, וויל מען צוערשט פטור ווערן דערפון. אנדערע האבן איינפאך נישט געהאט קיין געלט צו קויפן די נייערע קאנווערטן מיט בארקאודס.

אויך פארלאנגט דער באריכט אז די סטעיטס און די וויילער זאלן פארזיכערן אז זייער רעגיסטראציע אינפארמאציע איז געהעריג אויפגעפרישט, איבערהויפט אויב זיי האבן א נייע אדרעסע. אפילו פרעזידענט טראמפ אליין האט זיך עטליכע מאנאטן צוריק רעגיסטרירט מיט א נישט ריכטיגע אדרעסע.

אין דעם באריכט איז אויך פאראן א ווארענונג אז אויב מ'ווארט אריינצושיקן די שטימען ממש פאר'ן וואל טאג, איז מעגליך אז דער פאסט אפיס וועט נישט האבן גענוג צייט אויפצוארבעטן און אפליפערן די שטימען, צייטליך.

דאס ווייסע הויז האט ארויסגעברענגט אז ביי די פריימערי וואלן אין ניו יארק האט מען גע'פסל'ט ארום 80,000 שטימען ווייל זיי זענען שפעט אריינגעשיקט געווארן אדער צוליב אנדערע סיבות. דאס האט געברענגט דעם "ניו יארק טיימס" צו ווארענען אז עס קען קומען א "נאוועמבער קאשמאר".

די "אינספעקטאר דזשענעראל" פון פאסט אפיס איז טעמי ווידקאם, וועמען טראמפ האט באשטימט צו דעם פאסטן. זי ארבעט שוין אין פאסט אפיס זינט '05.

* * *

## לאס אנדזשעלעס מעיאר רעדוצירט זיין געהאלט און פון 15,000 שטאטישע ארבייטער צוליב בודזשעט קריזיס

לאס אנדזשעלעס מעיאר עריק גאר־סעטי האט זיך אליין "אויפגעזאגט", וואס מיינט אז ער וועט ווייטער ארבעטן אבער אן קיין געהאלט, ווען דער סיטי קאונסיל האט פאריגן מיטוואך געשטימט צו רעדו־צירן די ארבייטס טעג וואס מען ווערט בא־צאלט דערויף, פון 15,000 שטאטישע ארבייטער אינאיינעם מיט'ן מעיאר, צוליב דעם גרויסן בודזשעט דעפיציט וואס שטייט פאר די שטאט, אלס רעזולטאט פון די קא־וויד פאנדעמיק אפשליסונגען וואס האט דראסטיש געשניטן די שטייער איינגאמעס פאר די שטאטישע קאסע.

אויב עס וועט נישט אריינקומען אין די שטאטישע קאסע פרישע גרויסע געלטער, וועט מען אנהויבן דראסטיש צו רעדוצירן דאס געהאלט פאר 15,000 שטאטישע ארבייטער אקטאבער 11. מ'וועט פארלאנ־גען אז אלע ציווילע ארבייטער מוזן אוועק־גיין פון דער ארבעט 18 טעג, אויף וואס זיי וועלן נישט באקומען באצאלט, וואס איז אזוי ווי א יערליכע 7 פראצענט לוין רעדוקציע. מעיאר גארסעטי אליין, וועלכער פארדינט איבער 232,000$ א יאר, האט שוין אויפגעגעבן 2 חדשים פון זיין גע־האלט פריער אין יאר, וואס איז אזוי ווי א 6 פראצענט לוין רעדוקציע.

לויט די בודזשעט שאצונגען, וועט פאלן די איינגאמעס פון לאקאלע שטייערן און אנדערע געלטער וואס מ'באצאלט פאר די שטאט מיט אן אומבאקאנטע סומע, וואס וועט זיין מינימום 45 מיליאן דאלאר און קען שטייגן ביז א ריזיגע 409 מיליאן דאלאר. אזוי אומקלאר איז דער פינאנצי־עלער מצב, וואס צוליב דעם האט דער סיטי קאונסיל איצט געמוזט נעמען אזעלכע דראסטישע שריט אויפ'ן חשבון פון 15,000 ארבייטער, און נאך 1,280 ארבייטער וועלן באקומען $80,000 אלס טייל פון א פרא־גראם אונטער וואס זיי וועלן פריער רעטייערן.

פאליסלייט און פייערלעשער זענען דערווייל פטור פון דעם נייעם דראסטישן מיטל, אבער ציווילע ארבייטער אין יענע אגענטורן וועלן אויך זיין אין פעקל.

דער סיטי קאונסיל האט גלייכצייטיג אפגעווארפן א פארשלאג אפצולייגן לוין העכערונגען און באנוסעס פאר פאליסלייט וואס לויט זייער קאנטראקט דארפן זיי באקומען א 3.25 פראצענט לוין העכערונג אין יאנואר.

קאליפארניע איז איינע פון די סטעיטס וואו דער קאוויד אונטערגאנג האט שטארק אויפגעלעבט, און ביזנעסער זענען שוין דארט חדשים געשלאסן. טוריזם האט געקראכט, וואס דאס איז געווען איינע פון די גרויסע ביזנעס אויפטרייבער אין די סטעיט, און די ארבייטסלאזיגקייט איז מורא'דיג געשטיגן. קיינער קען נאכנישט פאראויסזאגן ווען לאס אנדזשעלעס וועט ארויסקריכן פון דעם קריזיס, צוליב דעם הערשט אזא אומקלארקייט ווי גרויס דער בודזשעט דעפיציט קען דערגרייכן.

די דאזיגע "פארלאוס" זענען געשאצט צו שאפן איבער 104 מיליאן דאלאר שפארונגען אינעם בודזשעט, אבער דער פרעזידענט פון א יוניאן וואס פארטרעט שטאטישע ארבייטער האט דערקלערט אז דאס איז אומלעגאל און עס וועט ענערגיש באקעמפט ווערן אין די געריכטן.

* * *

## מאסיווע שפיאנאזש וואס סנאודען האט אויפגעדעקט איז געווען אומלעגאלע שפיאנאזש

א פעדעראל אפעלאט געריכט האט פאריגע וואך מיטוואך געאורטיילט אז דער מאסיווער שפיאנאזש פראגראם פון די נאציאנאלע זיכערהייט אגענטור, צו האלטן חשבון אויף אלע טעלעפאנישע געשפרעכן אין אמעריקע, אריינגערעכנט פון אומשולדיגע ציווילע מענטשן, אן קיין געריכטליכע ערלויבעניש, איז געווען אן אומלעגאלער פראגראם. די אפעלאט ריכטער האבן אויך דערקלערט אז די אמעריקאנער שפיאנאזש פירער וועלכע האבן עפענטליך פארטיידיגט דעם פראגראם האבן נישט געזאגט דעם אמת. נאך מער, נישט נאר איז געווען אומלעגאל צו זאמלען אין געהיים די מיליאנען טעלעפאנישע רעקארדס פון אמעריקאנער פאלק, אלס א פארלעצונג פון דעם אמעריקאנער אויסלענדישן שפיאנאזש געזעץ, נאר עס איז מעגליך אויך געווען אומקאנסטיטוציאנאל.

עדווארד סנאודען איז געווען דער פאררעטער וועלכער האט אין '13 אנגעהויבן ארויסגעבן פארשידענע שעדליכע שפיאנאזש אינפארמאציע וואס ער האט אויפגעכאפט ווען ער האט געארבעט פאר די נאציאנאלע זיכערהייט אגענטור, וואס איינע פון די הויפט אויפגאבעס פון די שפיאנאזש אגענטור -

(פארזעצונג אויף זייט 24)


# הקמת המציבה

של אבינו היקר

מוה"ר אברהם עזריאל **מאיר** ב"ר משה הכהן

**ראפאפארט** ע"ה

יתקיים אי"ה

**ביום א' סליחות הבעל"ט**

בשעה 1:00 בצהרים

בביה"ח בקרית יואל

ת.נ.צ.ב.ה.

המשפחה

Mikvah USA
להרבות טהרה בישראל

נעמט א חלק אין טהרת כלל ישראל!

א המשכה

# מקוה

מקוה איז די המשכה פון טהרת וקדושת ישראל דור דור.

מקוה יו-עס-עי טראגט דעם פאקל פון נצח ישראל
ווי אידן זוכן צו אפהיטן קדושת ישראל, ווי אימער איבער גאנץ אמעריקע, זענען מיר דארטן מיט זיי.

דאס איז אייער געלעגנהייט. אייער אינוועסטמענט אין המשכת כלל ישראל, און אינוועסטמענט וואס וועט אייך ברענגען און א שיעור גוטס, ישועות ורפואות מושיעו וודאי.

**בויען מקוואות באדייט בויען כלל ישראל בטהרתה.**

כו-כז אלול 36 שעה דינסטאג און מיטוואך סליחות

rayze.it/MikvahUSA · 848-206-1196

$1,000,000 MATCHED 3X!

# התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

בס"ד

# וויכטיגע אויפפאדערונג

אזוי ווי ראש השנה בייגאכט ווען דער ציבור גייט וואונטשן די עלטערן א ברכת שנה טובה, קומט צו א שטארקע תערובות אויף די גאסן, אזוי אז אזא חשוב'ער ענין ברענגט צו א מכשול ח"ו,

## טוען מיר מעורר זיין און בעטן:

א. מען זאל פרובירן צו גיין פאר ראש השנה.

ב. אויב מען גייט יא ר"ה, זאל מען גיין און קומען פריער, בעפאר די מענער קומען פון שול.

ג. די מענער זאלן גיין אויף די רעכטע זייט גאס און די פרויען אויף די לינקע זייט גאס.

אין די זעלבע צייט זאל דינען די התעוררות אויף א גאנץ יאר, שבתים און ימים טובים, מען זאל זיין געהיטן נישט צו פארנעמען די גאס בשעת עס גייען מאסן אויף די גאס [עס איז א תקנה פון פריערדיגע אז פרויען זאלן ארויסגיין פון שול שבת אינדערפרי באלד נאך קדושת כתר כדי נישט צו קומען צו תערובות]

והשי"ת ישמור צאתינו ובואינו, מיט א ברכת כתיבה וחתימה טובה,

שלהי' אלול תש"פ

## התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

Project By: Charidy Platinum

מיר ווען נישט צולאזן דער

# פיקוח נפש שטראל

זאל פארלאשן ווערן!




**וועלטעב** - א וואוילטעטיגע ארגאניזאציע וועלכע ראטעוועט לעבנס, דורך צושטעלן בחנם 24/7 לייווסטריעם טעבלעטס, פאר חולים אין שפיטאל און זייערע משפחות, צו קענען אנהאלטן שטענדיגע קאנטאקט און זיך אפגעבן מיטן חולה, און פארזיכערן אז זיי ווערן נישט פארנאלעסיגט, ווען באזוכן פיזיש איז נישט מעגליך.

**אייער שטיצע טוהט פארזיכערן:**
קיין שום חולה זאל מער נישט פילן פארלאזט!

WellTab

929.900.2333

CHARIDY.COM/**WELLTAB**

NO PATIENT LEFT ALONE

WellTab

אל תשליכני

זונטאג-דינסטאג ימי הסליחות
Sunday-Tuesday Sept. 13-15

# נייעס איבערזיכט פון דער וואך:

(פארזעצונג פון זייט 20)

וואס איז נישט אזוי באקאנט געווען פאר'ן אלגעמיינעם פאלק - איז אויפצוכאפן אלע טעלעפאנישע און עלעקטראנישע קאמוניקאציעס איבער די גאנצע וועלט! אין אנדערע ווערטער, אויב מ'שיקט אפילו א "פעקס" ערגעצוואו אין די וועלט, וועט עס אויפגעכאפט ווערן דורך די געהיימע שפיאנאזש סאטעליטן פון די נאציאנאלע זיכערהייט אגענטור, און ווען נויטיג, קען מען "צוריקמישן" די טעיפס, אנצוקומען צו יענע קאמוניקאציע! אזא מאכטפולע שפיאנאזש אונטערנעמונג איז דאס.

מ'האט לאנג פארדעכטיגט אז אויב מ'האט אזעלכע שפיאנאזש מעגליכקייטן איז דאך ממש א שאד דאס נישט אויסצונוצן אויך אין אמעריקע, אבער מ'האט נישט געהאט קיין באווייזן דערויף אז די "ען. עס. עי." טוט דאס טאקע, ביז סנאודען האט אויסגעזאגט די סודות, און ער איז אנטלאפן פון אמעריקע כדי מ'זאל אים נישט קענען איינשפארן אויף שפיאנאזש קלאגעס.

ער האט נישט געקענט טרעפן קיין מקום מקלט ביז רוסלאנד האט אים אריינגעלאזט אויף א "צייטווייליגע" אזיל רעכט, וואס האלט אן ביז'ן היינטיגן טאג.

ביי געוויסע ליבעראלע עלעמענטן איז גאר סנאודען געווען א העלד ווען ער האט אויפגעדעקט אזא מאסיווען שפיאנאזש אפאראט אן קיין געריכטליכע ערלויבעניש אויף אומשולדיגע ציווילע אמעריקאנער מענטשן, אבער ביי רוב לאנד איז ער פארדאמט געווען ווי א געמיינער פאררעטער, און אז עס קומט אים נישט קיין קרעדיט אז ער האט געמיינט דאס וואוילזיין פון אמעריקע, צו באשיצן די אמעריקאנער ציווילע באפעלקערונג, ווייל ער האט דאך דערציילט מאסיווע סודות וואס האט אונטערגעגראבן אמעריקע'ס אויסלענדישע באציאונגען, ווען ער האט אויסגעזאגט אז אמעריקע פלעגט אויך אונטערהערן געשפרעכן פון אויסלענדישע פירער, אפילו פון פריינטליכע מדינות. אויך האט די שפיאנאזש אינפארמאציע וואס ער האט ארויסגעלאזט, ווארשיינליך אפגעקאסט די לעבענס פון אמעריקאנער שפיאנען אין פיינטליכע לענדער, וועמענ'ס ארבעט איז אויפגעדעקט געווארן "אדאנק" סנאודענ'ס פארראט. צוליב דעם האט פרעזידענט אבאמא אפילו נישט געוואלט הערן פון באגנאדיגן סנאודען, און עס האט ארויסגערופן גרויס וואונדער ווען פרעזידענט טראמפ האט עטליכע וואכן צוריק געזאגט אז ער באטראכט צו באגנאדיגן סנאודען. די אנטי-טראמפ עלעמענטן האבן זיך אנגעכאפט אין דעם ווי נאך א באווייז פון טראמפ'ס הכנעה צו די רוסן, ווארשיינליך צוליב די מורא אז זיי קענען ארויסגעבן סודות וואס וועט זייער שעדליך זיין פאר טראמפ, און מעגליך האט סנאודען אויך אין זיין באזיץ "סחורה" מיט וואס ער שאנטאזשירט טראמפ.

ביז סנאודען האט דערציילט אין 13' אז די "ען. עס. עי." האט אויפגעבויט אין געהיים א ריזיגע דאטא באזע פון די אמעריקאנער טעלעפאן רעקארדס, אריינגערעכנט אויך מיליאנען מאביל קאלס, האבן די הויפט שפיאנאזש באאמטע עפנטליך גע'טענה'ט אז די "ען. עס. עי." האט קיינמאל נישט באוואוסטזיניג געזאמלט אינפארמאציע אויף אמעריקאנער. ביים שפיאנירן אויף פרעמדע, האט מען "אינאיינוועגס" אויך געקענט אויפכאפן אינפארמאציע אויף אמעריקאנער, אבער דאס איז נישט געווען אין פלאן פון פאראויס.

נאך סנאודענ'ס אויפדעקונג, האט מען גענוצט די טענה אז די סארט שפיאנאזש האט געשפילט א קריטישע ראלע אין באקעמפן אינערליכן עקסטרעמיזם, אנווייזענדיג אלס איין ביישפיל אויף 4 מוסולמענער איינוואוינער פון סען דיעגא, קאליפארניע, וועלכע זענען באשולדיגט געווארן אין צושטעלן הילף פאר רעליגיעזע פאנאטיקער אין סאמאליע. די אמעריקאנער באאמטע האבן גע'טענה'ט אז מ'האט געקענט פאראורטיילן די 4 טעראריסטן נאר אדאנק פון די שפיאנאזש, אבער איצט האט דער אורטייל פון אפעלאט געריכט געלויטעט אז אזעלכע בארימערייען זענען נישט אין איינקלאנג מיט'ן אינהאלט פון די שפיאנאזש אינפארמאציע... אין אנדערע ווערטער, עס איז געווען א הוילע, פוסטע בארימעריי, ווייל דאס האט נישט געשפילט א ראלע אין זייער פאראורטיילונג, אויף אזוי ווייט, אז די אומלעגאלע שפיאנאזש האט אפילו נישט אומלעגאל געשטערט די באווייזן וואס מ'האט אריינגעברענגט אין געריכט ביי זייער פראצעס!

די "עי. סי. על. יו." וואס האט געפירט דעם אפעלאט, האט דאס באגריסט אלס א זיג פאר די פרייוועסי רעכטן פון די אמעריקאנער.

סנאודען אליין האט אנגעהויבן צו טוויטן פון מאסקווע א באגריסונג אויף דעם איצטיגן אורטייל, אלס א באווייז אז ער איז גערעכט געווען, וכו'.

די "ען. עס. עי." האט אפגעשטעלט דעם פראגראם אין 15', נאכדעם ווי דער קאנגרעס האט דורכגעפירט א געזעץ אונטער וואס אויספארשער מעגן באקומען צוטריט צו אזעלכע מאסן טעלעפאנישע רעקארדס בלויז מיט די ערלויבעניש פון א ריכטער. די "ען. עס. עי." האט אנגעבליך אינגאנצן געשלאסן דעם טעלעפאן פראגראם אין 18'.

אזוי ווי דער ריכטער וואס האט געשריבן דעם אורטייל האט מערערע מאל דערמאנט סנאודען, באנייט דאס די שפאקולאציע צי דאס וועט העלפן באאיינפלוסן טראמפ צו באגנאדיגן סנאודען, אבער נאכדעם ווי טראמפ האט זיך געאייסערט אויגוסט 15 ביי א פרעסע קאנפערענץ אז זייער א סאך מענטשן האלטן אז סנאודען איז בא'עוולה'ט געווארן, האט עטליכע טעג שפעטער אטורני דזשענעראל באר דערקלערט זיין פעסטע קעגנערשאפט צו כאטש וועלכע באגנאדיגונג פארזוכן פאר סנאודען. באר האט דערקלערט צו די פרעסע: ער איז געווען א פאררעטער, און די אינפארמאציע וואס ער האט צוגעשטעלט פאר אונזערע שונאים האט זייער שטארק געשעדיגט די זיכערקייט פונעם אמעריקאנער פאלק.

סנאודען האט געשריבן א בוך "פערמענאנטער רעקארד" וואס איז עטליכע וואכן צוריק ערשינען, אין וואס ער פרובירט צו בארעכטיגן זיין באשלוס ארויסצוגעבן די געהיימע דאקומענטן. סנאודען, וועלכער איז צוערשט אנטלאפן קיין האנג קאנג און פון דארט קיין רוסלאנד, פרובירט צו געווינען סימפאטיע דורך פארשטעלן זיין לעבן פון גאנץ יונג אלס קינד, ווען זיין טאטע האט געארבעט אין די קאוסט גארד און זיין מאמע איז געווען א קלערק אין די "ען. עס. עי." ווען ער איז געווארן אן ערוואקסענער, איז די אינטערנעט ארויסגעשטאנען ווי א וויכטיגע פרישע אנטוויקלונג.

נאך פון אלס קינד איז ער געווען פאר'כישופ'ט פון טעכנאלאגיע, און אלס א טינעידזשער האט ער אריינגעדרינגען אין די קאמפיוטער נעץ פון די לאס אלאמאס נוקלעארע לאבאראטאריע! דאס האט אים עווענטועל געפירט צו ארבעטן אלס א קאנטראקטאר פאר די "ען. עס. עי.", וואו ער האט געזען די הויך-טעכנאלאגיע שפיאנאזש קראפט און דאס האט אים אלץ מער און מער פארעקלט דערפון.

ער שרייבט ווי אזוי אנאליסטן פלעגן איבערלייענען אפילו פריוואטע אי-מעילס און טשעפען מיט יענע אי-מעיל שרייבער. איין "ען. עס. עי." פראגראם האט ערלויבט שנעל דורכצונישטערן די אינטערנעט היסטאריע פון דורכשניטליכע אמעריקאנער, און פון דעם האט ער זיך געלערנט אז כמעט יעדער וואס איז געגאנגען "אנליין" (גענוצט דעם אינטערנעט) האט געהאט וויניגסטענס 2 זאכן צוגלייך. זיי האבן אוועקגעלייגט ווידעאס און בילדער פון זייער פאמיליע, און זענען געקראכן מינימום געציילטע מאל אויף אומאיידעלע אינטערנעט פלעצער, און ער האט דאס געזען ביי כמעט יעדן, פון יעדן עלטער און אפשטאם, פון די געמיינסטע טעראריסטן ביז צו די איידלסטע עלטערע לייט.

דאס האט אים באאיינפלוסט אויסצוזאגן די סודות, צו ברענגען אן ענדע צו דעם מאסיווען שפיאנאזש אויף אומשולדיגע ציווילע מענטשן.

(פארשטייט זיך, אז דאס בארעכטיגט נישט די שעדליכע פאררעטערישע אינפארמאציע וואס ער האט ארויסגעגעבן, אבער רוב שפיאנען פרובירן זיך פארצושטעלן אז זיי זענען גאר געווען העלדן, וועלכע האבן געוואלט העלפן אדער באשיצן די דורכשניטליכע אומשולדיגע מענטשן...)

ער דערציילט אויך ווי אזוי ער פארברענגט א סאך טעג ביי זיין קאמפיוטער אין קאנפערענצן מיט אנדערע מיטגלידער אין דעם "פרייהייט פון די פרעסע פאונדעישאן", און ווען ער גייט ארויס אויף די גאס פרובירט ער זיך עטוואס צו פארשטעלן. ווען ער גייט פארביי געביידעס וואס האבן ווידעא מאשינען, בייגט ער אראפ זיין קאפ אז מ'זאל אים נישט אזוי לייכט דערקענען.

עס בענקט אים צוריק קיין אמעריקע, ווייל ער האט גראדע גאנץ א "מיוחס'דיגן" אפשטאם, ער קען ציען זיין יחוס ביז צו די "מעיפלאוער" שיף, די היסטארישע "פילגרימס" אימיגראנטן וועלכע זענען געקומען קיין אמעריקע אויף די מעיפלאוער שיף הונדערטער יארן צוריק, און ער שטאמט פון מענטשן וואס האבן געקעמפט אין די רעוואלוציע קריג קעגן ענגלאנד.

אמעריקאנער שפיאנאזש באאמטע געבן ארויס יעדעס יאר א געהיימע אפשאצונג פון די שאדענס וואס קומען פון סנאודענ'ס אויפדעקונגען. זיי זאגן אז די סנאודען דאקומענטן וועלן נאך ארויסרינען לאנגע יארן. עס איז גאנץ מעגליך אז די רוסן האבן באקומען צוטריט צו זיינע ארכיוון אין אויסטויש פאר לאזן אים לעבן אין מאסקווע.

* * *

## קאנגרעסיאנאלע אויספארשונג אויף מעגליכע קאמפיין פינאנץ פארלעצונגען דורכ'ן נייעם הויפט פאסטמייסטער

די הויז אויפזיכט קאמיטע, וואס די ניו יארקער קאנגרעס מיטגליד קעראלין מעלאני איז פארזיצער, האט געמאלדן אן אויספארשונג צי דער נייער הויפט פאסטמייסטער לואיס דידזשוי האט פארלעצט די קאמפיין פינאנץ געזעצן דורך ערמוטיגן ארבעטער אין זיין געוועזענע ביזנעס בייצושטייערן צו טראמפ און צו אנדערע רעפובליקאנער קאנדידאטן, און דערנאך האט ער זיי פארגיטיגט די געלטער אלס באנוסעס פאר זייער ארבעט.

מען האט שוין געהערט פון פינף מענטשן וואס האבן געארבעט פאר דידזשוי'ס געוועזענע ביזנעס, אז דידזשוי אדער זיינע געהילפן האבן זיי געבעטן אויסצושטעלן טשעקס און באטייליגן זיך ביי געלט-זאמלונג אקציעס אין זיין הויז אין גרינסבארא, נארט קאראליינע. צוויי פון די געוועזענע ארבעטער האבן דערציילט אז דידזשוי פלעגט דערנאך געבן גרעסערע באנוסעס פאר די ביישטייערע, צו דעקן זייערע ביישטייערונגען.

עס איז נישט אומלעגאל צו בעטן ארבעטער בייצושטייערן צו א פאליטישן קאנדידאט אבער עס איז יא אומלעגאל זיי צו פארגיטיגן, און נוצן דעם מיטל

(פארזעצונג אויף זייט 27)


מלכות
לולב
האלטער
NEW!
Innovative
STAYFRESH™
aluminum lining
protects your
Lulav for 7 days!
רייכע אויסוואל
פון אויגפארכאפנדע
דעזיינס
הערליכע
מתנה
לכבוד יום טוב
פאר תומכים,
משפחה, און
גוטע פריינט!
admarkny.com
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG:
165 Lee Ave.
718.408.8822
BORO PARK:
3902 14th Ave.
718.854.7700
MONSEY:
17 Main St.
845.474.8822

# די צייט איז קורץ. פילט היינט אויס דעם 2020 צענזוס.

אייערע ענטפערס העלפן דירעקטירן וואו ביליאנען דאלארן אין רעגירונגס געלטער וועלן געווידמעט ווערן פאר געזונטהייט קליניקס, עמערדזשענסי סערוויסעס און עדיוקעישאן יעדעס יאר פאר די קומענדיגע צען יאר. אויב איר האט נאך נישט אויסגעפילט דעם צענזוס, וועט א צענזוס באאמטער אייך באזוכן צו העלפן דערמיט, טראגנדיג א מאסקע און אויספאלגנדיג די לאקאלע אנווייזונגען כדי צו פארזיכערן יעדן׳ס געזונטהייט,

**עס איז נאך דא צייט אויסצופילן דעם צענזוס אנליין, דורכן טעלעפאן אדער דורך פאסט, געפינט אויס ווי אזוי ביי 2020census.gov/yi. 844-330-2020**

United States® Census 2020

Shape your future
< START HERE

**2020CENSUS.GOV/yi**

באצאלט דורך די פאראייניגטע שטאטן צענזוס ביורא.

# נייעס איבערזיכט פון דער וואך:

אויסצוקרויזן די פעדעראלע קאמפייןביישטייערונג מאקסימומס.

מעלאני האט אויפגעקלערט אז עס קען זיין א קרימינאלע זאך נישט בלויז פאר דעם וואס דידזשוי האט געטאן ביי זיך אינדערהיים אין נארט קאראליינע, נאר אויך פאר ווייל ער האט ליגנט געזאגט אונטער א שבועה ווען ער האט אויפגעטרעטן פאר די קאמיטע עטליכע וואכן צוריק און ער האט געלייקנט אז ער האט צוריקגעצאלן פאר ביזנעס באאמטע וואס האבן בייגעשטייערט צום טראמפ קאמפיין. ווען מען האט געפרעגט פרעזידענט טראמפ מאנטאג איבער די באשולדיגונגען קעגן דידזשוי, האט זיך טראמפ ווי אפגעשאקלט פון אים, אויפ'ן שטייגער ווי מען זעט ווי ער שאקלט זיך אפ פון מענטשן וואס פאלן אריין אין פראבלעמען. טראמפ האט געזאגט אז אדרבה, זאל מען פארשן, און אויב עס האט טאקע נישט געטויגט, דארף טאקע דידזשוי נישט זיין די פאסט מייסטער.

* * *

## שרעקליכע פייערן אין קאליפארניע, געטריבן דורך אויסטערלישע גרויסע היצן

קאליפארניע ליידט איצט פון שרעקליכע פייערן, איבער צוויי מיליאן אקער איז שוין פארברענט געווארן אין קאליפארניע דעם זומער שאפנדיג א נייעם רעקארד. די פייערס ווערן געטריבן דורך אויסטערלישע הויכע היצן פון העכער הונדערט גראד, און דאס האט אויך אנגעהויבן איבערצושטרענגען די עלעקטריציטעט סיסטעם אין די סטעיט, ברענגענדיג זארג אז מען וועט מעגליך מוזן אפשטעלן די עלעקטריציטעט פון געוויסע שטעט אדער ראיאנען, גייענדיג אין א רייע אז יעדער זאל ליידן דערפון א קורצע צייט, כדי די סיסטעם זאל נישט קראכן.

די פריערדיגע רעקארד איז געווען 196 מיליאן אקער וואס איז פארברענט געווארן צוויי יאר צוריק.

איינע פון די גרויסע פייערס האבן זיך אנגעהויבן דורך א פייערונג ווען מען האט געשאסן פייער ווארקס אבער מען איז געווען אומפארזיכטיג ווען די פייער צינגען זענען געפאלן אויף די אויסגעטריקנטע ביימער און בלעטער, און דאס האט זייער שנעל אויפגעפלאמט און זיך אנגעהויבן אויסצושפרייטן.

אלס א ביישפיל פון די גרויסע היצן, איז זונטאג נאכמיטאג געווען 111 גראד אין לאס אנדזשעלעס, און א רעקארד 121 גראד אין די שכנות'דיגע סען פערנאנדא וועלי. עס איז געווען די גרעסטע היץ וואס מען האט רעקארדירט אין לאס אנדזשעלעס קאונטי.

אין סאן פראנציסקא איז זונטאג געווען הונדערט גראד.

אלעס אינאיינעם זענען מאבילידירט געווארן ארום 15,000 פייערלעשער צו באקעמפן 23 גרויסע פייערס איבער די סטעיט. א סאך פון די 900 פייערס וואס האבן זיך אנגעצינדן זינט אויגוסט 15 זענען געקומען אלס רעזולטאט פון טויזנטער בליצן. מען ווייסט שוין פון וויינגסטנס 8 טויטע און איבער 3,000 הייזער וואס זענען פארברענט געווארן.

## סאודי אראביע פאראורטיילט די מערדער פון קאשאגי צו 7 ביז 20 יאר טורמע

עס איז שוין באלד צוויי יאר נאכדעם ווי דער זשורנאליסט דזשאמאל קאשאגי איז אריינגעגאנגען אין די סאודיער קאנסולאט אין איסטאנבול, טערקיי אקטאבער 2 '18 דארט אפצונעמען געוויסע שריפטן, און איז קיינמאל נישט ארויסגעקומען פון דארט. די טערקישע שפיאנאזש רעקארדירונגען האט אויפגעכאפט די ברוטאלע פייניגונג און מארד פון קאשאגי ווען א באנדע מערדער זענען געשיקט געווארן פון די קעניגליכע פאמיליע אין סאודי אראביע נקמה צו נעמען אין קאשאגי וועלכער האט זיך געטרויט צו קריטיקירן די סאודי דיקטאטארן, און כאטש סאודי אראביע האט אין אנהויב אלעס געלייקנט, האבן אבער די טערקן געלאזט די וועלט באקומען צוטריט צו זייערע אויפגעכאפט באווייזן און סאודי אראביע האט געמוזט ארעסטירן א באנדע וועלכע זענען באשולדיגט געווען אז זיי זענען געווען באטייליגט אין די מארד גרופע פון 15 חברה לייט.

צווישן זיי איז געווען א הויפט ראטגעבער פון דעם קרוינפרינץ מוכאמעד בין סאלמאן און דער געהילף שפיאנאזש שעף פון לאנד, וואס די צוויי זענען באפרייט געווארן ביים פראצעס, אבער אנדערע זענען פאראורטיילט געווארן צו טורמע פון זיבן ביז צוואנציג יאר, און קיינער רעדט זיך אפילו נישט איין אז זיי וועלן פאקטיש ארייגעשליידערט ווערן אין טורמע אפילו אויף א פאר יאר. די גאנצע זאך איז געווען בלויז מיט א ציל איינצושטילן די קריטיק, אז די זאך זאל קענען פארגעסן ווערן.

אזוי ווי פרעזידענט טראמפ האט זיך נישט געזוכט איינצורייסן מיט די סאודיער קעניגליכע פאמיליע, האט ער נישט געלייגט צו א גרויסן דרוק אויף זיי, ערווארט מען צו זען צי די דעמאקראטן וועלן יא מאכן א קאמפיין טעמע דערפון, ווייל פאקטיש איז דאך קאשאגי געווען א לעגאלער אמעריקאנער רעזידענט (געהאט א "גרין קארד") און א זשורנאליסט פאר'ן וואשינגטאן פאסט, ממילא וואלט געווען רעכט אז אמעריקע זאל זיך יא אננעמען און פארלאנגען יוסטיץ פאר זיין מארד.

דרייסיג מוסדות התורה בלייבן הערמעטיש פארשלאסן!
מיר מוזן דרינגענד פלאצירן 86 קינדערלעך
אין אנדערע מוסדות צום נייעם לערן יאר.
ספאנסערט אן ערוואקסן קינד $150 לחודש
ספאנסערט אן עלעמענטארי קינד $100 לחודש
ספאנסערט היינט א אידיש קינד
Call 24 Hour:
718.851.0340
1338 41 Street Brooklyn, NY 11218
nechomasyisroel@yeshivanet.com
NECHOMAS YISROEL
נחמת ישראל

# לאקאלע נייעס:

## ניו יארקער שולעס וועלן מוזן איינמעלדן זייערע קאוויד פאלן

גאווערנאר קואמא האט דאנערשטאג געמאלדן אז אלע סקול דיסטריקטן אין ניו יארק סטעיט וועלן מוזן טעגליך פארעפענטליכן סטאטיסטיקס איבער דעם צאל סטודענטן, לערערס און אנדערע שולע שטאב וועלכע האבן באקומען א פאזיטיוו רעזולטאט אויף א קאוויד טעסט, און די סטאטיסטיקס וועלן מוזן איבערגעגעבן ווערן פאר יעדע שולע געביידע. מ'וועט עס יעדן טאג אויפפרישן אויף א סטעיט העלט דעפארטמענט "דעשבאורד" (ליסטע), אז עלטערן זאלן קענען מער רואיג זיין, ביים וויסן די פרישע סטאטיסטיקס וואס עס טוט זיך אין די שולעס וואו זייערע קינדער דארפן גיין.

די ליסטעס וועלן זיך שוין אנהויב די וואך מיטוואך, און קומט נאכדעם ווי עלטערן און אויך די לערערס האבן אויסגעדריקט זארג אז מ'וועט צוריקהאלטן קאוויד אינפארמאציע פון פאלק, צוליב זארג אז עלטערן וועלן באיקאטירן די שולעס. אויף דעם האט קואמא געזאגט אז ער האפט אז מיט די פרישע אינפארמאציע יעדן טאג, וועט יעדער איבערצייגט ווערן אז די סטעיט העלט דעפארטמענט פאסט אויף, האלט אן אויג אויפ'ן מצב אין אלע שולעס, און אויב עס וועט אפירקומען עמיצער וואס האט געכאפט דעם קאוויד ווייִרוס וועט מען זאפארט וויסן דערפון און קענען נעמען די געהעריגע שריט צו רעאגירן צו דעם.

העלט קאמישאנער דאקטאר האוארד צוקער האט שוין דאנערשטאג איינגעמאלדן פאר אלע שולעס איבער די נייע שטרענגע פארלאנגען.

* * *

## פרישע אנקלאגע קעגן סטעיט צוימונגען אויף חתונות

פרישע אנקלאגעס זענען אריינגעגעבן געווארן דורך א רעסטוראנט אין מאסאפיקווא, לאנג איילאנד, און האטעל סאגערטיס (נעבן קינגסטאן) קעגן גאווערנאר קואמא און אנדערע סטעיט באאמטע, אויף די טענה אז מ'נוצט א דאפלטן סטאנדארט פאר די קאוויד צוימונגען. מ'לאזט רעסטוראנטן איסער די שטאט ניו יארק דינען דאס פאלק ביז 50 פראצענט פון די מאקסימום מענטשן וואס זענען ערלויבט אין יענעם פלאץ, אין נארמאלע צייטן, אבער פארזאמלונגען אזוי ווי חתונות, קומען מיט א מאקסימום פון 50 מענטשן. אויף דעם טענה'ן די קעיטערערס אין א קלאס-אקציע אנקלאגע אז דאס איז אן אומ'יושר'דיגע דיסקרימינאציע קעגן די חתנים און די כלות, זייערע געסט און חתונה פלעצער, וואס מאכט אוממעגליך פאר יענע ביזנעסער צו עקזיסטירן, האט באשולדיגט ענטאני ראפ, דער הויפט אדוואקאט וואס פארטרעט די אנקלעגער.

ראפ איז אן אדוואקאט פון באפעלא, און ער האט אנגעקלאגט קואמא אלס גאווערנאר פון די סטעיט און אטוירני דזשענעראל לעטישא דזשעימס, וואס עס איז דאך די אויפגאבע פונעם אטוירני דזשענעראל צו פארטיידיגן די סטעיט רעגירונג און אירע אגענטורן, ווי אויך קעגן אנדערע סטעיט אגענטורן, די סטעיט ליקער אויטאריטעט, וואס קואמא נוצט דאס אלס א וואפן, צו סוספענדירן די ליקער לייסענס, די ערלויבעניש צו פארקויפן משקאות אין די פלעצער וואס פארלעצן זיינע קאוויד צוימונגען.

ראפ האט געזאגט אין אן אינטערוויו אז די קעיטערערס ווערן ממש גע'הרג'עט פון די צוימונגען, זיי פארלירן ביזנעס יעדן טאג, און דאס איז באשטעטיגט געווארן דורכ'ן אייגנטימער פון איין אזא פלאץ אין לאנג איילאנד וועלכער האט זיך באקלאגט אז ער האט שוין געמוזט אפרופן 60 חתונות אויף איבער א יאר, און האט געמוזט אפלייגן נאך 25 חתונות אויף אן אומבאשטימטן דאטום, נישט וויסענדיג ווי אזוי דער מצב וועט אויסזען.

די קלאגע איז אריינגעגעבן געווארן אין פעדעראלן געריכט אין אלבאני, מיט א פארלאנג פאר א דזשורי פראצעס, וואס די אנקלעגער פארשטייען אז ביי א דזשורי, וועלן זיי געניסן פון פיל מער סימפאטיע ווי ווען דאס דארף בלויז אנטשידן ווערן דורך אן איינצעלנעם ריכטער.

איינער פון די אנקלעגער האט זיך באקלאגט אז מ'לאזט עפענען די "דזשימס", צו מאכן איבונגען, אויף 33 פראצענט פון זייערע מאקסימומס, און ער וואלט זיך מחי' געווען אז אויך אים זאל מען לאזן 33 פראצענט, כאטש עס וואלט געדארפט זיין 50 פראצענט. דער אנקלעגער האט 2 פלעצער וואס אין יעדע פון זיי מעג מען לעגאל האבן איבער 200 געסט, אבער דאס איז איצט געצוימט געווארן צו בלויז 50 געסט.

ראפ שאצט אז איבער 3,500 פלעצער ליידן פון אומ'יושר'דיגע צוימונגען, און זיין אנקלאגע פארטרעט יעדעס פלאץ וואס מעג האבן מינימום 104 מענטשן, וואס איז א פארשטענדליכע סברא, ווייל העלפט פון 104 איז דאך 52, איז אזא פלאץ שוין געשעדיגט פון א 50 מאקסימום. ער ווייסט שוין פון ארום 1,000 פלעצער וואס וועלן זיך אנשליסן אדער האבן זיך שוין אנגעשלאסן אין די אנקלאגע.

א רעסטוראנט מעג האבן א 50 פראצענט מאקסימום, וואס מיינט אז א פלאץ מיט 400 זיצן מעג האבן ביז 200 געסט אויף איינמאל, אבער וויבאלד מ'באצייכנט אזא דינער ווי א "חתונה", טענה'ט ראפ אז דאן פאלט עס אונטער א מאקסימום פון בלויז 50 מענטשן. רעאליסטיש וויל קיינער נישט האבן א

## פארפאלק ארעסטירט ווייל זיי האבן נישט געוואלט אנטאן מאסק אויף פערי שיף

אן אינטערעסאנטער עפיזאד האט זיך אפגעשפילט מוצ"ש, אויף א פערי שיף ביי ברוקלין ברידזש פארק, ארום 8 אזייגער, ווען דער קאפיטאן פון די פערי האט באפוילן פאר א מיטליעריגע ווייסע פארפאלק אנצוטאן מאסקעס אויף די פנימ'ער, און אויב זיי ווילן נישט, מוזן זיי אראפגיין פון די שיף. זיי האבן אנגעהויבן צו טענה'ן אז זיי האבן א מעדיצינישן צושטאנד וואס צוליב דעם זענען זיי פטור פון גיין מיט מאסקעס, אבער זיי האבן נישט אויפגעוויזן זייער באהויפטונג.

דערנאך האבן זיי פארגעהאלטן אז זיי האבן א קאנסטיטוציאנאלע רעכט צו פארן אויף א פערי אן א מאסק, אבער אויך דאס האט נישט געהאלפן. אויף דעם האבן זיי אנגעהויבן צו פארפירן אז מען דיסקרימינירט קעגן זיי ווייל זיי זענען ווייסע מענטשן, אויב זיי וואלטן געווען שווארצע, וואלט מען נישט געזאגט קיין ווארט פאר זיי!

די באשולדיגונג איז געקומען פון די פרוי, וועלכע האט געזאגט אז זי קען גאראנטירן אז יענער חברה'מאן (דער קאפיטאן) וואלט קיינמאל נישט ארויסגעקומען און געהייסן זיי אנטאן א מאסק, אויב זיי וואלטן געווען שווארצע, אויף וואס דער מאן האט צוגעשטימט, "ריכטיג, ווייל בלעק לייווס מעטער".

די פערי האט זיך אפגעשטעלט ביים ברוקלין ברידזש פארק וואס פון דארט האט עס געדארפט ווייטער פארן קיין בעי רידזש, און דארט האט דאס פארפאלק געוואלט אנקומען ווען זיי זענען אהיימגעקומען פון מאנהעטען, אבער דער קאפיטאן האט נישט געוואלט ווייטער פארן. די קריגעריי האט זיך געשלעפט צו די אויפרעגונג פון די אנדערע פאסאזשירן וועלכע זענען געווען אויפגערעגט אז זיי שפעטיגן אנצוקומען אהיים צוליב דעם עקשנות פון דעם פארטרעקטן פארפאלק, און מ'האט אנגעהויבן צו בעטן אז זיי זאלן שוין אראפגיין אדער אנטאן מאסקעס, און זעענדיג אז זיי האלטן אן זייער עקשנות האט מען גערופן די פאליציי.

2 פאליסלייט זענען אנגעקומען, און ווען זיי האבן אויסגעהערט די טענות איבערהויפט די באשולדיגונג אז דער קאפיטאן האט געצילט ספעציעל אויף זיי און האט זיי פארשעמט, און מען דיסקרימינירט קעגן זיי, האט איין פאליסמאן פראבירט צו מאכן ארדענונג, בעטענדיג אז זיי זאלן אויפווייזן אז זייער געזונט צושטאנד לאזט זיי נישט גיין מיט א מאסק, אבער זיי האבן נישט געוואלט אדער געקענט צושטעלן קיין שום באווייזן דערויף.

דער צווייטער פאליסמאן האט פעסטגעשטעלט אז דער קאפיטאן האט די לעגאלע מאכט אראפצושיקן פאסאזשירן וואס ער באטראכט אז זיי פירן זיך נישט אויף ארענטליך. ער האט אפילו נישט געדארפט אנפרעגן אויף דעם, עס איז פאר אים גענוג געווען איבערצולייענען די צווייטע זייט פון א פערי טיקעט וואס מ'גיט פאר יעדן פאסאזשיר.

דער קאפיטאן האט געגעבן פאר'ן פארפאלק איין לעצטע געלעגנהייט, אנצוטאן מאסקעס אדער אראפגיין פון די שיף פרייוויליג. זיי האבן זיך ווייטער גע'עקשנ'ט, האט מען געקייטעלט די 2 מענטשן און אזוי אראפגעפירט פון די שיף, צו די הילכיגע אפלאדיסמענטן און באגריסונגען פון די אנדערע פאסאזשירן, ווען א סאך פון זיי האבן געשריגן דאנקען צו די ניו יארקער פאליציי דעפארטמענט!

די 2 מענטשן האבן באקומען יעדער פון זיי א סאמענס פאר "דיסארדערלי קאנדאקט", וואס מיינט נישט ארענטליך זיך אויפפירן, וואס דאס איז די קלענסטע קלאס פארברעכן, בלויז א "ווייאלעישאן", אויף וואס זיי וועלן אפקומען מיט א געלט שטראף, אבער אויך דאס איז נישט אזוי לייכט דורכגעגאנגען, ווייל די פרוי האט געזאגט פאר א רעפארטער וואס איז צופעליג אויך געווען א פאסאזשיר אויף די פערי און האט אלעס רעקארדירט, אז זי און איר מאן האבן שוין אנגעקלאגט די "עם. טי. עי." נאך אן ענליכן אינצידענט ווען מ'האט זיי ארויסגעווארפן, געהייסן אראפגיין פון א שטאטישן באס ווען זיי האבן נישט געוואלט גיין מיט קיין מאסקעס. איצט וועלן זיי ווארשיינליך אריינגעבן נאך אן אנקלאגע קעגן די פערי פירמע נאך די קאנפראנטאציע.

ווען די פאליציי האט זיי אראפבאגלייט פון די שיף געקייטעלט, האט דער מאן פארפירט פארוואס די פאליציי גיט זיך נישט מער אפ מיט די היימלאזע דראג פארברעכער און גנבים און רויבער. ער האט אפילו א פרעג געטאן, פרובירנדיג צו חנפ'נען, קען נישט איינער פון אייך ביטע אונז געבן א רייד אהיים? מיר האבן דאך אזעלכע גוטע געפילן איבער די פאליציי דעפארטמענט. די פאליסלייט האבן זיי געענטפערט, אז דאס איז קעגן די רעגולאציעס, און מ'האט זיי אריינגעזעצט אויף די אונטערשטע זייך פון א פאליציי "ווען", אפצופארן צו די לאקאלע פאליציי סטאנציע אויף טילערי סטריט, וואו מ'האט זיי געגעבן דעם טיקעט און באפרייט.

פאר'ן אוועקפארן, האט איין פאליסמאן געוואלט פארלייכטערן דעם מצב, זאגענדיג אז ער האט מיטגעפיל מיט זיי...

אויף אן אנפראגע צו די פאליציי וויפיל מענטשן זענען שוין ארעסטירט געווארן פאר נישט פארדעקן דעס פנים ווען מ'איז אינדרויסן, איז נישט געקומען קיין ענטפער אויף די אנפראגע. איין פאליסמאן האט אבער געזאגט אז יעדער פאלגט געוועגליך, אבער אלץ טרעפן זיך א פאר אויבער-חכמים...

חתונה פון בלויז 50 מענטשן, וואס אין דעם איז שוין אריינגערעכנט חתן-כלה, אלע מחותנים, א.ד.ג.

דער אדוואקאט האט אויך פארגעשטעלט א סברא אז א חתונה איז א מער פארזיכערט פלאץ ווי א רעסטוראנט, ווייל אויב עמיצער באקומט דעם קאוויד ווירוס, האט מען דאך א ליסטע פון די חתונה געסט, און מ'קען זייער שנעל קאנטראלירן צי נאך עמיצער האט זיך איבערגענומען, אדער פארלאנגען קווארענטין אויף אלע געסט, א זאך וואס מ'קען נישט טאן אין א רעסטוראנט. שטעלט אייך פאר א רעסטוראנט וואס מעג האבן 200 געסט מאקסימום, און דאס טוישט זיך אין דורכשניט 3 מאל אין לויף פון די נאכט, קען זיין א רעדע פון א מאקסימום 600 מענטשן וואס זענען דורכגעגאנגען יענעם רעסטוראנט אין א דורכשניטליכע נאכט. נו, פרעגט ראפ, קען מען אפילו חלומ'ען פון "טרעיסן" די אלע הונדערטער מענטשן?

אין די אנקלאגע ווערט אויך דערמאנט די דיסקרימינאציע, וואס די סטעיט ערלויבט און ערמוטיגט אפילו פארזאמלונגען פון הונדערטער און טויזנטער מענטשן צו פראטעסטירן דעם אומ'יושר'דיגן טויט פון דזשארדזש פלאיד דורך א פאליסמאן. מ'האט ערלויבט די פראטעסטן אין יעדע גרויסע שטאט אין ניו יארק סטעיט און אויך אין א סאך קלענערע טאונס און ווילעדזשעס, זינט פלאיד'ס טויט מאי 25. זיי זענען פטור פון די צוימונגען, אבער מ'פארבאט חתונות מיט א גרעסערן צאל געסט, אפילו ווען די חתונה זאלן וועלן צווינגען יעדן צו גיין מיט א מאסק, און מ'וועט אויפפאסן אז מ'זאל זיך נישט מישן אדער טאנצן, אויב דאס וועט זיין א באדינג צו ערלויבן גרעסערע חתונות.

אין איין נייעס באריכט איז אבער ארויסגעברענגט געווארן אז עס זענען פאראן חתונה זאלן וואס זענען יא באקוועמער אפצולייגן די גרויסע חתונות ביז דער קריזיס וועט פאראיבער, און עס ווערט אויך אנגעמערקט אז מעיאר דיבלאזיא האט שוין פארגעהאלטן אז עס איז געשטיגן די קאוויד פאלן אין די חסיד'ישע געגענט פון בארא פארק, וואו עס קומען פאר חתונות מיט מער פון 50 געסט.

אין אן אנדערע אנקלאגע האט א פאראיין פון רעסטוראנטן פארלאנגט אז מעיאר דיבלאזיא און גאווערנאר קואמא זאלן פארעפענטליכן א פלאן ווען עס וועט שוין ערלויבט ווערן פאר די רעסטוראנטן אין די שטאט ניו יארק צו קענען סערווירן די מענטשן אינעווייניג, נישט בלויז אויף טישלעך אינדרויסן, נאכדעם ווי דיבלאזיא האט געזאגט אז מ'האט נאכנישט קיין פלאן ווען דאס זאל ערלויבט ווערן, און מ'גלויבט אז די ערלויבעניש וועט נישט קומען ביז

מ'וועט האבן א וואקסין.

*

אין אן אנדערע חתונה-אנקלאגע וואס מיר האבן שוין עטליכע מאל באריכטעט, האט דער סטעיט העלט קאמישאנער דאקטאר הארווארד צוקער דאן פארגעלייגט פאר'ן פעדעראלן געריכט אז ביי חתונות מישט מען זיך נאענט מיט אנדערע געסט עטליכע שעה נאכאנאנד, אנדערש ווי אין רעסטוראנטן ווען די רעדע איז פון קלענערע גרופעס, וואס זיצן נישט אזוי לאנג ווי מ'געפינט זיך ביי א חתונה.

די געריכטן האבן מורא צו געבן א ברייטע ערלויבעניש פאר גרויסע חתונות, איבערהויפט נאך א באריכט פון א גרויסע חתונה וואס איז פארגעקומען אין מעין, אנהויב אויגוסט, און ביז פאריגן פרייטאג ווייסט מען שוין פון 147 מענטשן וואס האבן באקומען קאוויד און 3 זענען געשטארבן אלס רעזולטאט פון יענע חתונה. קיינער פון די 3 וואס זענען געשטארבן זענען אפילו נישט געווען ביי די חתונה, נאר זיי האבן עס איבערגענומען פון אנדערע וואס זענען יא געווען דארט.

מ'האט געשילדערט אין די פרעסע ווי אזוי איינער פון די פארשטארבענע איז געווען אן 88 יעריגע פרוי אויף וועמען די גאנצע משפחה האט ארויפגעקוקט. זי און איר 97 יעריגער מאן האבן נישט גענומען קיין שום ריזיקעס מיט זייער געזונט ביי דעם פאנדעמיק, צוליב זייער הויכן עלטער, און זיי זענען געזעסן אינדערהיים אין די נאכט פון יענע חתונה. די פרוי האט אבער געכאפט דעם ווירוס פון עמיצן וואס איז יא געווען ביי די חתונה, און האט עס איר איבערגעגעבן.

אויך האט זיך די וואך געקאכט מיט אן אונטערגאנג אין אניאנטא קאונטי, וואו מ'האט געשלאסן די דארטיגע סטעיט אוניווערזיטעט, נאכדעם ווי צענדליגער סטודענטן זענען געווען פאזיטיוו פאר קאוויד נאכ'ן באטייליגן זיך ביי גרויסע פארטיס.

וויבאלד דער אונטערגאנג איז באקאנט געווארן, האט די סטעיט ארויסגעשיקט א "סוואט גרופע" צו 3 באזונדערע פלעצער, פעסטצושטעלן צי דער אונטערגאנג האט זיך שוין אויסגעשפרייט אויך אין די קאמיוניטי. מ'האט דורכגעפירט ארום 2,000 טעסטס און באלד 100 זענען צוריקגעקומען פאזיטיוו, א הויכע פאזיטיוו ראטע פון 4.6 פראצענט, פיל מער ווי די סטעיט דורכשניטליכע ראטע פון אונטער 1 פראצענט אין פארלאפענעם מאנאט. 85 פון די 91 פאלן זענען געווען ביי יונגע מענטשן אין עלטער פון 18 ביז 24 יאר, וואס דאס בארואיגט עטוואס די דאקטוירים, ווייל ביי יונגע מענטשן איז קאוויד נישט אזוי שעדליך ווי ביי די עלטערע מענטשן. ביי די יונגע וואס האבן גענומען דעם טעסט איז געווען די פאזיטיוו ראטע 11.5 פראצענט, ביי די וואס זענען שוין 25 יאר און עלטער

ניו יארק'ער
פאבליק סקולס
זענען נאך דערוויייל
פארשלאסן!
180 אידישע קינדער
בעטן זיך ביי אונז:
איר קענט אונז נאך ראטעווען צו תורה
אידישקייט צום נייעם לערן יאר.
ספאנסערט אן
ערוואקסן קינד
$150
לחודש
ספאנסערט אן
עלעמענטארי קינד
$100
לחודש
ספאנסערט
היינט
א אידיש קינד
Call 24 Hour:
718.851.0340
1338 41 Street Brooklyn, NY 11218
nechomasyisroel@yeshivanet.com
NECHOMAS YISROEL
נחמת ישראל

# לאקאלע נייעס:

איז די ראטע געווען בלויז 0.48 פראצענט.

נאך דעם קאוויד אונטערגאנג אין אניאנטא, האבן סטעיט באאמטע געמאלדן אז 2 וואכן וועט דער קאלעדזש זיין געשלאסן און מ'וועט לערנען "רימאוט", אבער ווען דער צאל פאלן איז ווייטער געשטיגן האט דער קאלעדזש געמאלדן אז אלע קלאסן ווערן אפגעשטעלט, און אפילו די סטודענטן וואס זענען געווען נעגאטיוו אויף די טעסטס האט מען אויך אהיימגעשיקט.

פונעם פרעזידענט פונעם קאלעדזש איז געקומען א שטרענגע ווארענונג, אז מ'וועט נעמען דיסציפלין שריט און מעגליך אפילו סוספענדירן סטודענטן וואס מ'זעט אויף בילדער ווי זיי האבן געהוליעט אויף פארטיס פארלעצענדיג די שטרענגע זיכערהייט פראטאקאלן, שטעלענדיג זיך און אנדערע אין א ריזיקע.

*

דער קאלעדזש פראבלעם שפילט זיך אפ אויך אין אנדערע סטעיטס, וואס א שטודיע פון "ניו יארק טיימס" אויף 203 קאונטיס אין לאנד וואו סטודענטן שטעלן צו וויניגסטענס 10 פראצענט פון די באפעלקערונג, האבן ארום העלפט פון די קאונטיס געהאט זייערע ערגסטע וואכן פונעם פאנדעמיק זינט אנהויב אויגוסט, ווען די קאלעדזשעס האבן זיך נאכאמאל געעפענט. מ'איז באזארגט אז סטודענטן נעמען נישט גענוג ערנסט די באווארענונגען, און אויב זיי וועלן כאפן קאוויד, קענען זיי דאס אויך ווייטער געבן פאר אנדערע מענטשן אין די קאמיוניטיס וואו זיי דרייען זיך.

* * *

## שיסערייען האבן נישט נאכגעלאזט אין אויגוסט

עס איז געווען זייער א ברוטאלער זומער אין ניו יארק, ווען איבער 600 מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן פון שיסערייען אין יולי און אויגוסט, און ביז דערווייל זענען געווען 107 טויטע, אבער דאס וועט ווארשיינליך נאך שטייגן ווען עטליכע פון די קריטישע פארוואונדעטע וועלן מעגליך נישט איבערלעבן זייער שווערן מצב.

אין פארגלייך צו זומער פון '19, איז די צאל שיסערייען איצט געווען 171 פראצענט מער פון פאר א יאר. מ'האט איצט געהאט 486 שיסערייען אין פארגלייך צו 179 פאר א יאר. היי יאר זענען 612 מענטשן פארוואונדעט געווארן, וואס איז באלד 3 מאל אזוי פיל ווי די 320 וואס זענען געשאסן געווארן פאר א יאר אין די 2 מאנאטן.

די צאל מארדן אין די 2 מאנאטן איז געשטיגן 52 פראצענט פון 70 צו 107 היי יאר.

אין דעם אויגוסט באריכט איז אלע צאל פארברעכענס געשטיגן ווינציגער פון 1 פראצענט, אבער מ'האט געזען פארגרע־סערונגען אין רוב קאטעגאריעס פון ערנסטע פארברעכענס און דאס ערגסטע איז געווען ביי קאר גניבות וואס איז געשטיגן 60 פראצענט אין די שטאט. פאר א יאר אין אויגוסט האט די פאליציי באקומען באריכטן אויף 644 קאר גניבות, היי יאר איז די צאל געווען 1,083.

פאליציי קאמישאנער דערמאט שעי האט פרובירט צו בארואיגן די געמיטער אז די פאליסלייט טוען אלעס וואס נאר מעגליך אונטערצודריקן געוואלדטאטן, אבער דאס איז א קנאפע טרייסט אין ליכט פון די שוידערליכע סטאטיסטיקס. אין פריערדיגע אינטערוויוס האט שעי אנגעלייגט די שולד אויף פארשידענע זאכן, אריינגערעכנט די פאליציי בודזשעט רעדוקציעס, די צרות פון דעם פאנדעמיק, די פארלאנגזאמע געריכט פראצעדורן ווען די געריכטן זענען געווען געשלאסן און אויך איצט ארבעט אלעס מער לאנגזאם ווי אמאל, אויך האט שעי שוין אפילו קריטיקירט די נייע ליבעראלע סטעיט בעיל געזעצן. אין זיין איצטיגע סטעיטמענט האט דער קאמישאנער ארויסגעברענגט אז טראץ אלע אנגייענדיגע פראבלעמען, לאזן נישט נאך אונזערע פאליסלייט, זיי ארבייטן דאס בעסטע פון די פאליציי פראפעסיע, און עס זעצט פאר ווען מ'קערט זיך אלץ מער אן מיט אונזערע קאמיוניטי שיצן צו באשיצן לעבענס, פארמיידן פארברעכענס און אויפבויען מער פארזיכערטע געגנטער. מיט דעם האט שעי אדרעסירט די נייע פאליציי סטראטעגיע פון די דיבלאזיא אדמיניסטראציע, אז די פאליסלייט זאלן האבן מער שייכות מיט די קאמיוניטיס וואו זיי פאטראלירן, וועלן זיי באקומען מער קאאפעראציע אין דעם קאמף קעגן פארברעכן.

מ'האט איצט נישט איבערגעפרעגט שעי, אזוי ווי ביי פריערדיגע געלעגנהייטן, צי עס איז שוין פיליכט געקומען די צייט צוריק אויפצולעבן די "אנטי-קריים" איינהייט וואס איז אפגעשאפן געווארן עטליכע מאנאטן צוריק, וואס יענע שטרענגע פאליסלייט אין ציווילע קליידונג האבן זיך אויסגעצייכנט אינעם קאמף קעגן גאנס אויף די גאסן, און דער בלויזער פאקט אז מ'האט אויפגעלעזט די איינהייט, גוט מער ערמוטיגונג פאר גאן פארברעכער, אז זיי דארפן נישט אזוי שטארק מורא האבן אז מ'וועט זיי כאפן, ווי מ'זעט דאס פון די חוצפה'דיגע שיסערייען וואס ווערן דורכגעפירט ווען די שיסער ווערן פאטאגראפירט דורך קאמעראס און ווידיעאס, און דאס האלט זיי נישט צוריק פון זייערע מערדערישע פארברעכענס.

אין דעם פרעסע באריכט פון די פרישע זומער סטאטיסטיקס, איז אנגעגעבן געווארן געוויסע ביישפילן פון שיסערייען וואס האט גאר שטארק אויפגעברויזט די שטאט. איין ביישפיל איז געווען א בעיבי פון איין יאר וואס איז געשאסן געווארן אין סטראלער, ווען 2 מענטשן זענען ארויסגעשפרונגען פון אן "עס. יו. ווי." און האבן אנגעהויבן צו שיסן אויף פארזאמלטע ביי א בארביקיו אין א פלעיגראונד אין ברוקלין. די קוילן זענען געפלויגן, און די בעיבי איז געווארן דער יונגסטער קרבן פון א שיסעריי דעם זומער.

א צווייטער אויפטרייסלענדער עפיזאד איז פארגעקומען אויך אין ברוקלין, אין א פארק אין קראון הייטס, אויגוסט 9, ווען א 53 יעריגער מאן וועלכער איז רעספעקטירט געווען אין די געגנט, ווייל ער פלעגט אפט פארגלעטן קריגערייען אין דעם פארק און האט געהאלפן די קינדער פארזיכערט, איז געשאסן געווארן צום טויט ווען ער האט געשפילט באל, פון א קויל וואס איז גאר געצילט געווען פאר עמיצן אנדערש.

די צאל געשאסענע אין ניו יארק ביז ענדע אויגוסט האלט שוין ביי 1,237, וואס איז 96 פראצענט מער פון די 631 פאר א יאר אין די צייט. די 290 מארדן פון די שיסערייען אין די צייט איז 33 פראצענט מער פון די 217, פאר א יאר.

* * *

## עמעזאן עפענט סופערמאר־קעט וואו מ'קען בלויז איינקויפן "אנליין"

עטליכע יאר צוריק האט עמעזאן אפגעקויפט די האולפודס סופערמארקעט. פאריגן דינסטאג האט עמעזאן געעפענט א האולפוד סופערמארקעט אין אינדוסטרי סיטי, אין די סאנסעט געגנט פון ברוקלין, אבער דאס וועט זיין אויסשליסליך פאר באשטעלונגען וואס וועלן אריינקומען דורכ'ן אינטערנעט. עמעזאן וועט נוצן דעם סופערמארקעט צו ליפערן די באשטעלונגען וואס וועלן קומען צו עמעזאן "אנליין", וואס וועט ערמעגליכן פאר דעם סופערמארקעט צו דינען נאכמער קונדן, און נאכקומען דעם וואקסענדן פארלאנג פאר גראסערי ליפערונגען.

מ'ארבעט שוין איבער א יאר אויף פלענער ווי אזוי דאס איינצופעדעמען, און דער פארקויף ביי גראסעריס אנליין איז מורא'דיג געשטיגן ביי דעם פאנדעמיק קריזיס, ווען מענטשן האבן נישט געקענט ארויסגיין איינקויפן. אנליין פארקויף ביי האלפוד איז געשטיגן 3'פאכיג אין צווייטן קווארטאל פון '20 אין פארגלייך צו '19.

עמעזאן האט אויפגענומען הונדערטער נייע ארבייטער ביי דעם נייעם סופערמארקעט, כאטש טייל פון זיי האבן שוין פריער געארבעט ביי האולפוד. אין צוגאב, האט האולפוד 3 "געווענליכע" סופערמארקעטס אין ברוקלין, אין וויליאמסבורג, פט. גרין און גאוואנוס.

* * *

Regional BIKUR CHOLIM
Mental Health Awareness Campaign 5779
עמאציאנאלע שוועריקייטן פון יארן לאנג איז נישט עפעס וואס ווערט אויסגעהיילט איבערנאכט, ס'מעג געדויערן צייט זיך צוריק אויפצובויען.
MENTAL HEALTH AWARENESS

## קאנטראלער סטרינגער לויפט פאר מעיאר

די שטאטישע קאנטראלער סקאט סטרינגער האט דינסטאג געמאלדן אז ער לויפט פאר מעיאר אין די פריימעריס איבער א יאר.

סטרינגער איז שוין קאנטראלער זינט די וואלן פון '13, וואס מיינט אז ער קען שוין נישט לויפן איבער א יאר פאר א דריטן טערמין. פאר דעם איז ער געווען בארא פרעזידענט פון מאנהעטן אכט יאר, און פאר דעם איז ער געווען 13 יאר אן אסעמבלימאן וואס האט פארטרעטן די וועסט סייד געגנט פון מאנהעטן.

ביים מעלדן זיין קאנדידאטור, איז ער געווען באגלייט פון א צאל פאליטישאנס וואס האבן אויסגעדריקט זייער שטיצע פאר אים. צווישן זיי די סטעיט סענאטארן ברייען קעווענאו, וועמענ'ס דיסטריקט דערגרייכט אויך אריבער פון מאנהעטן קיין ברוקלין, אריינעמענדיג די חרדי'שע וויליאמסבורג געגנט, און די ליבעראלע סטעיט סענאטאר אלעפאנדרא ביאדזשי.

סטרינגער וועט זיך אדרעסירן צו פלענער ווי אזוי צו שליכטן דעם האוזינג קריזיס אין ניו יארק און אלס קאנטראלער, איז ער שטארק באהאוונט מיט'ן פינאנציעלן מצב פון די שטאט, פארשטייט ער די וויכטיגקייט פון אויפסניי אויפבויען די שטאט נאכדעם חורבן וואס מען האט געליטן היי יאר צוליב די קאוויד אפשליסונג.

מען ערווארט אז אויך אנדערע פאליטישאנס זאלן שוין מעלדן אז זיי לויפן פאר מעיאר, ווייל יעדער וויל דאך באקומען די שטיצע פון ווי מער אנדערע פאליטישאנס און אויך, אויב מען איז שוין אן אפיציעלער קאנדידאט, קען מען לייכטער ארויסגיין זאמלען די נויטיגע קאמפיין געלטער. די איצטיגע סאניטעישאן קאמישאנער קעטרין גארסיא האט רעזיגנירט, ווייל אויך זי וויל לויפן פאר מעיאר, וואס זי קוקט ארויס צו שלעפן שטימען פון די שפאנישע וויילער.

סיטי קאונסיל ספיקער קארי דזשאנסאן האט שוין לאנג נישט געמאכט קיין סוד פון

זיינע חלומות צו לויפן פאר מעיאר, וואס דאס איז עפעס אויף וואס עס שטרעבן די פאליטישאנס וועלכע ארבעטן זיך ארויף צו די מאכטפולע פאזיציע פון סיטי קאונסיל ספיקער, אבער ביז דערווייל האט מען נישט געזען אז זיי זאלן העכער אנקומען.

ברוקלין בארא פרעזידענט עריק עדעמס חלומ'ט אויך צו ווערן מעיאר, און זייענדיג א שווארצער, וועט ער האפן אויף די שווארצע שטימען.

די ליסטע וועט נאך גאנץ זיכער היבש גרעסער ווערן אין די קומענדיגע וואכן, איבערהויפט ווען מען וועט פארטיג ווערן מיט די פרעזידענט וואלן, וואס דאן וועט מען שוין האבן מער צייט זיך אפצוגעבן מיט'ן קומענדיגן קאמפיין פון איבער א יאר ווען מען וועט לויפן פאר די שטאטישע אמטן, און מען וועט אויך האבן העפטיגע קאמפיינס פאר די אמטן וואס וועלן אפען ווערן, אזוי ווי שטאטישע קאנטראלער אויף סטרינגער'ס ארט און די בארא פרעזידענטן וועלכע וועלן פארטיגן זייער צווייטן טערמין און קענען נישט לויפן אויף נאך פיר יאר.

* * *

## אויפפאסן צו באנייען די קאר רעגיסטראציעס

ווען די פאנדעמיק האט זיך אנגעהויבן, האט גאווערנאר קאומא געמאלדן פארשידענע עקזעקטיווע פאראררדענונגען, וואס איינע פון זיי איז געווען צו פארלענגערן די אלע שריפטן וואס עס לויפן אפ, ווייל מען קען דאך נישט גיין באנייען שריפטן אין אן אפיס וואס איז געשלאסן. דאס מיינט אז אויב עמיצער האט א דרייווערס לייסענס וואס איז אפגעלאפן אין די פאר מאנאטן, וועט ער נישט כאפן קיין טיקעט ווי לאנג די סוספענדירונג איז אין קראפט. די זעלבע איז געווען מיט א קאר רעגיסטראציע אדער אינספעקשאן. ביי די רעגיסטראציעס איז אבער די פארלענגערונג געקומען נישט אויף דרייסיג טעג אזוי ווי געווענליך נאר בלויז ביז סעפטעמבער 11, ענדע די וואך, דעריבער אויב עמיצער האט א קאר רעגיסטראציע וואס האט געדארפט באנייט ווערן, זאל מען דאס נאך די וואך ערלעדיגן, וואס רוב זאכן קען מען ערלעדיגן דורכ'ן אינטערנעט, אדער מען זאל אנפרעגן צי מען זאל נאכקוקן צי עס איז געקומען נאך א פארלענגערונג.

נאך א זאך וואס זעט אויס אז עס וועט אפלויפן קומענדיגע וואך ענדע וואך, סעפטעמבער 19, איז די פארלייכטערונג ביי אלטערנעיט סייד פארקינג, אז אויף די גאסן וואו עס איז פארבאטן צו פארקן מער ווי איין טאג אין די וואך אויף די עטליכע שעה ווען מען גיט צייט צו רייניגן די גאס, איז דאס געווען אין קראפט בלויז אויפ'ן לעצטן טאג וואס שטייט אויף דעם טאוועל. ד.מ., אויב מען טאר נישט פארקן מאנטאג און דאנערשטאג, איז דאס געווען אין קראפט בלויז אויף דאנערשטאג. אויב דאס וועט נישט נאכאמאל פארלענגערט ווערן, מיינט אז צום קומענדיגן יאר, נאך ראש השנה, וועט מען שוין ווייטער דארפן אויספאלגן די אלטערנעיט סייד פארקינג רעגולאציעס יעדן טאג וואס עס שטייט אויף דעם טראפיק טאוועל.

בלויז א דערמאנונג, אז אויף די גאסן וואו עס איז דא פארקינג מיטערס איז יא אין קראפט די אלטערנייט סייד צוימונגען יעדן טאג וואס עס שטייט אויף דעם פארקינג טאוועל.

* * *

## עמוירדזשענסי ארבעט ביי די "די" סאבוועי שינעס

די וואך מיטוואך וועט מען מוזן דורכפירן עמוירדזשענסי ארבעט ביי די שינעס פון די די סאבוועי, וואס צוליב דעם וועט די די סאבוועי נישט פארן ווייטער ווי בעי פארקוועי אין ברוקלין פון 9:45 צופרי ביז 3:00 נאכמיטאג. אויב עמיצער דארף פארן ווייטער אין די ריכטונג פון קאני איילאנד, ביז סטילוועל עוועניו, וועט די טראנזיט אויטאריטי צושטעלן פרייע שאטעל באסעס פון בעי פארקוועי ביז סטילוועל עוועניו.

מען קען אויך נעמען די ען סאבוועי ביי ניו יוטריק און 62, אויב מען וויל פארן דירעקט צו סטילוועל עוועניו.

* * *

## דזשאבס געפאלן אין ניו יארקער געגנט 13.6 פראצענט פון פאר א יאר

די פעדעראלע לעיבאר דעפארטמענט האט פאריגן מיטוואך באריכטעט אז די צאל דזשאבס אין די ניו יארקער געגנט, וואס נעמט אריין די שטאט ניו יארק און אויך די שכנות'דיגע געגנטער פון ניו דזשוירזי און פענסילווייניע, האט פארלוירן 1.3 מיליאן דזשאבס פון יולי '19 ביז יולי '20, וואס איז א 13.6 פראצענט רעדוקציע, פיל גרעסער ווי די 7.7 פראצענט נאציאנאלע ראטע אין דעם זעלבן יאר. דאס איז אבער פארשטענדליך, ווייל ניו יארק איז דאך געווען דער צענטער פון דעם פאנדעמיק, האט מען דא דאס מערסטע געליטן פון די עקאנאמישע אפשליסונג.

אלס א ביישפיל, האט מען אין דעם יאר פארלוירן 439,800 דזשאבס אין פארוויי־לונג און אין די האטעלן אינדוסטריעס, וואס דאס איז געווען די גרעסטע צאל דזשאבס פארלוסטן פון אלע אינדוסטריעס. פראצענטואל, האט מען פארלוירן 43.9 פראצענט דזשאבס אין די קאטעגאריע אין ניו יארקער ראיאן, אין פארגלייך צו 24.2 פראצענט איבער'ן גאנצן לאנד.



# קאמפיין נייעס:

## קאמפיין ווערט ערנסטער אין די סווינג סטעיטס

יעדער האט ערווארט אז די אנקעטעס וועלן ווערן אביסל נאענטער צווישן פרעזידענט טראמפ און דזשאו ביידען, און מ'זעט עס טאקע אין די פרישע אנקעטע, אז כאטש ביידען שטייט נאך אלץ היבש שטארקער פון טראמפ אין די נאציאנאלע אנקעטע, זעט מען אביסל אן אנדער בילד אין די וויכטיגע סווינג סטעיטס, וואס דארט האט טראמפ אריינגעברענגט אביסל מער ענטוזיאזם ביי די ווילער ווי ביידען, און ביידען שטייט שוין נישט מיט אזוי פיל שטארקער פון טראמפ אין עטליכע פון די סטעיטס.

דאס איז א סיגנאל אז ביידען מוז זיך פלייסיגער נעמען צו די ארבעט, "אויסטאן די הענטשעך", און זיך פירן אביסל מער אזוי ווי טראמפ, וואס אויב ביידען וועט קענען באווייזן די קונץ, פארבלייבן א "דזשענטעלמאן" פון איין זייט, ווייל דאס איז דאך "זיין באזע", מענטשן וואס ווילן האבן א פרעזידענט וואס באנעמט זיך ארענטליך, נישט ווילד, אבער אין די זעלבע צייט דארף ביידען ווייזן אז ער קען אויך זיין שארף קעגן טראמפ, ווען דאס איז נויטיג, אויב ביידען וועט דאס באווייזן און אנהאלטן ביז צו די וואלן, וועט כמעט אוממעגליך זיין פאר טראמפ איבערצואיאגן און באזיגן ביידען, ווייל איין הויפט קאמפיין וואפן וואס טראמפ און די רעפובליקאנער נוצן קעגן ביידען איז, אז ער איז שוין צו אלט, ער איז שוין אויסגעוועפט, א.ד.ג., ממילא יעדעס מאל ווען ביידען ווייזט אז עס איז נישט אזוי, ער רעדט צו דער זאך און לעבט אויף זיינע שטיצער, גראבט עס אונטער די הויפט סטראטעגיע פון די רעפובליקאנער וואס זיי נוצן קעגן אים.

נארט קאראליינא איז איינע פון די רעפובליקאנער סטעיטס וואס די דעמאקראטן באטראכטן ווי א סווינג סטעיט, ווייל אבאמא האט דארט געווינען אין '08, אבער דאס איז געווען דאס איינציגע מאל וואס א דעמאקראטישער פרעזידענט קאנדידאט האט געווינען די סטעיט אין די פארגאנגענע 44 יאר, גייענדיג צוריק ביז דזשימי קארטער, וועלכער האט געווינען די סטעיט אין '76, אבער קארטער איז דאך געווען א גאווערנאר פון אן אנדערע דרום סטעיט, דזשארדזשיע, איז נישט געווען קיין וואונדער אז ער איז שטארק געלאפן אין די דרום סטעיטס.

די סטעיט האט 15 עלעקטאראל שטימען, וואס אויב עס קען געלונגען פאר ביידען "צוצונעמען" די סטעיט פון טראמפ, מאכט עס שווערער דעם חשבון ווי אזוי טראמפ קען געווינען די נויטיגע 270 עלעקטאראל שטימען.

עס זענען פאראן א סאך שווארצע ווילער אין נארט קאראליינא, און זיי וועלן כמעט איינשטימיג שטימען פאר ביידען, אבער דאס איז נישט גענוג. ביידען מוז ארויסברענגען אן ענטוזיאזם ביי די שווארצע ווילער אויף א שטייגער ווי אבאמא האט באוויזן אין '08.

מיר האבן געזען ווי אזוי ביידען האט פאקטיש געווינען די דעמאקראטישע פרעזידענט נאמינאציע אין די שכנות'דיגע סטעיט סאוט קאראליינא, ווען דער דארטיגער מאכטפולער שווארצער קאנגרעסמאן דזשים קליייבורן האטווארעם אינדארסירט און קאמפיינט פאר ביידען ממש פאר די פריימערי, אזוי האט ביידען שטארק געזיגט אין די סטעיט נאכדעם ווי ער האט מיאוס פארלוירן אין די ערשטע פאר פארמעסטן אין אייאווא און אין ניו העמשיר, און א סאך פראפעסיאנאלע פאליטישאנס האבן שוין אויפגעגעבן אויף ביידען, זיי האבן נישט געגלויבט אז ער קען נאך האבן אויסזיכטן ערגעץ צו געווינען, שוין אפגערעדט פון געווינען די נאמינאציע אין די ענדע.

נאך זיין שטארקע זיג אין סאוט קאראליינא, האט זיך אלעס געטוישט, ביידען האט אפגעהאלטן איין זיג נאכ'ן צווייטן, און די אנדערע דעמאקראטישע קאנדידאטן האבן זיך שנעל צוריקגעצויגן און אינדארסירט ביידען, ווועלענדיג פארמיידן שווערקייטן פאר ביידען, וואס וואלט געקומען אויב זיי וואלטן ווייטער קאמפיינט קעגן אים. זיי האבן איינגעזען אז ביידען שטייט פאראויס, און אלע האבן זיך שנעל פאראייניגט צו שטיצן זיין קאנדידאטור.

אין נארט קאראליינא איז טאקע ביידען שטארק פאפולער ביי די דארטיגע שווארצע ווילער, און אויך ביי פרויען ווילער, מענטשן וואס בויען אין די סאבורבס, איבערהויפט פרויען וואס וואוינען אין די סאבורבס, וועלכע זענען דערווייל נישט נתפעל געווארן פון דעם שרעק-קאמפיין וואס פרעזידענט טראמפ צילט אויף די איינוואוינער פון די סאבורבס, אז אויב ביידען ווערט פרעזידענט וועלן מחנות פון פארברעכער זיך אויסשפרייטן צו די שטעט אויך אין די סאבורבס און חרוב מאכן אלעס.

ביז דערווייל ווייזן די אנקעטעס אז עס האט נישט געהאלפן פאר טראמפ אונטערצוגראבן ביידענ'ס שטיצע אין די סאבורבס, וואס צוליב דעם האט טראמפ נאך שארפער געמאכט זיין קאמפיין, ער קאנצענטרירט זיך מער אויף מענטשן וואס וואוינען אין די קלענערע שטעט און דערפער, כמעט אויפגעבענדיג אויף די ווילער פון די סאבורבס.

אין נארט קאראליינא האט מען פרייטאג אנגעהויבן ארויסשיקן עבסענטי בעלאטס פאר ווילער וואס האבן דאס פארלאנגט, און דער צאל פארלאנגען וואס זענען געקומען פון רעגיסטרירטע דעמאקראטישע ווילער איז זייער שטארק געשטיגן אין פארגלייך צו פריער. דאס ווערט באטראכט ווי א גוטער צייכן פאר ביידען, איבערהויפט אויב די דעמאקראטישע ווילער וועלן ווי אמשנעלסטן אריינשיקן זייערע שטימען, וועט מען נישט דארפן זיין באזארגט אז די שטימען זאלן פארלוירן ווערן אין די פאסט אדער אז די ווילער זאלן טוישן זייער מיינונג שפעטער צו שטימען קעגן ביידען.

די אנקעטעס ווייזן סיי אין נארט קאראליינא ווי אויך אין גאנצן לאנד, אז די ווילער זענען איבערצייגט אז ביידען וואלט בעסער באהאנדלט דעם פאנדעמיק ווי טראמפ, ממילא האפן א סאך דעמאקראטן אז דאס זאל קענען בייהילפיג זיין פאר ביידען צו געווינען נארט קאראליינא.

אין די חדשים ביז צו די קאנווענשאן, איז ביידען כמעט נישט ארויס פון זיין היים אין ווילמינגטאן, דעלעווער. ער האט זיך באטייליגט אין "ראליס" דורכ'ן אינטערנעט, און איז געגאנגען צו "לעבעדיגע" צוזאמקונפטן נאר בלויז וואס איז פארגעקומען נישט ווייט פון זיין היים. ער האט אבער פארשטאנען אז דאס מוז קומען צו אן ענדע, ער מוז זיך נעמען פלייסיג צו די ארבעט, סיי ווייל ער האלט דאך אז ער האט אויסגעצייכנטע פעאיגקייטן אלס א פאליטישאן און וועט גוט אויסנעמען מיט זיינע אויפטריטן, און אויך ווייל דאס איז דער בעסטער מיטל צו ווייזן אז עס איז א פאלשער בלבול ווען מ'וויל איינרעדן פאר מענטשן אז ביידענ'ס מוח איז שוין נישט מיט אלעמען...

ביידען האט געהאלטן א קנאקעדיגע רעדע אין פיטסבורג, פענסילוועניע, וואס אויך פענסילוועניע איז פון די וויכטיגסטע סטעיטס פאר ביידען, ער "מוז" צוריקנעמען די סטעיט צו די דעמאקראטן ווען טראמפ האט אומגעראכטן געווינען די סטעיט אין '16.

ביידען איז אויך געפארן קיין קענאושא, וויסקאנסין, וואס אויך וויסקאנסין איז פון די קריטישע סטעיטס, איינע פון די 3 דעמאקראטישע סטעיטס (די דריטע איז מישיגען) וואס איז אומגעראכטן געגאנגען צו טראמפ, אין '16, האט ביידען באזוכט אין קענאושא נאכדעם ווי פרעזידענט טראמפ איז דארט געווען, און עס איז געווען א מורא'דיגער קאנטראסט צווישן די 2 באזוכן, וואס טראמפ האט אפילו קיין איינמאל נישט דערמאנט דעם נאמען פון דזשעיקאב בלעיק, דער שווארצער מאן וועלכער איז 7 מאל געשאסן געווארן אין רוקן דורך א ווייסן פאליסמאן וועלכער האט אפילו אנגעכאפט בלעיק'ס העמדל ווען ער האט אים געשאסן, און ביידען האט זיך געטראפן מיט די בלעיק פאמיליע, אבער אין די זעלבע צייט האט ביידען אויך פארדאמט געוואלדטאטן און ראיאטן, אן קיין וואקלעניש.

מיט דעם אלעם איז טראמפ דער פרעזידענט, ער קען פליען מיט "עיר פארס 1" ווען די גיסטע כאפט אים, און ער האלט אין איין ארומפארן צו די סווינג סטעיטס. ער האט שוין מערערע מאל באזוכט אין נארט קאראליינא די לעצטע פאר מאנאטן, ווייל ער פארשטייט אז ער קען זיך נישט ערלויבן צו פארלירן די 15 עלעקטאראל שטימען פון די סטעיט, און יגעתי ומצאתי תאמין, אז מ'פלאגט זיך, טרעפט מען. די פרישע אנקעטעס ווייזן אז ער האט טאקע אנגעיאגט ביידען.

א פרישער דורכשניט פון די אנקעטעס ווייזט אז ביידען האט 48.6 פראצענט אין נארט קאראליינא צו 46.8 פראצענט פאר טראמפ, וואס דאס ווערט באטראכט ווי כמעט גלייך צוליב די טעות מעגליכקייטן. אין לויף פונעם זומער איז ביידען געווען מער פאראויס פון טראמפ אין די סטעיט.

איין זאך וואס העלפט פאר טראמפ אין נארט קאראליינא איז, אז די דארטיגע ווילער זענען נישט אזוי אומצופרידן מיט זיין קאוויד ווירטשאפט ווי די ווילער אין אנדערע סווינג סטעיטס.

א פאקס נייעס אנקעטע פון פאריגן מיטוואך ווייזט אז העלפט פון די ווארשיינליכע ווילער אין נארט קאראליינא האבן געזאגט אז ביידען וואלט בעסער באהאנדלט קאוויד, אבער 41 פראצענט האלטן אזוי איבער טראמפ. עס איז טאקע א גרויסער אונטערשיד פון 9 פראצענט פונקטן, אבער אין אנדערע סווינג סטעיטס איז דער מצב פיל ערגער פאר טראמפ. צ.ב.ש., אן אנקעטע פון זעלבן טאג אין וויסקאנסין ווייזט אז 52 פראצענט האבן אויסגעדריקט מער צוטרוי אין ביידענ'ס באהאנדלען קאוויד קעגן בלויז 35 פראצענט וואס האלטן אזוי איבער טראמפ, און אין אריזאנא האט א פאקס אנקעטע פון ווארשיינליכע ווילער געוויזן אז 53 פראצענט האלטן מער פון ביידען אין באצוג צו קאוויד, ווען 36 פראצענט האלטן ענדערש אז טראמפ האט געהאט דעם בעסטן צוגאנג.

(בלויז א באמערקונג: די טראמפ באזע ווערט אלץ געשאצט אויף 30 ביז 35 פראצענט, און דאס זעט זיך אן ביי אלע אנקעטעס.)

איין פראפעסאר פון פאליטיק אין נארט קאראליינא האט געזאגט אז קאוויד האט געשאדט פאר טראמפ אין די סטעיט אבער נישט אזוי פיל ווי אין די אנדערע סטעיטס, צוליב דעם איז ער נישט זיכער אז דאס אליין וועט זיין גענוג צו געבן די סטעיט פאר ביידען.

מ'קען אבער נישט מאכן קיין שום חשבונות מיט קאוויד, ווי דער רבוש"ע האלט אונז אין איין ווייזן שוין א האלב יאר. זינט די אנקעטע, איז געשטיגן דער צאל קאוויד פאלן אין נארט קאראליינא. אין די פארגאנגענע 7 טעג (ביז דעם מאנטאג) האט נארט קאראליינא געהאט דעם 6'טן גרעסטן צאל באשטעטיגטע פרישע קאוויד פאלן אין אמעריקע, און דעם 5'טן גרעסטן צאל

באשטעטיגטע פאטאליטעטן פון קאוויד.

טראץ דעם אלעם זענען רעפובליקאנער פאליטישאנס אין די סטעיט ווייט פון מיואש, און אפילו אפטימיסטיש. איינער האט אנגעוויזן אז ענדליך האטביידען אנגעהויבן ארומפארן קאמפיינען, ענדליך וועט דער פרעזידענט האבן א קעגנער וואס איז נישט דער קאוויד ווייררוס. ביז לעצטענס האט אויסגעזען אז דער ווייררוס איז זיין קעגנער און דאס האט געשאפן זייער א סאך שוועריקייטן פאר אים, אויב עס איז שוין דא א קאנדידאט וואס פארט ארום קאמפיינען קעגן אים, נישט קיין חילוק ווער דאס איז אדער ווי שטארק יענער איז, איז ער א לייכטערער קעגנער ווי א מערדערישער ווייררוס.

זינט יולי 27 האבן טראמפ אדער וויצע פרעזידענט פענס באזוכט אין די סטעיט 5 מאל, אריינגערעכנט אן איבערראשענדן באזוך דורך ביידע, פאר די פארקלענערטע נאציאנאלע קאנווענשאן וואס איז דארט אפגעהאלטן געווארן עטליכע וואכן צוריק. טראמפ האט שוין געמאלדן נאך א קאמפיין רייזע אויף דעם דינסטאג, און דעם פרעזידענט'ס זון דאנאלד דזשוניאר וועט אנפירן א ראלי אין אן אנדערע שטאט, דאנערשטאג.

דער טראמפ קאמפיין האט 120 באצאלטע קאמפיין ארבייטער אין די סטעיט, וואס זיי בארימען זיך אז זיי האבן שוין געמאכט 6 מיליאן פערזענליכע אדער "ווירטשועל" קאנטאקטן מיט ווילער. דער קאמפיין האט אויך פארשווענדט מיליאנען דאלארן אויף רעקלאמעס אראפצורייסן ביידען, אפילו אין געוויסע פאלן פארפירערישע אדער אומפונקטליכע רעקלאמעס. (אן "אפיציעלע" קאמפיין רעקלאמע דארף פארזיכטיג אויפפאסן נישט צו פובליצירן א "גראבן ליגענט".)

דער ביידען קאמפיין פאררופט זיך אויפ'ן פאנדעמיק, וואס צוליב דעם שיקט מען נישט ארויס קיין וואלונטירן אדער באצאלטע קאמפיין ארבייטער צו קלאפן אויף די טירן אין קיין שום סטעיט פון אמעריקע. אנשטאט לאזן איבער די וואלונטירן קאמפיין ליטעראטור ביי די טירן. דער ביידען קאמפיין האט שוין יא אנגאזשירט איבער 3,000 וואלונטירן אין די סטעיט, און זיי האבן שוין געמאכט איבער 3.5 מיליאן טעלעפאן קאלס מיט ווילער און ארבעטן מיט הונדערטער ארגאניזירער אויפצוארבעטן דעם קאמפיין. אויסערדעם האט שוין ביידען געגעבן מערערע אינטערוויוס פאר די לאקאלע מידיא, און דאס זעלבע קומט אויך פון די הויפט קאמפיין פירער.

מיט רעקלאמעס, איז דער ביידען קאמפיין אויך נישט צופיל אונטערשטעליג. דער קאמפיין האט שוין געקויפט 45 מיליאן דאלאר רעקלאמעס אין די סווינג סטעיטס, סיי אין די ענגלישע און אויך אין די שפאנישע שפראך. טייל פון די רעקלאמעס אטאקירן טראמפ פאר אנזייען צעטיילונג אין לאנד און ברענגען ארויס זיינע דורכפאלן מיט די שווארצע ווילער, טייל רעקלאמעס שטעלן פאר פאזיטיוו ביידען מיט זיין וויצע פרעזידענט קאנדידאט סענאטאר העריס אז זיי זענען "פארפליכטעט" אויסצוהערן די שווארצע, און זיי קעמפן פאר ראסע און יוסטיץ. אויך איז דא רעקלאמעס וואס פובליצירן ביידען'ס פלענער צו באקעמפן קאוויד, אנדערע רעקלאמעס אטאקירן טראמפ'ס פריערדיגע דראאונגען צו שניידן דעם סאשעל סעקיוריטי בודזשעט.

מ'הערט אבער פון געוויסע עקספערטן אז דער אונטערשיד פון דעם טראמפ און ביידען קאמפיין אין די סטעיט דערמאנט פון די טעותים וואס דער קלינטאן קאמפיין איז באגאנגען סיי אין די סטעיט און אויך אין אנדערע פלעצער. עס האט נישט אויסגעזען ווי דער קלינטאן קאמפיין נעמט גענוג ערנסט נארט קאראליינא, וואס אויב זיי וואלטן באמת אריינגעלייגט דארט מער כוחות, וואלט עס געברענגט א נאענטן אויסגאנג. ביידען איז יא ערנסט, אבער עס זעט זיך נאכנישט אן אז זיין קאמפיין זאל האבן א שטארקע ארגאניזאציע אין די סטעיט. אלס נאך א באווייז פון דעם קלינטאן סטראטעגיע דורכפאל האט דער אנאליסט אנגעוויזן אז די שווארצע ווילער באטייליגונג איז שטארק געפאלן אין '16, אבער ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט, האט נאך ביידען אין א גרויסע מאס צו פארדאנקען זיין נאמינאציע זיג פאר די שווארצע ווילער, וואו ער געניסט פון אן אויסטערלישע שטארקע שטיצע ביז'ן היינטיגן טאג.

ביידען אליין האט פאריגן דינסטאג פארשפראכן אויף אן אינטערוויו מיט א סטאנציע אין די שטאט ראלי, נארט קאראליינא, אז ער זאגט צו אז ער וועט קומען פערזענליך קאמפיינען אין די סטעיט.

מיר האבן פריער דערמאנט דעם גרעסערן פארלאנג פאר עבסענטי בעלאטס. היי יאר איז געקומען 18 מאל מער אזוי פיל פארלאנגען פון דעמאקראטן ווי אין די זעלבע צייט 4 יאר צוריק. ביי רעגיסטרירטע רעפובליקאנער, איז געקומען 5 מאל אזוי פיל פארלאנגען ווי אין '16, און ביי רעגיסטרירטע ווילער וואס האבן נישט אנגעגעבן קיין פארטיי, איז עס געווען 14 מאל אזוי פיל. אויך דא זעט מען אז מ'קען אויסטייטשן א שטארקע אינטערעסע פון די שווארצע ווילער פאר ביידען, ווען דער צאל שווארצע ווילער וואס האבן שוין געבעטן עבסענטי בעלאטס איז כמעט 30 מאל מער ווי אין די זעלבע צייט אין '16.

אן אנקעטע פון דאנערשטאג האט געוויזן אז 85 פראצענט פון די רעגיסטרירטע שווארצע ווילער שטיצן ביידען, 10 פראצענט שטיצן טראמפ.

ווען פרעזידענט טראמפ האט אויפגעטרעטן אין נארט קאראליינא פאריגע וואך האט ער געראטן די מענטשן אז זיי זאלן 2 מאל שטימען אין די וואלן, איינמאל דורך די פאסט און נאך איינמאל פערזענליך, זאגענדיג אז אזוי וועלן זיי מאכן א פראבע אויפ'ן סיסטעם, אויפווייזן אז די פאסט שטימען זענען נישט אין ארדענונג. ווי פארשטענדליך איז טראמפ שארף קריטיקירט געווארן אז ער הייסט מענטשן אומלעגאל 2 מאל שטימען, אז ער שעמט זיך נישט צו פרובירן צו שאפן א צעמישעניש, אונטערגראבן די באגלויבטקייט פון די וואל רעזולטאטן, וואס קען זיין א צייכן פון פארצווייפלונג אז ער ווייסט אז ער קען נישט געווינען די וואלן אויב עס גייט אויף א לעגיטימען וועג, ווייל ער מאכן אזעלכע שטיק, אבער שפעטער איז געקומען אן אויפקלערונג אז ער האט נישט באמת געמיינט דאס וואס ער האט געזאגט...

נאך א טרייסט פאר'ן ביידען קאמפיין איז, אז אפילו ווען די אנקעטעס זענען געווארן נאענט אין די סטעיט, האט נאך טראמפ קיינמאל נישט געהאלטן שטארקער פון ביידען אין קיין איינע פון די אנקעטעס אויף וואס מ'האלט חשבון, זינט ביידען איז ארויסגעקומען אין מערץ אלס דער ווארשיינליכער דעמאקראטישער פרעזידענט קאנדידאט.

אזוי ווי מ'האט שוין אנגעהויבן די עבסענטי שטימען, קענען די אנקעטעס האבן אן עכטע ווירקונג אויף די ענדגילטיגע רעזולטאטן פון 2 מאנאטן ארום, ווייל ווי געזאגט, אויב מ'האט שוין געשטימט דורך די פאסט, איז דאס שוין א פארזיכערטע אפגעגעבענע שטימע.

איין דעמאקראטישער סטראטעגיסט האט באטראכט ווי א גוטער צייכן אז טראמפ און פענס זענען פאר וויכטיג ביידע צו קאמפיינען אין די סטעיט, ווייל לויט ווי אלע סטראטעגיסטן און אנאליסטן האלטן, קען ביידען געווינען די וואלן אפילו אויב ער פארלירט נארט קאראליינא, אבער נישט טראמפ.

* * *

## אין פלארידא שטייען ביידע קאנדידאטן צוגלייך

פלארידא איז אויך איינע פון די קריטיש-וויכטיגע סווינג סטעיטס, איבער־הויפט אז מ'וועט שוין אין עטליכע וואכן אנהויבן ארויסשיקן עבסענטי בעלאטס צו די ווילער, לייגט מען איצט א גרעסערן געוויכט אויף די דארטיגע אנקעטעס ווי אין די פריערדיגע וואכן, ווייל איצט ווערט שוין דער מצב ערנסטער. מענטשן פאסן שוין באשלוסן וואס וועלן אויספירן הלכה למעשה, זיי וועלן שטימען אזוי ווי זיי האלטן איצט, אזוי ווי זיי זאגן זייער מיינונג אויף די אנקעטעס.

א פרישע "ען. בי. סי.-מעריסט" אנקעטע ווייזט אז אויב די וואלן וואלטן איצט פארגעקומען, וואלטן ביידע, טראמפ און ביידען, באקומען די שטימען פון 48 פראצענט פון די ווארשיינליכע ווילער. דאס אליין איז אויך אינטערעסאנט אז גאנצע 4 פראצענט פון די ווילער זענען נאכנישט גרייט געווען אויסצודריקן א מיינונג, אזוי פעסט צעטיילט זענען די ווילער פון פלארידא, וואס אין א געוויסן זין שפיגעלט עס אפ די פעסטע צעטיילונג איבער גאנץ אמעריקע.

טראמפ שטייט שטארקער אין פלארידא ביי די שפאנישע ווילער, וואס דאס איז פארשטענדליך, ווייל אין דעם איז פאראן א באדייטענדער ישוב פון קובאנער פליטים, וואס די זענען געוועגליך מער קאנסערוואטיווע געשטימט ווי אלגעמיינע שפאנישע ווילער. ביידען שטייט בעסער ביי די עלטערע ווילער ווי קלינטאן איז געשטאנען ביי די ווילער 4 יאר צוריק.

ווען די אנקעטע האט אויסגעפרעגט אלע רעגיסטרירטע ווילער, שטייט טראמפ 1 פונקט שטארקער פון ביידען, 48 צו 47 פראצענט.

אזוי ווי אין אנדערע סטעיטס, שטייט אויך דא שטארקער אויף די פראגע ווער עס קען בעסער באהאנדלען די עקאנאמיע, און ביידען איז שטארקער אויף די פראגע פון באהאנדלען דעם פאנדעמיק און אויף ראסע באציאונגען.

דער אנפירער פון די מעריסט אנקעטע האט אויפגעקלערט אז דאס איז נישט אן אומגעווענליכע ערשיינונג אז פלארידא זאל שטיין אזוי נאענט צווישן די פרעזידענט קאנדידאטן. טראמפ האט געווינען פלארידא 4 יאר צוריק מיט עפעס מער פון 1 פראצענט, און דער אנקעטע דירעקטאר לי מירינגאף, וועלכער איז א רעספעקטירטער אנאליסט, האט אויפגעקלערט אז אויב טראמפ פארלירט פלארידא, איז דערנאך, איז די וואלן פאראיבער, ער קען נישט געווינען אן די 29 עלעקטאראל שטימען פון פלארידא. דאקעגן אויב טראמפ געווינט יא פלארידא, וועט נאך זיין א פראגע ווי אזוי די אנדערע 3 קריטישע סווינג סטעיטס וועלן גיין, רעדענדיג פון מישיגען, וויסקאנסין און פענסילוועניע.

די גרעסטע שטארקייט פאר ביידען אין פלארידא איז ביי די ווארשיינליכע שווארצע ווילער וואו ער שטייט פאראויס 83 צו 11 פראצענט, ביי פרויען שטייט ער פאראויס 57 צו 40 פראצענט, ביי זעלבסטשטענדיגע ווילער 51 צו 40 פראצענט. טראמפ שטייט שטארקער ביי מענער, 58 צו 38 פראצענט, ווייסע ווילער, 56 צו 41, און נאך שטארקער ביי אומגעבילדעטע ווייסע, די וואס האבן נישט קיין קאלעדזש דיפלאם 63 צו 35 פראצענט.

ווי מיר האבן פריער אויפגעקלערט, האט פלארידא א באדייטענדע קובאנער אפשטאמיגע באפעלקערונג וואס טראמפ שטייט היבש שטארקער ביי די ווילער,

(פארזעצונג אויף זייט 37)

# שטארקע אויפוואכונג נעמט ארום יהדות החרדית, קעגן באנוץ פון "שניעל" (chenille) קאפ-שלייער

## פאראייניגטע דעת תורה פון גדולי ישראל ומנהיגי קהילות קדושות אנטקעגן דעם באנוץ

**געלונגענע פראגראם "מה אני" אויף אלוועלטליכע טל של תחי' טעלעפאן ליניע שטארק אויפגעכאפט; הנהלות פון זומער-קעמפּס און גרעסערע קאנטריס פאדערן מ'זאל נישט ערשיינען דערמיט אין זייערע גרעניצן; פילצאליגע טויזענטער נשים זענען זיך מקבל צו גיין מיט ערליכע קאפּ-צודעק און טוען גענצליך באזייטיגן די פרעמדע קאפּ-צודעקן**

עס הערשט א שטארקער אויפוואכונג און התעוררות צווישן היימישע פרויען פון אלע חסידישע קרייזן און געגנטער, אינערהאלב דעם יהדות החרדית בכלל און אין גרעיטער ניו יארק בפרט, אז מ'זאל זיך נישט באנוצן מיטן "שניעל" קאפּ-צודעק, וועלכע איז גע'אסר'ט געווארן דורך די גדולי הרבנים ומנהיגי ישראל שליט"א.

ווי באקאנט איז שוין א היבש שטיק צייט וואס גדולי הרבנים והאדמו"רים שליט"א זענען ארויס געקומען מיט א שטארקע רוף און א קלארע "דעת תורה" קעגן די נייע פירצה "שניעל", וועלכע ניצט אלס אומבא'חנ'טע שלייער אויפן קאפּ, וואס טוט דינען דעם ציל פון זיך פארגלייכן צו די פרעמדע קרייזן און צו זייערע שוואכקייטן, און אזוי זיך מקיל זיין אין איסורים חמורים ה"י.

און באלד דערויף ווי עס איז ערשינען די קלארע קעגנערשאפט פון די גדולי הרבנים, האט זיך געשאפן א שטארקע התעוררות צווישן ערליכע אידן צו מבער זיין די דאזיגע פּירצה פון אונזערע שטובער.

זינט דאן האט דער פאקטישער באוויז פילפאכיג ארויסגעוויזן עד כמה גדולים דברי חכמים, נאכדעם וואס עס האלט זיך אין איין ארויסווייזן דער ווייטגרייכנדער גרייז, דאס אז געוויסע פאבריקאנטן פון די היימישע געגנטער האבן דאס אנגעהויבן אריינצוברענגען פארן היימישער עולם, ספּעציעל ביי די כלות וואס גרייטן זיך צו זייער חתונה און פאר די אינגע פארהייראטע פרויען, ווי כאילו דאס קען זיין עפּעס א תמימות'דיגע סחורה און א פשוטע פרישע סטייל פאר די היימישע ווייבער.

אבער וואס א טאג ווייטער זעהט זיך ארויס דער פאלטשער גרייז, ווי א שטארקער גליטש דאס איז געווען. זעהנדיג קליפּ און קלאר אז דאס אנטוהן א מלבוש פון די פרעמדע קרייזן ברענגט מיט זיך מיט נאך פארשידענע שוואכקייטן און פריצות, וואס איז ביי אונז אלעמען געווען אזוי קלאר און אפגעפרעגט אין יעדן היימישער שטוב.

מיט א קלארע בליק זעהט זיך אן דער פאקט, אז נאכדעם וואס מען שטעלט זיך אהער אלס אן אנדערע סארט מענטש מיטן אנטוהן דעם מאדערנעם שניעל קאפּ-שלייער, פאדערט דאס מיט זיך א "מעטשינג" ביי די אנדערע קליידונג און צירונגען, העווי מעיק-אפּ אד"ג, און מען הייבט אן טראגן דעם אמעריקאנעם מאדערנע אויסזעהן, מיטן גאנצן מאדערנע טראגע, וואס אנטהאלט מיט זיך שרעקליכע פריצות און נידריגקייט ה"י.

אפגערעדט אז דאס האט ליידער גורם געווען ביי מאנכע צו פארלעצן די הארבע ענין פון שערן די האר, וואס ליידער האבן זיי זיך געלאזט וואקסן די האר, און ס'איז ליידער דא אזעלכע וואס לאזן איבער פארנט אויפן שטערן אדער ביי די צוויי זייטן די "ביי האר", און טוען דאס אויפדעקן רח"ל כדי צו טראגן דעם שניע"ל פונקט אזוי ווי דער מאדערנע סטייל. אט אזוי ברענגט דער שניע"ל צו די ביטערע "ביי האר" וואס צדיקים זי"ע האבן דאס גערופן "וויי האר" אז דאס ברענגט מיט זיך צרות און אומגליקליכקייטן רח"ל. די הארבע קללות וואס ווערט געברענגט אין זוהר הק' אויף דאס זיך אויפדעקן די האר האר פון קאפּ, ווערט נישט דערמאנט אויף קיין שום אנדערע עבירה.

און טאקע דערפאר זענען די גדולי הרבנים שטארק ארויסגעקומען מיטן קלארן דעת תורה אנטקעגן דעם שניע"ל, כדי צו היטן אז אונזערע שטובער זאלן נישט צובראכן ווערן ח"ו פון אזעלכע מלבושים.

אויפן דאזיגן געביט איז אין די לעצטע תקופה אהער געשטעלט געווארן א גאר געלונגענעם פּראגראם מיטן נאמען "מה אני" אינערהאלב די וועלט בארימטע טל של תחי' טעלעפאן-ליניע, וועלכע האט פארגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטיגן אופן, די הארבקייט פון זיך באניצן די דאזיגע קאפּ-שלייער. ווי אויך איז דער פּראגראם אויפגעשפּילט געווארן אויף די אנדערע טעלעפאן ליניעס ווי "קול בית רחל", "פנימה", און "בנות שושנים", דער פּראגראם איז גאר שטארק אויפגעכאפּט געווארן דורך צענדליגער טויזנטער נשים פון איבעראל.

דער פּראגראם טוט אויפשפּילן מיט א שפּאנענדע ציענדע פארשטעלונג וואס איז באגלייט מיט תוכן און פארשטאנד, צו אכטונג געבן אויף אונזערע געבויעטע שטובער זאל נישט צעבראכן ווערן פון אזעלכע פרעמדע מלבושים. אויך איז אלס טייל פונעם פּראגראם געהערט געווארן גאר אינהאלטסרייכע שיעורים פון חשוב'ע רבנים און מגידים שליט"א באגלייט מיט קלארע הדרכה והסברה, צווישן זיי אחד מגדולי הוראה הרה"ג רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד דחסידי סקווירא, וועלכע האט מיט זיינע קורצע און קלארע דיבורים ארויסגעברענגט דעם פאראייניגטער "דעת תורה" פון די גדולי רבנים ומנהיגי הקהלות שליט"א.

צווישן די שיעורים איז געהערט געווארן א ברייטע אויפקלערונג פון הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי בערל טויבער שליט"א ר"מ ישיבת אור תורה. אין זיין דרשה טוט רבי בערל שליט"א ערקלערן, אז מיטן אנקליידן דעם דאזיגן לבוש פארוואנדלען די הייליגע אידישע געפילן צו אנדערע פרעמדע געפילן. "א שניעל איז אן אינדענטיפיקאציע, עס איז א בריק, עס ברענגט אריבער צו פרעמדע געפילן... אל תטוש, ס'איז האקעל! ס'איז הייליג און טייער! ריר דיך נישט אוועק פונעם מסורה!" האט רבי בערל שליט"א הייס ערקלערט.

מיטן אנקום פונעם זומער זענען אויך די הנהלות פון די זומער-קעמפּ'ס ארויסגעקומען מיט אן אויפפאדערונג אז אין די ראמען פונעם קעמפּ זאל קיינער נישט ערשיינען מיטן גע'אסר'טן "שניעל" קאפּ-שלייער. דאס זעלבע האבן די הנהלות פון עטליכע גרעסערע קאנטריס אויפגעפאדערט בשם די רבנים שליט"א אז אין די גרעניצן פון זייער קאנטרי זאל מען זיך נישט באווייזן דערמיט.

טויזענטער נשים האבן זיך טאקע אנגעשלאסן אינעם אלוועלטליכן התעוררות, און האבן זיך מקבל געווען נישט צו נוצן דעם פרעמדן קאפּ-שלייער, נאר אנשטאט דעם זיך קליידן מיט אן ערליכע קאפּ-צודעק, אין איינקלאנג מיטן דרך המסורה לנו מדור דור.

שטייענדיג איצט ביים איינקויפן סעזאן פאר יו"ט הבעל"ט הערשט א שטארקע פאראייניגטע התעוררות צווישן די פרויען אין אלע היימישע געגנטער צו קויפן בלויז די אויסגעהאלטענע קאפּ-צודעק, און ח"ו נישט אריינעמען אין אונזערע שטובער קליידונג וואס זענען אין קאנטראסט צו מסורת אבותינו ורבותינו הק' מדור דור, און נאר זיך האלטן פולקאם צו די קלארע דעת תורה פון גדולי דורינו שליט"א.

עס בלייבט איבער מתפלל צו זיין, אז בזכות פון זיין עומד על המשמר אז אונזערע מויערן זאלן ח"ו נישט צעבראכן ווערן, זאלן מיר אלע זוכה זיין צו השראת השכינה און געבענטשט ווערן מיט א כתובה וחתימה טובה און א גוט יאר, ובזכות נשים צדקניות יגאלו ישראל בקרוב בימינו.

אל תטוש.

- פארזעצונג זייט 35





קהל
מתוך דברי הדרכה בענין צניעות הלבוש לנשים מאת
הגה"צ אב"ד דקהלתנו שליט"א
בדרשת שבת שובה שנת תש"פ לפ"ק

**...עס איז דא א נייער מלבוש פארן קאפּ וואס הייסט שניע"ל, דאס איז נישט קיין חסידישע מלבוש, דער מקור פון דעם איז פון אזעלכע קרייזן וואס ביי זיי איז נישט קיין חסרון אויב מ'שערט זיך נישט, זיי האבן נישט די מסורה זיך צו שערן. און צוביסלעך האט זיך דאס אריינגעכאפּט ביים חסידישן עולם.**

אין טייל קהלות האט מען דאס שוין נעאסר'ט, אנדערע האבן געמיינט מ'זאל נישט גיין דערמיט, אבער דאס איז זיכער אז ס'פאסט נישט פאר א חסידישע פרוי צו גיין דערמיט.

על כן זאלן אונזערע נשים נישט גיין דערמיט... אונטערן א משפחה זאל דאס בכלל נישט האבן אין שטוב.

BOBOV-45
Administrative Offices
1362-49th street
Brooklyn, N.Y. 11219



Cong. Yetev Lev D'Satmar Kiryas Joel

קהל יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל יצ"ו

וועד משמרת מחנינו

בס"ד

## וויכטיגע אויפמערקזאמקייט!

**דעריבער טוען מיר דא מפרסם זיין אז עפ"י הוראת**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א**

**טאר מען נישט גיין אנגעטון מיט**

**שניע"ל סנאד'ס (Chenille Snoods)**

**גלייכצייטיג ווענן מיר באאיסטראנט צו שטיין אויף דער וואך און אכטונג געבן אז מ'זאל די אלע נייע סארט מלבושים בכלל נישט פארקויפן דאהי' אין שטאט**

ביום שק"ק

וועד משמרת מחנינו



מתוך דרשת שבת שובה תש"פ מאת

## הגה"צ אב"ד ור"מ קהל יטב לב ד'סאטמאר מאנסי שליט"א

"... ווען א פרוי גייט אנגעטון ערליך און איידל איז זי א מזכה את הרבים אז אנדערע זאלן זיך אויך אפלערנען. און חס ושלום פארקערט, א דוגמא,

אז לעצטנס האט זיך פארשפרייט, אז מ'גייט מיט א

**קאפ צודעק וואס הייסט**

**"שניעל"(Chenille)**

**דאס איז א מלבוש וואס ברענגט צו גרויסע מכשולות**

דער רבי זאל זיין געזונט האט יארן צוריק גלייך ביים אנהייב, ווען עס האט זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן, שטארק געווארנט מ'זאל זיין אפגעהיטן נישט אנצוטון דעם שניעל. זאל מען וויסן דאס איז זייער א הארבע זאך, דער וואס גייט דערמיט תוך מחנינו איז דער היפך פון המזכה את הרבים.

דער רבי זי"ע האט שוין געזאגט אז נאר ווען עס איז דא ערליכע אידישע מאמעס, איז דא ערליכע אידישע שטובער..."



BETH DIN ZEDEK D'SHIKUN SQUARE

בית דין צדק דק"ק שיכון סקווירא

**לכבוד די חשובע איינוואוינער פון אונזער שטעטל שיחיו.**

שטייענדיג נאך א משך זמן וואס מען האט שוין מעורר געווען דעם חשובן ציבור איבער די חסרון פון גיין מיט דעם לבוש וועלכע רופט זיך "שניעל" (Chenille) זענען מיר אצינד מודיע פארן ציבור, אז נאכן דורכטון דעם נושא, זענען מיר געקומען צום החלטה אז היות די לבוש איז א מאדערנע קאפ-צודעק וואס ברענגט א שטארקע ירידה אין צניעות ביי אונזערע קרייזן, און עס איז נעאיינגט פאר די קרייזן וואס גייען מיט אייגענע האר, דעריבער איז עס געגצליך **אסור צו אנטון ביי אונז.**

אזוי' עס איז שוין פארבאטן געווארן דורך מערערע גדולי דורינו און רבנים שליט"א אין עטליכע קהלות קדושות בישראל.

און מיר פירן אויס מיט א ברכה צו אלע איינוואוינער פונעם שטעטל, אז אין זכות פון גיין אנגעטון בצניעות, און איינהאלטן די אלע גדרים, זאל אייך השי"ת געבן פיל נחת פון די קינדער, פרנסה בריות, און אלע השפעות טובות.



## התאחדות התלמידים קהלת יעקב פאפא

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**לכבוד אנשי שלומינו וחברי קהלתינו שיחיו**

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ...

פארגאנגענעם שב"ק פ' אמור, ביים דרשת פרקי אבות בבית המדרש הגדול, האט הרה"צ רבי מאיר שליט"א דומ"ץ קהלתינו, בשליחות אביו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, מעריש געווען איבער די הארבקייט פון נאכגיין די היינטיגע מאדעס וואס כאפן זיך ליידער אריין בלבושי נשים.

במיוחד האט ער בפקודת חקודש באווארנט דעם ענין פון כיסוי הראש, אז מען זאל בשום אופן נישט נאכגעשלעפט ווערן פונעם עצת היצר, ... (SNOODS / BERETS / CHENILLE) סנוד'ס און בערעט'ס

אחוץ וואס דער לבוש האט קיינמאל נישט באלאנגט ... וחס ניצן אלס אן אונטער־טירל, אריינצוברענגען ... הארבן ענין פון זיך געגצליך אפשערן כסדר די ... רבותינו הק' זענען די נשים וואס זענען נישט נזהר ...

מיר זענען זיכער אז אנשי שלומינו וועלן פאלגן ... דורותינו, און מעורר זיין אין שטוב און פאר די ... אומן נישט גיין מיט דעם לבוש.



איבערזעצונג אויף אידיש פונעם בריוו פון

## הגאון הצדיק רבי משה גרין זצ"ל

ראש ישיבה ד'מאנסי

נאך וואס איך האב געזען אז די רבנים הגאונים שליט"א

**האבן גע'אסר'ט צו אנטוהן דעם קאפ-צודעק וואס הייסט "שניעל – סנודס" (chenille-snoods)**

האב איך מחליט געווען זיך אנצושליסן דערצו און בעטן פון אונזערע אידישע געשוויסטער

**נישט צו איפברעכן א גרויסע פירצה אין די מויערן פון צניעות.**



מחנה זכרון צבי דוד ד'באבוב

CAMP ZICHRON ZVI DOVID D'BOBOV

די נשים זאלן נישט גיין מיט קיין snoods, chniels, mushrooms

מ'זאל נאר גיין אנגעטאן מיט א כיסוי הראש וואס איז מכסה לפי גדרי הצניעות.



## בית הוראה דקהל אור החיים ד'טאהש

## וויכטיגע אויפאדערונג!

איבער נייע סארט קאפ-צודעק ביי פרויען

**אז עס איז נישט איינגעהאלטן פאר נשים צדקניות במחנינו צו גיין אנגעטון מיט דעם קאפ צודעק**

**שינעל**

בערעט, סנודס

(CHENILLE, BERETS, SNOODS)

**וואס קען ח"ו צוברענגען א פארנאכלעסיגקייט אינעם האר און עס קען זיך נעגצליך אפשערן די האר.**

הבו"ח בית הוראה דקהל אור החיים ד'טאהש

# קאמפיין נייעס:

(פארזעצונג פון זייט 33)

וואס וועגט איבער ביידענ'ס שטארקייט ביי אלע אנדערע שפאנישע וויילער אין די סטעיט, ממילא שטייט טראמפ פאראויס ביי ווארשיינליכע שפאנישע וויילער מיט 50 צו 46 פראצענט. דאס איז אן ענדערונג פון 16', ווען קלינטאן האט געוואונען איבער טראמפ אין פלארידא ביי די שפאנישע מיט 62 צו 35 פראצענט.

אן אנדערע ענדערונג פון 16' איז, וואס דאן האט טראמפ געוואונען 57 צו 40 פראצענט ביי די עלטערע וויילער, איצט שטייט ביידען פאראויס ביי די וויילער 49 צו 48 פראצענט.

ווי געזאגט, שטייט טראמפ שטארקער אויף די פראגע פון די עקאנאמיע, און אויך שטייט ער 3 פונקטן שטארקער, 48 צו 45 פראצענט אויף די פראגע ווער עס קען בעסער באהאנדלען פארברעכן. ווען מ'האט געפרעגט די וויילער איבער די פאליציי אקציעס ווען זיי האבן גע'הרג'עט דעם שווארצן דזשארדזש פלאיד אין מינעסאטא און דעם שווארצן דזעיקאב בלעיק אין וויסקאנסין, און די נאכפאלגענדע פראטעסטן, געוואלדטאטן, קרבנות, האבן 44 פראצענט פון די ווארשיינליכע וויילער געזאגט אז זיי זענען מער באזארגט איבער די פאליציי הריגות, ווען 43 פראצענט זענען געווען מער באזארגט פון די פראטעסטן.

די שוואכקייט פון טראמפ אין פלארידא זעט זיך אויך אן ווען בלויז 47 פראצענט פון די ווארשיינליכע וויילער זענען צופרידן פון זיין דזשאב קעגן 48 וואס זענען אומצופרידן. ביי אלע רעגיסטרירטע וויילער זענען 46 פראצענט צופרידן, 48 פראצענט נישט צופרידן. 47 פראצענט פון די ווארשיינליכע וויילער האבן א גוטע מיינונג אויף טראמפ קעגן 50 פראצענט פארקערט, ביי ביידען האט די אנקעטע געוויזן 46 און 49 פראצענט, וואס מיינט אז ביי ביידע קאנדידאט איז 3 פראצענט מער וואס זענען אומצופרידןפון זיי ווי די וואס זענען יא צופרידן.

* * *

## טראמפ באצייכנט ביידען אלס "סטופיד"

פארפאלן, ווען עס קומט צו א חוש פאר פובליסיטי, שטייט פרעזידענט טראמפ אין א קלאס פאר זיך זעלבסט.

נאכדעם ווי דזשאו ביידען האט באשולדיגט אז פרעזידענט טראמפ שטעלט אמעריקאנער לעבענס אין א ריזיקע לויט דעם וועג ווי אזוי ער באהאנדלט דעם קאוויד קריזיס, האט טראמפ מאנטאג צוריקגעשאסן ווען ער האט באצייכנט ביידען ווי "סטופיד", וואס א לייכטע איבערזעצונג וואלט געווען "א נאר". אויך האט ער פארלאנגט אז ביידען זאל זיך אנטשולדיגן פאר זיינע ארויסטריטן קעגן קאוויד וואקסין.

דער צאל אמעריקאנער קאוויד טויטע האט שוין מאנטאג געהאלטן ביי נאענט צו 190,000, און דאס איז די הויפט זאך וואס שאדט אזוי שטארק פאר פרעזידענט טראמפ אין די נאציאנאלע אנקעטעס. פרעזידענט טראמפ האט שוין מערערע מאל זיך בארימט אז מ'וועט צושטעלן א וואקסין קעגן דעם ווירוס אין א רעקארד צייט, פיליכט נאך אפילו פאר די וואלן, און האט אפילו ווי געסטראשעט אז עס זענען פאראן פינסטערע כוחות וואס ווילן דאס שטערן, ווי איינער זאגט, ער איז זיכער אז מ'וועט האבן א גוטן וואקסין, און אויב דאס וועט נישט באשטעטיגט ווערן פאר די וואלן, איז דאס ווייל זיינע מיסטעריעזע שונאים וואס ער קען נישט אידענטיפיצירן, וואס קיינער ווייסט נישט וואו זיי געפינען זיך אלץ, האבן מאנעווורירט אז מ'זאל נישט באשטעטיגן דעם וואקסין צוליב מורא אז דאס וועט העלפן פאר טראמפ געווינען די וואלן.

אזעלכע בארימערייען ברענגט אבער ארויס אפענע צווייפלען ביי וויסנשאפטלער און אפילו ביי פראמינענטע דאקטוירים צי מ'וועט נישט אונטעריאגן אן עמוירדזשענסי באשטעטיגונג פאר א וואקסין צוליב דעם דרוק פון פרעזידענט טראמפ, ווען מ'וועט נאך פאקטיש נישט זיין גענוג פארזיכערט אז דער וואקסין טויג טאקע, און נאך וויכטיגער פון דעם, אז עס איז נישט שעדליך.

סענאטאר קאמאלא העריס, די וויצע פרעזידענט קאנדידאט פון ביידען, האט אפען דערקלערט אז זי וואלט נישט געהאט קיין צוטרוי צו טראמפ אויף די פראגע פון א וואקסין פאר די וואלן, און ביידען האט געבעטן די אמעריקאנער אז מ'זאל זיך רעכענען און מ'זאל אויספאלגן די מעדיצינישע וויסנשאפטלער. די קריטיקירער האבן מערערע מאל באשולדיגט אז טראמפ גראבט אונטער די וויסנשאפטלער.

מאנטאג האט פרעזידענט טראמפ אפגעהאלטן א חגא פרעסע קאנפערענץ אין הויף פון ווייסן הויז, וואו ער האט געזאגט צווישן אנדערס, אז ביידען, און זיין שטארק ליבעראלע מיטלויפער, וועלכע איז אגב די ליבעראלסטע מענטש אין קאנגרעס, איז לויט מיין מיינונג נישט א קאמפעטענטער מענטש. ער וואלט חרוב געמאכט דאס לאנד און וואלט חרוב געמאכט די עקאנאמיע. ער דארף זיך זאפארט אנטשולדיגן פאר זיינע הפקר'דיגע אנטי-וואקסין העצרייען פון וואס זיי רעדן איצט, און האט צוגעגעבן אז דאס גראבט אונטער די וויסנשאפט. טראמפ האט אויך צוגעלייגט אז ביידען איז "סטופיד".

ביי די געלעגענהייט האט טראמפ נאכאמאל אוועקגעמאכט דעם באריכט וואס איז ערשינען אין די "אטלאנטיק" צייטשריפט אז ער האט אפגעשפעט פון געפאלענע אמעריקאנער סאלדאטן, אז זיי זענען "פארלירער" און שלימזל. טראמפ האט נאכאמאל דערקלערט אז די געשיכטע איז א ליגענט, א שווינדל, פרעגענדיג "ווער וואלט געזאגט אזא זאך ווי דאס? בלויז א חי' וואלט געזאגט אזא זאך ווי דאס".

ער האט ארויסגעברענגט אז די געשיכטע איז אפגעלייקנט געווארן דורך א געהילף פון געוועזענעם שטאב הויפט פון ווייסן הויז דזשאן קעלי.

* * *

## שוואונג האלט אן פון פראמינענטע רעפובליקאנער וואס אינדארסירן ביידען

עס האט זיך שוין אנגעהויבן 2 וואכן צוריק, ווען עטליכע הונדערט געוועזענע געהילפן פון צווייטן פרעזידענט בוש און פון דעם רעפובליקאנער סענאטאר און פרעזידענט קאנדידאט דזשאן מעקעין האבן דאנערשטאג געמאלדן אז זיי אינדארסירן דזשאו ביידען פאר פרעזידענט. זיי האבן דאס געטאן אין דעם טאג ווען פרעזידענט טראמפ האט געהאלטן זיין רעדע אין הויף פון ווייסן הויז אנצונעמען די רעפובליקאנער פרעזידענט נאמינאציע, ווי אביסל אוועקצונעמען דעם גלאנץ פון די טראמפ רעדע, און דער שוואונג האט אנגעהאלטן אויך ווייטער, ווען יעדע פאר טעג קומען אפיר נאך רעפובליקאנער וואס אינדארסירן ביידען.

מ'האט געמאכט א פאליטישע אקציע קאמיטע פאר ביידען וואס האט ארויסגעלייגט א ליסטע פון כמעט 300 מיטגלידער פון די בוש אדמיניסטראציע אדער פון זיינע קאמפיינס וואס האבן זיך עפענטליך ארויסגעשטעלט פאר ביידען, אריינגערעכנט געוועזענע קאבינעט מיטגלידער ביי די בוש אדמיניסטראציע, אמבאסאדארן און אנדערע באאמטע. דערנאך איז געקומען איבער 100 געוועזענע שטאב באאמטע פון מעקעין אדער פון זיינע קאמפיינס. זיי האבן ארויסגעברענגט אין זייער בריוו אז דער איצטיגער פרעזידענט האט נישט קיין קאמפעטענטע פירערשאפט, ער ארבעט אויפצורעגן, ערגער צו מאכן ווי איידער צוצושטעלן א בריק אויף די צעטיילונג צווישן אמעריקאנער, א.א.וו.

רעאליסטיש, איז א פראגע וויפיל אזעלכע אינדארסירונגען טוען אויף, אבער עס איז נישט אינגאנצן אוועקצומאכן, איבערהויפט ווען די רעדע איז פון קאמפיינען ביי זעלבסטשטענדיגע וויילער וועלכע האבן נאכנישט געפאסט קיין באשלוסן פאר וועמען צו שטימען.

טראדיציאנאל זעט מען אז די וואס זענען אומבאשטימטע וויילער, זיי האבן נאכנישט קיין באשלוס ביז ממש ווען מ'קומט צו די וואלן, וועט רוב פון די פארבליבענע אומבאשטימטע וויילער גיין קעגן דעם פרעזידענט וואס איז אין אמת, אדער קעגן די פארטיי פון דעם פרעזידענט וואס איז געזעסן אין ווייסן הויז, און עס איז א פארשטענדליכע סברא, ווייל אויב מ'איז צופרידן געווען פונעם פרעזידענט'ס ווירטשאפט, וועט מען דאך אויסדריקן שטיצע פאר'ן פרעזידענט אין די אנקעטע. אויב מ'האט זיך נישט געקענט ברענגען צו שטיצן דעם פרעזידענט ממש ביז צום ענדע, ווייזט דאך דאס אז דער ספעציפישער וויילער האט נישט געקענט איבערצייגט ווערן פון די אלע רעקלאמעס און רעדעס אז דער פרעזידענט האט יא געטאן גענוג א גוטן דזשאב אז עס קומט אים נאך א טערמין, ממילא וועט אזא וויילער ענדערש שטימען קעגן דעם פרעזידענט.

אויב אזוי, קען ביי אזעלכע וויילער אויך אין א געוויסע מאס באאיינפלוסן ווען זיי הערן פון אנדערע רעפובליקאנער פערזענליכקייטן וואס האבן דעם קוראזש ארויסצוטרעטן קעגן דעם פרעזידענט פון זייער אייגענע פארטיי, איבערצוצייגן די צווייפלדיגע וויילער אז פיליכט האט טאקע נישט געטויגט דער פרעזידענט וואס איז איצט אין אמט.

* * *

## אנקעטע ווייזט אז ביידען שטייט נאך אלץ שטארקער פון טראמפ; מער האלטן אז ביידען פרובירט צו בארואיגן דעם מצב אין לאנד ווי טראמפ

א פרישע "סי. בי. עס." אנקעטע אויף די סווינג סטעיטס ווייזט אז 49 פראצענט פון די רעגיסטרירטע וויילער האלטן אז ביידען פרובירט ענדערש צו בארואיגן דעם מצב, 30 פראצענט האלטן אז ער וויל מוטיגן די ראסן שלאכטן, און 21 פראצענט האבן געזאגט ניין אויף ביידע. ביי טראמפ, האבן 39 פראצענט געהאלטן אז ער וויל בארואיגן דעם מצב, 47 פראצענט האלטן אז ער ערמוטיגט שלאכטן און 14 פראצענט האבן נישט געוואלט מאכן אן אויסוואל צווישן די 2 פראגעס.

ווי אזוי איז דער בעסטער וועג צו ענדיגן די פראטעסטן? ביי אלע וויילער, האבן 60 פראצענט געזאגט, דורך פאליציי רעפארמען, 25 פראצענט האבן געזאגט דורך באשטראפן די פראטעסטירער און 15 פראצענט האבן געזאגט אז קיינע פון די 2 אויסוואלן וועט נישט העלפן. דאס ווייזט אז איבער 2 מאל אזוי פיל וויילער שטיצן פאליציי רעפארמען, ווי די שטרענגערע שטראף אויף די דעמאנסטראנטן.

אויך דא זעט מען א שטארקע פארטייאישע צעטיילונג, וואס 91 פראצענט פון די ביידען וויילער שטיצן פאליציי רעפארמען, בלויז 3 ווילן באשטראפן די דעמאנסטראנטן, און 6 פראצענט שטיצן

(פארזעצונג אויף זייט 65)

# נייעס פון ברוקלין:

## לינקע נייע דיסטריקט לידער פון וויליאמסבורג קלויבט אויס לינקן קאלעגע

איינע פון די רעזולטאטן פון די פריימעריס יוני 23, ווען דער אידישע עולם איז נישט ארויסגעגאנגען שטימען אין אזא גרויסע צאל ווי מען האט געקענט, און די לינקע עלעמענטן האבן יא אויסגענוצט די מעגליכקייטן אריינצושיקן זייערע שטימען באציייטנס דורך די פאסט, איז געווען, אז די ראדיקאלע לינקע עלעמענטן האבן אפגעהאלטן גרויסע זיגן אין דעם 50'סטן אסעמבלי דיסטריקט וואס פארטרעט וויליאמסבורג און גרינפוינט, און דערגרייכט אויך צו טיילן פון פארט גרין און קלינטאן היל. דער לאנגיעריגער אסעמבלימאן דזשאסעף לענטאל האט פארלוירן די פריימערי צו איינע פון די לינקע ראדיקאלע אקטיוויסטן, און ווען עס איז אויך געווען א פריימערי פאר די פרוי דיסטריקט לידער פאזיציע, (יעדע דיסטריקט מוז האבן א מאן און א פרוי דיסטריקט לידערס) האט די לינקע עקסטרעמיסט קריסטינא נאפלאטארסקי, באזיגט די לאנגיעריגע דיסטריקט לידער לינדא מינוטשי וועלכע איז שוין 36 יאר געווען אין די פארטיי פירערשאפט פאזיציע.

די 25 יעריגע נאפלאטארסקי ארבעט אויפ'ן שטאב פון דעם שפאנישן קאונסילמאן ענטאניא רינאזא, וועלכער פארטרעט בושוויק און די שפאנישע געגנט פון וויליאמסבורג. דאס מזל האט געשפילט פאר נאפלאטארסקי אז דער מאן דיסטריקט לידער ניק ריזא איז דורכגעפאלן מיט זיינע נאמינאציע פעטיציעס, מען האט גע'פסל'ט גענוג פון די אונטערשריפטן אז ער איז ארויסגעפאלן, ער האט נישט געקענט לויפן פאר די פאזיציע, איז אפען געבליבן זיין זיץ, און ווי עס פירט זיך ביי די דעמאקראטישע פארטיי, באקומט דער אנדערער דיסטריקט לידער די מעגליכקייט צו נאמינירן עמיצן אויף די פאזיציע ביז צו די קומענדיגע פריימעריס, און דער אויסוואל ווערט דערנאך אפיציעל באשטעטיגט דורך די קאונטי קאמיטע.

נאפלאטארסקי האט געמאכט א לאנגס און א ברייטס פון דעם, א גאנצע שפיל אז זי וועט אויפנעמען אפליקאציעס פון מענטשן וואס זענען אינטערעסירט צו ווערן דיסטריקט לידער. לויט ווי זי האט איבערגעגעבן, האט זי באקומען זיבן אפליקאציעס פון וועמען זי האט פארלאנגט אז זיי זאלן אויסשטעלן א פראגע בויגן מיט א גאנצע ליסטע פראגעס פארצושטעלן וואס זייער מיינונג איז איבער אקטועלע טעמעס וואס זענען פאר איר וויכטיג און אינטערעסאנט, און דערנאך האט זי פאררופן א "פארום" אויף אויגוסט 26 ווען מען האט געקענט מיט ווידעא זעהן און הערן פון די אלע קאנדידאטן, ווי אזוי זיי ענטפערן אויף די פראגעס.

די וואך האט מען געהערט אז זי האט געמאכט איר אויסוואל, זי וועט נאמינירן דעם 24 יעריגן עניעל באזיל צו ווערן דער מאן-דיסטריקט לידער, ארויסהויבנדיג אלס א הויפט מעלה אין אירע אויגן וואס ער וועט ווערן דער ערשטער שווארצער מאן דיסטריקט לידער אין די היסטאריע פון דעם אסעמבלי דיסטריקט.

דער 24 יעריגער באזיל שטאמט פון אימיגראנטן פון האיטי. ער איז אויפגעוואקסן אין די האוזינג אויטאריטי הייזער ביי בערי און סאוט 9'טע סטריט, און ער ארבעט איצט פאר אסעמבלימאן לענטאל. נאפלאטארסקי האט געזאגט אז אזוי ווי זי קומט פון צפון עק פונעם דיסטריקט, פון גרינפוינט, האט זי געוואלט האבן עמיצן פונעם דרום טייל, פון וויליאמסבורג, און באזיל איז געווי דער רעפארמער וועמען זי ווייל האבן אין די פארטיי פירערשאפט, צו העלפן מאכן ארדענונג.

באזיל האט געזאגט אז ער קוקט ארויס אויף די געלעגנהייט צו ארבעטן מיט איר אויף זאכן וואס וועט פארבעסערן דעם דיסטריקט, אזוי ווי צוגענגליכע האוזינג, ענוויירמענטאלע יוסטיץ, א.ד.ג. ער וויל אויך דערגרייכן טיילן פון דעם דיסטריקט וואס זענען נישט גענוג געהעריג פארטרעטן, צו פארזיכערן אז אויך זיי וועט מען אויסהערן און דינען.

די פירער פון די דעמאקראטישע פארטיי אין ברוקלין איז די שווארצע אסעמבלי מיטגליד ראדניס בישאוט. זי האט שוין געזאגט אז באזיל וועט נאמינירט ווערן און זי קוקט ארויס צו ארבייטן מיט די נייע דיסטריקט לידערס פון דעם 50'סטן אסעמבלי דיסטריקט, צו דינען די איינוואוינער פון ברוקלין.

א דיסטריקט לידער איז א פאליטישע פאזיציע, עס קומט נישט מיט צופיל מאכט סיידן ביים אויסוועלן ריכטער, וואס אויב וויליאמסבורג האט איצט באקומען צוויי אזעלכע לינקע ראדיקאלע עקסטרעמיסטן, דאכט זיך אז מען דארף נישט מער ארויסזאגן וואס די באדייט פון דעם איז, נאר האפנטליך וועט דאס זיין א מעסעדזש פאר אלע וויילער אין דעם דיסטריקט, אז מען טאר קיינמאל נישט לייכט נעמען די פארלאנגען צו שטימען אין די פריימעריס און אין די וואלן, ווייל אויב נישט, באקומען די ערגסטע עלעמענטן א שעדליכע דיעה און מאכט פון וואס מען קען לאנג ליידן, איבערהויפט אויב די לינקע ראדיקאלן וועלן נאמינירן ראדיקאלע לינקע ריכטער ח"ו.

* * *

## באס דרייווער אטאקירט נאכ'ן ארויסשיקן א פארפאלק פון זיין באס

די אטאקע איז פארגעקומען פאריגע וואך מאנטאג נאכט ארום 10:50, ווען א שטאטישער באס דרייווער האט באפוילן פאר א מאן און א פרוי אראפצוגיין פון זיין באס ווייל זיי האבן געסטראשעט אן אנדערן פאסאזשיר ביי איסט 8 און לאפאיעט סטריטס. דערנאך האט דער באס דרייווער זיך אפגעשטעלט אויף עסטאר פלעיס אויף א קליינע הפסקה, און די 2 חברה זענען צוריקגעקומען צום באס און זיי האבן נישט געלאזט צומאכן די טיר פונעם באס ווען די פרוי איז ארויפגעגאנגען און האט אנגעהויבן צו זעצן דעם דרייווער אין פנים, ווען דער מאן האט איר געהייסן אז זי זאל אים גוט אנשלאגן, און דערנאך זענען זיי אנטלאפן.

דער 35 יעריגער באס דרייווער איז באהאנדלט געווארן אין דערנעבענדיגן שפיטאל פאר לייכטע וואונדן אויפ'ן פנים, האלדז און רוקן, און די פאליציי האט זיך גענומען צו די אויספארשונג.

ווי עס פירט זיך, איז איבעראל פאראן ווידעא, און נאך א פאר טעג האט מען שוין צוזאמגעשטעלט גענוג ווידעא בילדער, גוטע בילדער וואס מ'האט געקענט פארעפענטליכן און בעטן הילף צו אידענטיפיצירן די 2 אנפאלער. ביז די וואך זונטאג האט מען נאכנישט געכאפט די אנפאלער.

דאס איז געווען איינע פון 3 אנפאלן פאריגע וואך אויף שטאטישע טראנסיט ארבייטער אין זעלבן מעת לעת. ארום 8 אזייגער דינסטאג צופרי האט מען אראפגעווארפן א סאבוועי קאנדאקטאר אויף די שינעס אין די האיט-סקערמערהארן סטאנציע אין ברוקלין, פון וואס ער האט געליטן וואונדן אויפ'ן קאפ, האלדז און רוקן. דער 55 יעריגער קעווין העריסאן איז ארעסטירט געווארן פאר דעם אנפאל 2 טעג שפעטער. עס האט געדויערט ביז מ'האט אים געכאפט, ווייל ער איז דאך א היימלאזער מענטש.

דער 3'טער אינצידענט איז פארגעקומען אין קווינס, אויף דזשעמיקע עוו. ביי 132 סטריט, ווען עמיצער האט צעבראכן די זייטן פענסטער פונעם דרייווער און האט געזידעלט דעם דרייווער. צו מזל איז דארט קיינער נישט געשעדיגט געווארן און די פאסאזשירן זענען אראפגעגאנגען פונעם באס און זענען ארויף אויף דעם נאכפאלגענדן באס. ביז דעם זונטאג, האט מען דערווייל נישט ארעסטירט יענעם אנפאלער.

פון אינמיטן אפריל ווען דער פאנדעמיק איז ערנסטער געווארן אין ניו יארק ביז אנהויב יולי, זענען פארגעקומען 402 אטאקעס אויף טראנסיט ארבייטער אין די שטאט. דאס איז ארום 105 ווינציגער פון פאר א יאר אין דער צייט, אבער מ'דארף געדענקען אז היי יאר איז געווען א דראסטישע רעדוקציע אין די פאסאזשירן, צוליב די פאנדעמיק אפשליסונגען. צענדליגער פון די אינצידענטן זענען געקומען צוליב דעם פאנדעמיק, צ.ב.ש., ווען א באס דרייווער איז באפאלן געווארן נאכ'ן הייסן א פאסאזשיר אנטאן א מאסק, וואס אויב נישט, דארף יענער אראפגיין פון באס.

* * *

## עטליכע געוואלדטאטן פארברעכנס פארגעקומען אין בארא פארק

פאריגע וואך זענען געווען עטליכע פאלן פון געוואלדטאטן וואס זענען פארגעקומען אין בארא פארק, אבער בחסדי ה' האט עס נישט געשאפן קיין סכנות פאר'ן היימישן ציבור.

דער ערשטער אינצידענט איז פארגעקומען פאריגע וואך מיטוואך נאכמיטאג, ווען עמיצער איז געשאסן געווארן נעבן די 9'טע עוועניו און 42'סטע סטריט. מען האט אפגעפירט דעם געשאסענעם אין מאימאנידעס שפיטאל, וואו ער איז געשטארבן. די פאליציי זוכט א שווארצן פארדעכטיגטן וועלכער איז אנגעבליך אנטלאפן אין א גרויע האנדאי סאנאטא, און די דעטעקטיוון שטודירן אויך ווידעא און קאמערע בילדער פון די

(פארזעצונג אויף זייט 40)

קריאה הילף
פאר בחורים און קינדער
STEP 1 PROFESSIONAL EVALUATION
STEP 2 THERAPY / REFERRALS
STEP 3 SUCCESS בעז"ה
From Assessment to Achievement™

בוחן
עקיבא געשטעטנער
NYS DOE Bilingual Certified:
Reading, Special Ed., TVI
E: info@boichen.org
845.781.4177
באזונדערע טעראפיסטן פאר מיידלעך

בס"ד

# דעת תורה

## מאת גדולי מורי ההוראה ופוסקי דורינו שליט"א

# איבער דעם הארבן איסור
## אויף די שייטלעך בחשש תקרובת עבודה זרה

אין צוזאמענהאנג מיט די שייטלען וועלכע ווערן פראדוצירט פון האר פון מענטשן (Human hair) וועלכע קומען פון אינדיע, איז שוין גוט באקאנט דאס עס איז אויף זיי פארהאן א חשש אז מען האט דאס מקריב געווען פאר עבודה זרה רח"ל, וואס דורך דעם איז עס אסור בהנאה (מען טאר פון דעם נישט הנאה האבן).

אין שנת תשס"ד איז שוין ארויסגעקומען א קלארער פסק פון די גרעסטע פוסקי הדור אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ אז די שייטלען זענען אסור.

**די לעצטע צייטן איז די זאך נאך שטערקער קלארגעשטעלט געווארן, נאך פיל פארשונגען און נאכפרעגונגען דאס די האר וועלכע קומען פון אינדיע, איז קלאר אז עס איז פאראן ביי זיי א חשש תקרובת עבודה זרה רחמנא ליצלן. עס איז אויך קלארגעשטעלט געווארן אז רובא דרובא** (כמעט אלע) **פון די האר - אפילו די אויף וועלכע עס שטייט אויף זיי אז זיי קומען פון אנדערע לענדער,** (אזוי ווי אייראפע, בראזיל, אד"ג) **- שטאמען אויך פון די פלעצער פון עבודה זרה אין אינדיע.**

**אין ליכט פון די קלארשטעלונג זענען מיר מעורר און מיר ווארענען, די גא-טספארכטיגע דאס מען טאר נישט אנטוהן קיין שום יומע"ן העי"ר שייטל,**

# ווייל אצינד זענען די אלע שייטלעך אין א חשש תקרובת עבודה זרה

און די וועלכע גייען אנגעטוהן שייטלען זאלן זיך נישט באנוצן נאר מיט סינטעטישע שייטלען, פון די וועלכע האבן נישט דאס מינדעסטע אריינמישונג פון מענטשן האר.

ויה"ר דער אויבערשטער זאל שיקן אויף אונז א רוח טהרה, די עובדה זרה'ס זאלן אויסגעריסן ווערן לתקן עולם במלכות ש-די בב"א.

ידוע בשער בת רבים אודות פאות נכריות העשויות משערות אדם הבאים ממדינת אינדיע, שיש בהם חשש תקרובת עבודה זרה רח"ל האסורה בהנאה, ובשנת תשס"ד כבר יצאה הוראה ברורה מגדולי פוסקי הדור בארה"ק ובחו"ל, שפאות אלו אסורים.

**לאחרונה נתברר הדבר עוד יותר ע"י הרבה חקירות ודרישות שהשערות הבאות מאינדיע אכן יש בהן חשש תקרובת עבודה זרה רח"ל. וכן נתברר שרובא דרובא מהשערות - אפילו אלו שכתוב עליהם שבאים ממדינות אחרות** (כגון: אייראפע, בראזיל וכדו') **- מקורם מבתי ע"ז באינדיע.**

**לאור מציאות הדברים שנתברר, הננו לעורר ולהזהיר את החרדים לדבר ה' שאין ללבוש שום פאה משערות אדם (Human hair), שלע"ע**

# כולם הם בחשש תקרובת עבודה זרה

ואותן הלובשים שייטלעך, לא ישתמשו רק בסינטעטיש שייטלעך, בתנאי שאין בהם שום תערובות שערות אדם.

ויהי רצון שיערה ה' רוח טהרה ממרום, להעביר גילולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון, לתקן עולם במלכות ש-די, וימלא כבוד ה' את כל הארץ, בב"א.

בעה"ח בחודש אייר (מ"ט מונים) תשע"ט לפ"ק
(עפ"י סדר הא"ב)

**אברהם הכהן כ"ץ**
אבד"ק טאהש מאנסי

**אברהם הלברשטאם**
רב דקהל מנחת חינוך וראה"כ טארטיקוב

**אברהם יהושע העשיל ביק**
אבד"ק מעזיבוש

**אברהם יהושע העשיל פרידלאנדער**
אבד"ק היבנוב

**אברהם מאיר הלברשטאם**
דומ"ץ קהל יטב לב סאטמאר ב.פ. 18'טע עוו.

**אברהם ניסן ניימאן**
דומ"ץ וויזניץ מאנסי

**אהרן זילבערשטיין**
דומ"ץ צעהלים

**אלטר יוסף צבי סופר**
דומ"ץ דקיט"ל קרית יואל

**ארי' ראזענפעלד**
דומ"ץ דקהל ויואל משה קרית יואל

**אשר הלוי מאנן**
דומ"ץ קיט"ל סאטמאר מורטל עוו.

**ברוך שווארץ**
דומ"ץ שפע חיים צאנז מאנסי

**הילל וויינבערגער**
דומ"ץ נייטרא ואבד"ק סערדאהעלי

**זלמן לייב הורוויץ**
דומ"ץ מכון להוראה מאנסי

**חיים אבערלאנדער**
אבד"ק שארית ישראל ווילעדניק

**חיים אלעזר פריעדמאן**
אבד"ק טענקא

**חיים יהודה כ"ץ**
אבד"ק סערדאהעלי

**חיים יהודה ליבוש הלוי ראטענבערג**
אדמו"ר מפארשעי

**חיים יחזקאל שרגא דייטש**
אבד"ק מקור חיים מאנסי

**חיים מאיר הורוויץ**
דומ"ץ קהל תורת חיים וויזניץ ומסב"ג

**הק' בן ציון לאוב**
דומ"ץ קיט"ל סאטמאר ומסב"ג
ורב ביהמ"ד ישמח משה

**יהודה ירחמיאל הלוי גרובער**
ראב"ד ביד"צ אורחות משפט

**יהושע לייפער**
אב"ד באר משה מאנסי
נשיא ממלכת התורה עוז והדר

**יוסף זילבער**
דומ"ץ אברכים וויען מאנסי

**יחיאל ברוך געללער**
דומ"ץ באבוב ומסב"ג

**יחיאל שטיינמענטץ**
מו"ץ בק"ק מאנסי ורב המכשיר
של העירוב במאנסי

**יצחק אברהם הלוי יונגרייז**
דומ"ץ טאהש מאנסי

**יצחק אהרן גאלדבערגער**
דמו"ץ פאפא וקארלסבורג

**יצחק אייזיק מנחם אייכנשטיין**
אבד"ק גאלאנטא

**יצחק הערשקאוויטש**
דומ"ץ צאנז קלויזענבורג ומסב"ג

**הק' יצחק שטיין**
דומ"ץ פאלטישאן וראב"ד קארלסבורג

**הק' יקותיאל יהודה מייזליש**
דומ"ץ קיט"ל ב.פ.

**הק' יקותיאל יהודה פילאפף**
חבר הביד"צ דקיט"ל

**ירמי' פריעדמאן**
דומ"ץ שאפראן

**ירמי' צבי גאלדהירש**
דומ"ץ קרית וויזניץ קימישא

**ישי ליבערמאן**
דומ"ץ דושינסקיא
ויו"ר ועד הכשרות דסאטמאר

**ישעי' סג"ל טירנויער**
דומ"ץ קיט"ל שכונת דיקעיטער מאנסי

**ישראל דוד הארפענעס**
אבד"ק ומח"ס ישראל והזמנים

**מאיר יהוסף הלוי ראטענבערג**
אדמו"ר מקאסאן ב.פ.

**מרדכי זאב הלוי וואזנער**
אבד"ק מחזה אברהם

**הק' מרדכי צבי שטיינער**
אבד"ק בית מרדכי מאנסי

**הק' משה מנחם טירנויער**
דומ"ץ קיט"ל מאנטרעאל

**משה פריעדמאן**
דומ"ץ קיט"ל ב.פ.

**משה קעסלער**
ראה"כ ומו"ץ וויזניץ מאנסי

**נפתלי צבי וייס**
אדמו"ר מספינקא ב.פ.

**עזריאל מאיר חיים קאהן**
אבד"ק סענדזארש

**פנחס צבי אלימלך כ"ץ**
דומ"ץ קיט"ל טרופ עוו.

**קלונימוס זאב הכהן גראס**
אבד"ק מעשי למלך וויטצען

**שלו' פאללאק**
חבר הביד"צ דשיכון סקווירא

**הק' שלמה הכהן קאהן**
אבד"ק תהלות ישראל

**הק' שלמה יהודה וויינבערגער**
אבד"ק פאיע וחבר הביד"צ דקיט"ל

**הק' שמואל שמעלקא פריעדמאן**
מו"ץ פאפא והתאחה"ר

# נייעס פון ברוקלין:

(פארזעצונג פון זייט 38)

אומגעגענט פאר מער אינפארמאציע איבער דעם מערדער אדער קלארערע בילדער איבער זיין פארדעכטיגטע קאר.

בלויז מינוטן נאך יענעם אנפאל איז עמיצער קריטיש פארוואונדעט געווארן ווען מען האט אים געשטאכן ביי 928 41'סטע סטריט. עס איז נישטא קיין פארבינדונג צווישן די צוויי אינצידענטן.

א מער שרעקעדיגער אינצידענט איז פארגעקומען פרייטאג צונאכטס, וואס האט ארויסגעברענגט מער זארג ביים עולם ווייל ווען מען איז דורכגעגאנגען ביי די 16'טע עוועניו וואו עס געפינט זיך די פאליציי סטאנציע, איז דער בלאק געווען געשלאסן אויף 16'טע עוועניו צווישן 58 און 59'סטע סטריטס, אז מען האט קיינעם נישט געלאזט דורכשפאצירן דעם בלאק, און אויב מען האט גוט געקוקט, האט מען אפילו געקענט זען בלוט אויף דער ערד.

מען האט מוצ"ש געהערט די איינצלהייטן, אז דאס איז געקומען ווען דער 31 יעריגער אראבער זאאיד זינדאני איז געזעצן ביים דרייווער זיץ פון א מאסעראטי (א קאר וואס קאסט $100,000!) ביי די 63'סטע סטריט נעבן 17'טע עוועניו. זינדאני האט צוריקגעברענגט קיין בארא פארק זיינע צוויי פריינד פון א פארברענגען וואו זיי האבן "געטרינקען" אין ניו דזשוירזי, און זינדאני האט איבערגענומען דאס רעדל ווייל דער אייגענטימער פון די קאר איז געווען אביסל צו שטארק אנגעטרינקען. זינדאני האט דאבל פארקט די טייערע קאר און זיי האבן ווייטער געשמועסט.

פלוצלינג איז א מערצעדעס פארבייגעפארן, דער מערצעדעס האט זיך אבער באלד אפגעשטעלט און האט צוריק געבעקט צו די מאסעראטי. איינער איז ארויסגעשפרינגען פונעם מערצעדעס מיט א גאן, פאכנדיג דעם גאן אויף די דריי חברה, ווארשיינליך ווייל יענער האט געוואלט צו'גנב'ענען די טייערע קאר.

זינדאני האט נישט געוואלט זיין קיין העלד, ער האט באלד אויפגעהויבן ביידע הענט הויך אין די לופטן, אבער ווייזט אויס אז אין פאניק האט ער א קוועטש געטאן אויפ'ן גאז, און ווען ער האט אריינגעקלאפט אין מערצעדעס האט יענער געשאסן זינדאני אין זיין פנים און אין האלדז, און איז צוריק געלאפן צו די מערצעדעס און איז אנטלאפן.

איינער פון די פריינט פון זינדאני האט אים שנעל אוועקגעשטיפט פונעם רעדל, ער איז אריינגעשפרינגען אין די קאר און איז צוגעפארן די פאר בלאקס צו די פאליציי סטאנציע, וואו די נישט פארוואונדעטע זענען אריינגעלאפן מיט אן אלארם בעטנדיג הילף פון די פאליציי, וועלכע האבן זאפארט גערופן אן אמבולאנס, מען האט אפגעפירט זינדאני צו מאימאנידעס שפיטאל ווי ער איז געשטארבן פון זיינע וואונדן.

די פאליציי פירט אן אן אינטענסיווע אויספארשונג, און אויך אין דעם פאל זוכט מען און מען שטודירט די קאמערעס וואס האבן געכאפט בילדער אין די אומגעגנט פון דעם שיסעריי.

* * *

## "על" סאבוועי טונעל באקומט סעלפאון און ווייפיי מעגליכקייט

אלס טייל פון דעם רענאוואציע פראיעקט אין דעם "על" סאבוועי טונעל, האט מען אויך צוגעשטעלט די נויטיגע געצייגן אז מ'זאל קענען רעדן אויף די סעלפאונס אפילו ווען מ'פארט אונטערערדיש, אונטער'ן איסט ריווער אין דעם טונעל, און עס וועט אויך האבן ווייפיי.

ווי עס איז שוין מערערע מאל באריכטעט געווארן, איז דער טונעל שטארק געשעדיגט געווארן פון דעם האריקעין סענדי 8 יאר צוריק וואס האט פארפלייצט די טונעל מיט זאלץ וואסער פון ים. אריגינעל האט געהייסן אז מ'וועט דארפן שליסן דעם טונעל אויף 15 מאנאטן צו קענען געהעריג אלעס פארריכטן, אבער גאווערנאר קואמא האט אריינגעברענגט אנדערע עקספערטן וואס האבן פארגעשלאגן א פלאן אונטער וואס מ'האט בלויז געדארפט שליסן איין טונעל אויף אמאל, און אויך נישט אין די ארבייטס טעג, און די ארבעט איז שוין פארטיג געווארן אין אפריל, פריער ווי געראכטן.

גאווערנאר קואמא האט אין '17 געמאלדן אז מ'האט שוין אויסגעשטאט אלע 279 סאבוועי סטאנציעס מיט ווייפיי און סעלפאון מעגליכקייטן, און אלע הויפט סעלפאון פירמעס קענען ארבייטן אין די סאבוועיס.

* * *

## סיטי קאונסיל פארהער קומענדיגן דינסטאג איבער אינדוסטרי סיטי ריזאונינג

די סיטי קאונסיל זאנינג סוב קאמיטע האט פאררופן אן עפענטליכן פארהער אויף קומענדיגע וואך דינסטאג צו באהאנדלען דעם ריזאונינג פארשלאג פאר אינדוסטרי סיטי, דער ריזיגער שטח אין סאנסעט פארק נאענט צום איסט ריווער, וואו מ'וויל אויפבויען האוזינג, א האטעל, און א ריזיגע ביזנעס אונטערנעמונג, אויף די 35 אקער לאנד וואס געפינט זיך דארט.

די שטאטישע פלאנירונג קאמיסיע האט באשטעטיגט דעם פראיעקט ווען בלויז 1 פון די 30 קאמישאנערס האבן געשטימט קעגן דעם, ווען די פלאנירער האבן איינגעזען אז אויפצובויען דארט איבער א מיליאן קוואדראט פיס וועט זיין א געוואלדיגער געווינס סיי פאר די לאקאלע געגענט און אויך פאר די גאנצע שטאט.

דער פראבלעם קומט אבער פון קאונסילמאן קארלאס מענטשאקא, אין וועמענ'ס דיסטריקט דער פראיעקט געפינט זיך, וואס נאך א סאך פארהאנדלונגען מיט די דעוועלאפערס האט מענטשאקא באשלאסן צו שטימען קעגן די ריזאונינג.

עס איז א טראדיציע אז די קאונסיל מיטגלידער רעכענען זיך מיט די מיינונג פון דעם קאונסילמאן וואס פארטרעט די געגענט, וואס מיינט אז אויב מענטשאקא זאגט ניין, וואלט דער פראיעקט געדארפט דורכפאלן אין סיטי קאונסיל. דאס מאל איז אבער אנדערש ווען א צאל קאונסיללייט וואס שטיצן יא דעם פראיעקט האבן שוין געבעטן אז מ'זאל איגנארירן די טראדיציע.

דער הויפט באאמטער פון דעם אינדוסטרי סיטי פראיעקט האט אין א בריוו צום סיטי קאונסיל עטליכע וואכן צוריק אפגעשלאגן א סאך פון די טענות וואס מענטשאקא האט ארויסגעברענגט, בעטענדיג אז כאטש עס איז א שווערער אויסוואל צו שטימען קעגן דעם לאקאלן קאונסילמאן, איז ער אבער זיכער אז די בענעפיטן פון דעם פראיעקט וועט באשטעטיגן אז דער פראיעקט וועט זיין פאר'ן וואוילזיין נישט בלויז פאר סאנסעט פארק נאר פאר גאנץ ברוקלין און אויך פאר די גאנצע שטאט ניו יארק.

די שטיצער ווייזן אן אויף די 20,000 דזשאבס וואס אינדוסטרי סיטי האט פארשפראכן אז דער פראיעקט וועט אריינברענגען, וואס איז גאר א וויכטיגע זאך איבערהויפט ווען די שטאט פלאגט זיך נאך פון די נאכווייען פון די עקאנאמישע אפשליסונג.

דער פארהער וועט זיך אנהויבן 10 אזייגער צופרי, און וועט אנהאלטן ווי לאנג עס איז דא ווער עס זאל אויפטרעטן מיט א רעדע.

* * *

## דיבלאזיא וועט אויפהערן קומען צו די פראספעקט פארק "ווײ" ווען מ'וועט עס נאכאמאל עפענען

מעיאר דיבלאזיא האט לאנגע יארן געוואוינט אין די פארק סלאופ געגענט פון ברוקלין, פלעגט ער יעדן טאג מאכן זיינע איבונגען צופרי אין די פראספעקט פארק "ווײ", עפעס וואס ער האט אנגעהאלטן אפילו ווען ער האט שוין זיך געדארפט אריבערציען צו די אפיציעלע רעזידענץ פון מעיאר אין "גרעיסי מענשאן", אין מאנהעטען. דאס איז געווען א רייזע פון 12 מייל א טאג, און כאטש מ'קען נישט זאגן אז דער מעיאר האט פארברענגט צייט ווייל ער האט דאך געארבעט ווען ער איז געזעסן אין זיין "עס. יו. ווי.", האט עס אבער ארויסגערופן קריטיק אז דער מעיאר פארשוועדנט אזוי פיל צייט און גאזאלין, צו קומען יעדן טאג קיין ברוקלין וואו ער פלעגט זיך אויך טרעפן מיט מענטשן און האבן פאליטישע קאנפערענצן, ווען ער וואלט עס ענדערש געדארפט טאן אין מאנהעטען.

ווען מ'האט געפרעגט דיבלאזיא דאנערשטאג ביי זיין טעגליכן פרעסע אויפטריט צי ער האט אין פלאן ווידעראמאל צו פארן צו די ווײ ווען עס וועט ערלויבט זיין דאס נאכאמאל צו עפענען, האט דער מעיאר געענטפערט אז מאמענטאל האט ער נישט אין פלאן אהין צו פארן, אפשר, אמאל אין דער צוקונפט, אבער נישט איצט.

זיין לעצטע רייזע צו די ווײ איז געווען אין מערץ, געציילטע שעה פאר גאווערנאר קואמא האט געמאלדן אז מ'שליסט די "דזשימס" צו פארמיידן די אויסשפרייטונג פונעם ווירוס. פונדעסטוועגן האט עס נישט אפגעשטעלט דעם מעיאר'ס רייזעס קיין ברוקלין עטליכע טעג אין די וואך, און מ'האט אים געטאדעלט פאר ברענגען זיין מאטארקאדע צו גרעיסי מענשאן אין אפריל פאר רעגלמעסיגע שפאצירן אינעם פראספעקט פארק. עס איז גוט פובליצירט געווארן ביי איינע פון זיינע באזוכן ווי מ'האט גזידעלט דעם מעיאר, שרייענדיג אויף אים, איר האט דאך א פארק דארט וואו איר וואוינט. (גרעיסי מענשאן איז אין גרעיסי סקוועיר פארק), איר דארפט נישט פארשווענדן אן אומנויטיגע רייזע קיין ברוקלין.

* * *

## געהילף דיסטריקט אטוירני אומגעקומען אין עקסידענט אויף ווייט עוועניו

א טראגישער עקסידענט איז פארגעקומען זונטאג 12:35 ביינאכט ווען א באס האט אראפגעקלאפט א ביציקל ביי ווייט עוועניו און וויליאמסבורג סטריט איסט, און די דרייווער פונעם ביציקל, סארא פיץ, איז געשטארבן פונעם עקסידענט. זי האט געארבעט די לעצטע צוויי יאר אין אפיס פון ברוקלין דיסטריקט אטוירני עריק גאנזאלעס.

דער דרייווער פונעם באס האט זיך באלד אפגעשטעלט, ער איז דארט פארבליבן ביז די פאליציי איז פארטיג געווארן מיט די אויספארשונג און מען האט אים נישט אנגעקלאגט אויף קיין שום פארלעצונג. פיץ האט געליטן קריטישע וואונדן אויפ'ן מוח, וואס מען האט איר שנעל געפירט קיין בעלוויו שפיטאל, וואו מען האט די בעסטע ערפארונג פאר אזעלכע עקסידענט וואונדן, אבער זי איז געשטארבן מאנטאג פון אירע וואונדן.

גאנזאלעס האט ארויסגעהויבן די געטרייע ארבעט פון פיץ וועלכע איז אריינגעקומען אין אפיס פרייוויליג צו העלפן ערלעדיגן וויכטיגע זאכן ווען די פאנדעמיק האט געבושעוועט, און זייער ווייניג מענטשן האבן זיך געטרויט צו וואלונטירן, צוליב איר געטריישאפט צו די ארבעט.

# SIMPLY BETTER.

The Largest Selection of Quality Sukkahs for over 30 years.



DELUXE SUKKAH

GEVURAH MODULAR SUKKAH

**BEFORE** Price & Selection to suit every taste and budget

**DURING** High Quality & Easy Setup for many years of enjoyment

**AFTER** Year Round Service

Bring a friend & save!
Buy 2 Deluxe/EZ Sukkahs
& RECEIVE **25% Off Both***

Pre-Season Special
Buy 1 Deluxe/EZ Sukkah
& RECEIVE **15% Off***
*OF SIMILAR SIZE | EXP. WHILE SUPPLIES LAST

*DOES NOT APPLY TO GEVURAH MODULAR SUKKAHS

NATIONAL Sukkah Outlet

WAREHOUSE & SHOWROOM
SUKKAH OUTLET

20 Brighton Avenue Passaic, NJ 07055

P: 973.778.5624

Sukkahoutlet.com | Worldwide Shipping 1.800.778.5624 | Place your order today!

# ניו יארקער אומגעגענט:

## צייטווייליגער שולע סופעראינטענדענט נעמט איבער אין איסט ראמאפא

רעימאנד דזשיאמארטינא האט די וואך דינסטאג אפיציעל אנגעהויבן ארבעטן אלס צייטווייליגער סופעראינטענדענט אין דעם קאנטראווערסיאלן איסט ראמאפא סקול דיסטריקט, עטליכע וואכן פריער ווי עס איז אריגינעל געמאלדן געווארן אז ער וועט איבערנעמען, נאכדעם ווי די פריערדיגע סופעראינטענדענט דעבארא ווארטהאם האט געמאלדן אז זי גייט צוריק צו דעם רוזוועלט סקול דיסטריקט אין לאנג איילאנד פון וואו זי איז געקומען 5 יאר צוריק צו איסט ראמאפא.

אריגינעל האט געהייסן אז ווארטהאם'ס לעצטער טאג אין ראקלענד קאונטי וועט זיין אקטאבער 1, וואס דאן דארף זי אנהויבן אין רוזוועלט, איצט איז דאס ארויפגערוקט געווארן צו סעפטעמבער 30, אבער זי האט שוין איינגעמאלדן אז זי וועט זיך נישט באטייליגן ביי די סעפטעמבער 15 זיצונג, ווייל זי וועט שוין נישט טעטיג זיין ווען מ'הויבט אן דאס נייע שולע יאר, אויב אזוי וועט דזשיאמארטינא פריער אריינטרעטן אין דעם אמט, קומענדיג פון ראטשעסטער, וואו ער איז שוין א לאנגע צייט דער אדמיניסטראטאר. ער וועט פארדינען $235,000 פאר די צייטווייליגע פירערשאפט אין ראמאפא אין איצטיגן נייע שולע יאר, ווי לאנג מ'וועט זוכן א פערמענאנטן סופעראינטענדענט פאר דעם דיסטריקט.

אין ראטשעסטער, האט זיך דזשיאמארטינא אויסגעצייכנט ביים "ארויפברענגען" פראבלעמאטישע שולעס אין דעם דיסטריקט צו א העכערן שטאפל. 63 פראצענט פון די היי סקול סטודענטן האבן גראדואירט אין '19, וואס איז פיל נידריגער ווי די 83 פראצענט ראטע פאר די גאנצע סטעיט, אבער איז היבש בעסער ווי אין די פריערדיגע יארן. איינע פון די טעכניקן וואס ער האט גענוצט צו באקומען די פארבעסערונג איז געווען, געבן לאקאלע דיפלאמס פאר סטודענטן וואס האבן נישט געקענט נאכקומען די שטרענגע "רידזשענטס" דיפלאם פארלאנגען, און אנשטאט אז זיי זאלן זיך מייאש זיין, אויפהערן קומען אין די שולע, האבן זיי געקענט האפן צו באקומען א דיפלאם פונעם לאקאלן ראטשעסטער סקול דיסטריקט, אזוי האט זיך זיי געלוינט ווייטער מיטצוהאלטן מיט די שטודיעס.

די סטעיט פארלאנגען פאר א לאקאלע דיפלאם זענען פיל מילדער ווי די פארלאנגען פאר א רידזשענטס דיפלאם.

אזוי ווי איסט ראמאפא האט אויך שוואכקייטן אין אירע פאבליק סקולס, האפן זיי אז דזשיאמארטינא וועט אויך דא קענען פארבעסערן דעם מצב אין די שולעס.

אין ראטשעסטער זענען פאראן באלד 30,000 סטודענטן אינעם סקול דיסטריקט, און איבער 85 פראצענט קלאסיפיצירן זיך אלס שווארצע אדער שפאנישע, 10 פראצענט אידענטיפיצירן זיך אלס ווייסע. איסט ראמאפא האט איבער 9,000 סטודענטן אין די 14 פאבליק סקול געביידעס, אבער עס שטעלט אויך צו פארשידענע וויכטיגע "סערוויסעס" פאר איבער 28,000 קינדער וואס וואוינען אינעם דיסטריקט און גייען אין פריוואטע שולעס, רוב פון זיי אין חרדי'שע מוסדות.

אזוי ווי רוב איינוואוינער און רוב וויילער אין דעם איסט ראמאפא דיסטריקט זענען חרדי'שע אידן, פאלט דורך דער סקול באורד בודזשעט רעגלמעסיג, וואס מיינט אז מ'מוז שניידן פון די אויסגאבן, ווייל די וויילער ווילן נישט האבן קיין העכערע פראפערטי שטייערן. די אדוואקאטן וואס קעמפן פאר די שווארצע און שפאנישע אינטערעסן טענה'ן, אז דאס איז אזא סארט דיסקרימינאציע קעגן זיי. אין יוני האבן די וויילער צוריקגעוויזן א בודזשעט פון 247 מיליאן דאלאר, וואס אין בלויז 11 סקול דיסטריקטן אין די גאנצע סטעיט איז דורכגעפאלן דער סקול בודזשעט. ווי איידער צו פרובירן נאכאמאל, ארויפלייגן א פרישן בודזשעט מיט געוויסע קליינע ענדערונגען וואס וואלט אוודאי אויך דורכגעפאלן, האט דער סקול באורד עטליכע וואכן שפעטער באשטעטיגט דעם עמוירדזשענסי בודזשעט וואס איז געווען איבער א מיליאן דאלאר ווינציגער.

אזוי ווי ווארטהאם איז א שווארצע פרוי, האט זי אין אנהויב געגאסן פון שטארקע שטיצע פון די אנטי-חרדי'שע עלעמענטן אין ראמאפא, אבער עווענטועל זענען זיי געווארן אומצופרידן אויך פון איר ווירטשאפט, מיט טענות אז זי האט נישט דורכגעפירט וויכטיגע פארבעסערונגען אין די פאבליק סקולס. ווייזט אויס אז זי האט געשפירט אז זי קען נישט נאכקומען די ערווארטונגען פון די אקטיוויסטן, האט זי זיך געכאפט אויף די געלעגענהייט צוריקצוגיין צו רוזוועלט, אין לאנג איילאנד, און זאל עמיצער אנדערש ווייזן וואס מ'קען אויפטאן, ווי אזוי מ'קען באפרידיגן די אנטי-חרדי'שע אונטערהעצער אין ראמאפא.

## ראקלענד קאונטי שעריף וועט דורכפירן רעפארמען אין זיין אגענטור

ראקלענד קאונטי שעריף לואיס פאלקא איז פאריגע וואך דורכגעקומען מיט פירער פון די "ען. עי. עי. סי. פי." וועלכע האבן געהאט א סאך טענות, און מ'וועט דורכפירן 7 רעפארמען געצילט צו טוישן דעם ראסן צוזאמשטעל און די קולטור פון דעם שעריף דעפארטמענט.

צווישן די רעפארמען וועט זיין אז מ'וועט לערנען די שעריף דעפיוטיס איבער אנטי-ראסיזם, מ'וועט זיי לערנען איבער די פארשידענע קולטורן ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט'ן אלגעמיינעם פאלק, מ'וועט האבן א ציווילע קלאגע איבערזיכט באורד צו באהאנדלען קלאגעס וואס מ'גיט אריין קעגן די "דעפיוטיס", מ'וועט אויפנעמען מער נישט-ווייסע, מ'האט אויך גערעדט איבער בעיל רעפארם, און אז עס זאל זיין ליעזאן פארבינדונג מענטשן איבער די קאונטי, מיט'ן שעריפ'ס דעפארטמענט, צו טרעפן זיך מיט'ן פאלק.

עס זענען געווען פארלאנגען פון געוויסע שווארצע אקטיוויסטן אז פאלקא זאל רעזיגנירן. מ'האט געהאט גאר שטארקע טענות נאכדעם ווי עס זענען ערשינען אויף זיין פעיסבוק זייטל ראסיסטישע ארטיקלעך און בילדער פון שווארצע וואס זענען באשולדיגט געווען אויף שוידערליכע פארברעכענס, וואס די שווארצע האבן גע'טענה'ט אז דאס איז געווען געצילט אויפצוהעצן דאס פאלק קעגן די שווארצע, אז מ'זאל באטראכטן די שווארצע ווי פארברעכער.

פאלקא האט זיך פארענטפערט אז ער האט געשיקט די ארטיקלעך צו באאמטע אין זיין דעפארטמענט דאס צו שטודירן און אויספארשן, אבער ער האט נישט געמיינט צו טשעפען און באליידיגן די שווארצע.

איין קלאגע איז געווען אז נאך ערגער ווי די ארטיקלעך איז געווען די רעאקציעס, וואס מענטשן האבן געענטפערט מיט פארשרייען די שווארצע אלס חיות, פארברעכער, מאלפעס, און די וואונטשן וואס מענטשן האבן אויסגעדריקט ווידער צו הענגען פארברעכער אין די עפנטליכקייט. דאס האט ארויסגעברענגט אנדערע ראסיסטישע מענטשן און זייערע אייסערונגען, און שעריף פאלקא איז שטיל געבליבן און האט נישט פארדאמט אזעלכע העצערישע ראסיסטישע סטעיטמענטס.

איצט רעדט מען פון רעפארמען, און בעיל רעפארם איז איין וויכטיגער פונקט, וואס פאלקא האלט זיך ביי זיין פריערדיגע שטעלונג אז מ'מוז טוישן דאס געזעץ וואס האט אפגעשאפן בעיל אויף זייער א סאך פארברעכענס אין ניו יארק. ער האט פארדאמט אז מ'האט עס דורכגעפירט אן אנפרעגן ביי די פאליציי אגענטורן אדער פראקורארן אין די סטעיט.

איינע פון די פונקטן איז צו אנטוויקלען מיט די הילף פון די "ען. עי. עי. סי. פי." א פראגראם צו לערנען שווארצע אז זיי זאלן בעסער קענען קוואליפיצירן צו באקומען א דזשאב ביים שעריף דעפארטמענט. פאלקא האט לעצטענס אויפגענומען 2 שווארצע און 2 שפאנישע פאליסלייט, און די "ען. עי. עי. סי. פי." פירער האפן אז עס וועט זיין וויינינגסטענס נאך 5 אזעלכע דזשאבס.

אויך וויל פאלקא אויפנעמען 3 קאמיוניטי ליעזאנס, כאטש די אקטיוויסטן האבן אריגינעל פארלאנגט בלויז איינעם.

דער שעריף וועט אויסשטעלן א ציווילן קלאגע איבערזיכט באורד וואס זאל באשטיין פון 5 ביז 11 מיטגלידער, און א סיסטעם ווי אזוי מענטשן זאלן קענען איינגעבן קלאגעס קעגן די פאליציי.

אויף די פראגע פון בעיל, וועט פאלקא אויסארבעטן א בעיל סיסטעם אין די ראמען פון סטעיט געזעץ מיט די הילף פון סטעיט סופרים קארט ריכטער טאמאס זיגיבי, א געוועזענער ראקלענד קאונטי דיסטריקט אטוירני, ווי אויך א געוועזענער סטעיט פאליס אויספארשער, און אויך מיט פירער פון די "ען. עי. עי. סי. פי."

אזוי ווי מ'האט טענות אז אונטער דעם נייעם סטעיט קיינע-בעיל געזעץ האט מען ארויסגעלאזט זייער א סאך געפערליכע פארברעכער פון טורמע, וועט פאלקא ארויסגעבן די סטאטיסטיקס איבער פארלעצער אויף נישט-געוואלדטאטן פארברעכענס וועלכע זענען באפרייט געווארן זינט דאס נייע געזעץ איז אריין אין קראפט יאנואר 1, און וויפיל פון זיי זענען נאכאמאל ארעסטירט געווארן.

## אראנדזש קאונטי העלט קאמישאנער באפעלט אז אלע שולע קינדער מוזן גיין מיט מאסקעס

דאקטאר אירינא געלמאן, העלט קאמי-שאנער פון אראנדזש קאונטי, האט פאראדרעדנט אז אלע קינדער וואס גייען אין אלע שולעס אין אראנדזש קאונטי, סיי אין די פובליק שולעס און אויך אין די פריוואטע שולעס, מוזן גיין מיט מאסקס, און דער זעלבע פאר די וואס שטעלן צו טראנספארטאציע צו און פון די שולעס.

זי האט ארויסגעברענגט אין איר פאר-ארדענונג אז דער בעסטער וועג צו פארמיידן נאכאמאל צו שליסן די שולעס איז, אויב מען קען פארמיידן אז קאוויד פאלן זאל נישט אפירקומען אין אונזערע שולעס, און אין אונזער קאמיוניטי, און דאס קען מען טון דורך גיין מיט מאסקעס, נישט צו נאענט שטיין איינער צום אנדערן, בלייבן אינדערהיים אויב מען שפירט זיך נישט גוט, און גיין צו א דאקטאר.

די דאקטאר האט באטאנט אז די פאראדרענונג איז אין קראפט פאר יעדן קינד וואס איז שוין עלטער פון צוויי יאר און מעג מעדיציניש גיין מיט א מאסק, און דאס איז נישט בלויז אין די שולעס נאר אויף אלע פובליק און פריוואטע סקול באסעס. אויך באזוכער אין די שולעס מוזן גיין מיט א מאסק. די איינציגסטע אויסנאם איז, ביים עסן, אדער ווען מען באשטימט א געוויסע צייט צו "כאפן דעם אטעם", אויסצוטאן די מאסקעס און מען שטייט ווייט פון אנדערע קינדער.

* * *

Project By: Charidy Platinum

חולי ישראל בעטן זיך צו כלל ישראל:

# וועלטעב
# איז אונזער
# רוח החיים




לאזט נישט **דעם רעטונגס שיפל** זיך דערטרענקען!

**וועלטעב** – א וואוילטעטיגע ארגאניזאציע וועלכע ראטעוועט לעבנס, דורך צושטעלן בחנם 24/7 לייווסטריעם טעבלעטס, פאר חולים אין שפיטאל און זייערע משפחות, צו קענען אנהאלטן שטענדיגע קאנטאקט און זיך אפגעבן מיטן חולה, און פארזיכערן אז זיי ווערן נישט פארנאלעסיגט, ווען באזוכן פיזיש איז נישט מעגליך.

**אייער שטיצע טוהט פארזיכערן:**
קיין שום חולה זאל מער נישט פילן פארלאזט!

929.900.2333

CHARIDY.COM/**WELLTAB**

NO PATIENT LEFT ALONE

WellTab

אל תשליכני

זונטאג-דינסטאג ימי הסליחות
Sunday-Tuesday Sept. 13-15

### פארנעפלטע צוקונפט פון היימישע בליענדע געגנט וואקלט זיך אויפ'ן וואגשאל

# ניו יארקער אידנטום פאלגט נאך געשפאנט קריטישן וואל-פארמעסט אין בלומינג גראוו, וואו אידישע באפעלקערונג פארמעסט זיך פאר איר עקזיסטענץ

**"אלע קהלות" אין "בלומינגראוו" פאראייניגט ארויסצוברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" צו פארזיכערן קלארן זיג בעז"ה אינעם היסטארישן וואל-פארמעסט - נאך שווערע יארן פון אפענע רדיפות קעגן אידישע געברויכן אויף טריט און שריט, האט "בלומינגראוו" אצינד "דאס לעצטע שאנס" וואס וועט ענדגילטיג דעצידירן דעם עתיד פון דער געגנט**

בלומינגראוו, ניו יארק. — מיט אן אויסטערלישע שפאנונג, געמישט מיט זארג און האפענונג, טוט דאס ניו יארקער אידנטום נאכפאלגן דעם היסטאריש-קריטישן וואל-פארמעסט וואס וועט זיך אויסשפילן דעם קומענדיגן "דינסטאג סליחות" אין דער שטאט בלומינגראוו, וואו די אידישע באפעלקערונג שטייט אויס א שווערן און דעצידירנדן פארמעסט איבער דעם צוקונפט פון דער שטאט — א פארמעסט וואס אירע רעזולטאטן וועלן אנטשיידן די הארבע פראגע צי בלומינגראוו וועט פארבלייבן א פלאץ וואו היימישע משפחות קענען לעבן אין פרידן און רואיגקייט, וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט, בעז"ה.

נאכדעם וואס דער ארגינעלער דאטום פון די וואלן איז שוין אפגעשטופט געווארן צוויי מאל דורכאויס די פארגאנגענע מאנאטן, צוליב דעם קאראנא קריזיס, שטייט מען אצינד בעפאר דעם קומענדיגן דינסטאג, ווען ס'איז ענדגילטיג באשטימט געווארן דער קריטישער פארמעסט וואו די אידישע בלומינגראוו וועט ארויסברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" וואס זי פארמאגט.

יונג און אלט, מענער, פרויען, און ערוואקסענע בחורים און מיידלעך. כולם יקבצו באו לך, מ'מוז פארזיכערן אז די פאראייניגטע "כח האחדות" פונעם ציבור קומט אריין מיט'ן סאמע מאקסימום קראפט. ווייל נאר אזוי קען מען בעז"ה אפשלאגן די קעגנערישע כוחות, וועלכע זיצן אויך נישט מיט פארלייגטע הענט, און וויסנדיג אז דאס איז זייער לעצטער שאנס זיך אנצוהאלטן ביים מאכט-בענקל קערן זיי איבער יעדעס שטיינדל ארויסצוקראצן, ח"ו, א זיג, דורך די אלטע עשיו-שונא-ליעקב מעטאדן אנהעצנדיג די אלגעמיינע איינוואוינער קעגן "אידישע אקופאציע", כדי זיי זאלן לויפן צו די שטים-בודקעס.

לויט ווי ס'ווערט באריכטעט פון בלומינגראוו, איז די מאמענטום ביים ציבור אויפ'ן העכסטן גראד. אלעס איז אויפגעוואכט און איינגעשפאנט. יעדער באגרייפט דעם חומר המצב און חובת השעה. יעדער פארשטייט קלאר און דייטליך, אז מ'שטייט דא פאר א קריטישן שייד-וועג, אן קיינע גוזמאות. די מינדעסטע פארנאכלעסונג אין דעם גורל'דיגן וואל-טאג פון איינעם וואס וועט חלילה זיך אפהאלטן פון שטימען, קען גורם זיין יארן יארן פון צרות און פארפאלגונגען פאר הונדערטער משפחות, שאדנס פון הונדערטער טויזנטער דאלער אויסגעבלוטיגט אידיש געלט, סטאפ-ארדערס פאר בתי מדרשים, און בכלליות רדיפות קעגן די אידישע געברויכן אויף יעדן טריט און שריט.

אין א זעלטענעם שריט זענען אלע גדולי הרבנים שליט"א וואס פארטרעטן די קהלות און בתי מדרשים אין בלומינגראוו, ארויסגעקומען מיט א פאראייניגטקייט צו רופן דעם ציבור און יעדן יחיד ארויסצוגיין אפגעבן די שטימעס פאר דעם אינדארסירטן טיקעט פון די עסקני "יו.זשעי.סי." פאר'ן מעיאר און טראסטי אמטן פונעם ווילעדזש או סאוט בלומינגראוו. און די זעלבע די מנהיגי ישראל וואס רוב מנין ובנין פון תושבי העיר זענען סרים למשמעתם, האבן באופן יוצא מן הכלל שטארק מחזק געווען די עסקני העיר, אז די שריט וואס זיי טוען זענען אויסגעהאלטן און ריכטיג, און זיי טוען באגלייטן די פעולות בברכות קדשם, אז מ'זאל מצליח זיין בעז"ה.

א סימפאטישע רעגירונג, וועט אנהייבן א גאלדענע תקופה בעז"ה!

די טרויעריגע ערשיינונג ווי לאקאלע מוניציפאליטעטן וואגן זיך צו אפן דיסקרימינירן אנטקעגן זייערע לאקאלע אידישע איינוואוינער, איז שוין היינט ליידער נישט קיין אויסטערלישע נייעס. פילע געגענטער, אין ניו יארק און ניו זשערסי, האבן זיך אין די לעצטערע יארן אפגעמוטשעט — און טייל מוטשען זיך נאך ביז'ן היינטיגן טאג — מיט צרות יגון ואנחה, אויסגעטיילט דורך פיינטליך-געשטימטע באאמטע, וועלכע קענען נישט צוקוקן ווי אידישע קינדער פילן אן זייערע גאסן און לעבן זיך זייער ערליכן לעבנס-שטייגער, איידל און אפגעהיטן.

גאנצע געגענטער האבן אין די לעצטערע יארן זיך אפגעמוטשעט מיט ענדלאזע שטרייטן, און פארצויגענע קאמפן האבן באאומרואיגט אידישע פאמיליעס פאר חדשים און יארן, ווען מ'האט כסדר געדארפט אפשלאגן די נאכאנאנד גזירות אונטער'ן בלעכענעם-פנים שלייער פון "היטן דאס געזעץ" אדער זאגאר "פרעזעווירן די געגנט'ס כאראקטער".

אזוי האט מען זיך אפגעפלאגט, ביז מ'האט באוויזן אנצוציען א באדייטן צאל שטים-בארעכטיגטע. דאן איז מען ארויס אין א קאמפיין, אויסגעניצט די געלעגנהייט פון לאקאלע פארמעסטן, און בעז"ה באוויזן אריינצוברענגען סימפאטישע פארשטייער. אט די אלע שטעטלעך און געגענטער זענען היינט לעבעדיגע ביישפילן פון מוניציפאליטעטן וואו אלע איינוואוינער לעבן רואיג און צופרידן, אין פולקאמע הארמאניע. יעדער ווערט אייניג פארטרעטן, און אפילו די אלגעמיינע באפעלקערונג איז העכסט צופרידן, פון די שלום ושלוה וואס האט צוריק באהערשט זייערע גאסן.

אט דאס זעלביגע שפילט זיך יעצט אויס אין דער שטאט בלומינגראוו, וואו די אידישע באפעלקערונג איז אין די לעצטערע יארן אויסגעשטאנען שווערע רדיפות און נאכאנאנדע פארפאלגונגען. מ'האט בלאקירט די פרידליכע איינוואוינער יעדן טריט און יעדן שריט. דער ווילעדזש האט בייזוויליג געשטראנדעט די אויפבוי פון בתי מדרשים, אפגעהאלטן פערמיטן פאר הייזער, אפגעשפארט אומשולדיגע שאטעלס פון מאכן טעגליכע טריפס, און אזוי ווייטער געצייגט א שטייפן רוקן צו יעדע פארלאנג, יעדע ביטע, יעדע געבעט, אפגעזען ווי קליין און מינדערוויכטיג, אלץ נאר כדי ענג צו מאכן פאר די אידישע איינוואוינער.

אצינד, אבער, אינעם סאמע זמן פון "תכלה שנה וקללותיה", קריגט בלומינגראוו אט די גאלדענע געלעגנהייט, אט די איינמאל-אין-יארן געשאנק, אז זי קען זיך בעז"ה ארויסרייסן פון די פארפאלגונגס-קייטן, ארויסזען פון אפיס די פארפאלגער, און בעז"ה אריינברענגען סימפאטישע, פריינטליכע און צוגעלאזענע קאנדידאטן, וועלכע וועלן אי"ה אויספירן זייערע פליכטן מיט יושר און צדק, מיט געפיל פאר אלע איינוואוינער און זייערע עלעמענטארע געברויכן, און אזוי ארום בעז"ה צוריקשטעלן פרידן און הארמאניע אין דער שטאט!

איז דאס, אלזא, נישט בלויז "נאך א וואלן פארמעסט", ווי ס'איז דער שטייגער אין יעדער געגענט יעדע עטליכע יאר. נאר דא אין דעם פאל פון בלומינגראוו איז עס עפעס אויסנאם, אויסטערליש, אויסערגעווענליך און איינמאליג, צוליב וואס דער גאנצער דרך הטבע'דיגער עתיד פון אידישן בלומינגראוו איז אין דעם אנגעוואנדן, מיט די געלעגנהייט אנצוהייבן א גאלדענע נייע תקופה בעז"ה, פון צופרידנהייט און וואוקס, וואס וועט הייבן בלומינגראוו צו די העכסטע ספערן בעז"ה.

ווי עס זאגן עס קלאר אלע באוויזן איז דאס לויט אלע ווארשיינליכקייטן "די לעצטע געלעגנהייט", צו קענען זיך שטעלן אויף די פיס און פארזיכערן אן עתיד, זינט די איצטיגע פיינטליך-געשטימטע ווילעדזש האט אין דער געהיימעניס אויסגעוועבט א פינסטערן פלאן אוועקצורויבן אינגאנצן דעם שטים-רעכט פון היימישע אידן, דורכ'ן אויסציען די ווילעדזש גרעניצן אזוי גרויס ווי די טאון, אריינברענגענדיג אין איר טעריטאריע פרישע 20,000 נישט-אידישע וויילער, וואס דערמיט וועט אויטאמאטיש אנולירט ווערן דער שטים-כח פון אחינו בני ישראל, אן קיין מעגליכקייט דאס צוריק אויפצובויען ביז צענדליגער יארן פון יעצט, ה"י!

"בלומינגראוו באחדות", איז דעריבער אצינד די שטורמישע שטימונג אין בלומינגראוו, ווען אלע קהלות, אלע איינוואוינער, שטייען גרייט פאראייניגט כאיש אחד ובלב אחד, אלע קהלות, אלע משפחות, יעדער געפינט זיך אין די זעלבע געשפאנטע שטימונג, מיט א הייסע אנטשלאסנקייט ארויסצוברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" וואס בלומינגראוו פארמאגט, און דערמיט זיך פארזיכערן אז מ'קען דא פארבלייבן וואוינען, און דערציען קינדער, מיט רואיגקייט און צופרידנהייט, מנוחה ושלוה השקט ובטח, בעזרת ה'.

דאס צונויפשטעלן די טיקעטס פון די היימישע קהלות איז צושטאנדגעקומען נאכ'ן אינוועסטירן אסאך אסאך מחשבה, קאפ און

מח, נאכ'ן זיך בעראטן מיט לאנגיאריגע עסקנים און לעגאלע עקספערטן, אז ס'זאל זיין די בעסטע וואס נאר שייך, גאר געניאל אויסגערעכנט פאר די הצלחה פון דער שטאט, ווען גלייכצייטיג איז ארויסגעשטעלט געווארן א קלארע "וויזיע" וואס מ'פלאנט אויפצוטון, אריינצוברענגען א פריש גאלדענע עפאכע פון וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט לטובת די איינוואוינער בעז"ה.

געציילטע טעג פארבליבן — מ'קען זיך נישט ערלויבן צו פארלירן!

שטייט מען ווירקליך אצינד אפגעטיילט בלויז געציילטע טאג פון דעם קומענדיגן מאנטאג סליחות, ווען אידישע קינדער אין 'בלומינגראוו' קוקן ארויס און זענען מתפלל אין דעם זמן מסוגל פון ימי הרחמים והסליחות, אז דער היימישער טיקעט זאל בעז"ה זיגרייך זיין. מ'קען נישט, און מ'וויל נישט, אנדערש זיך אויסמאלן, ח"ו.

מיט יעדן טאג וואקסט די שפאנונג פונעם וואל-קאמפיין. אלע קהלות זענען דערין אינאיינעם, מיט אן אמת'דיגן באשיינפערליכן "אחדות" וואס כלל ישראל איבעראל קען פון דעם נעמען א מוסטער, ווי ברודערליך און געטריי מ'ארבעט אלע אינאיינעם, לייגנדיג אלע אינטערעסן און מיינונגס-פארשידענהייטן אין דער זייט, ווייל דא האנדלט זיך פון א געמיינזאמע פאראייניגטע אינטערעס צו קענען לעבן אין די שטאט מיט א רואיגקייט בעז"ה!

העכער 70 עסקנים, וועלכע פארטרעטן אלע קהלות, אלע בתי מדרשים, זענען די "וואל עסקנים" און פארשטייער, און מ'שטעלט צו א ריי הילף און סערוויסעס לטובת הציבור, צו פארזיכערן אז יעדער קען ארויסגיין שטימען; א שטייגער ווי "בעיביסטינג" פאר די אידישע מאמעס, "קאר סערוויס" צו קענען פארן אומזיסט צו די שטים-בודקעס, און א פולשטענדיגע הילפס-ליין וואו מ'וועט זיין אגאנצן טאג גרייט ערפארענע עסקנים צו זיין בייהילפיג מיט סיי וועלכע אנפראגעס או"וו.

יעדער עסקן האט א ליסטע פון משפחות, גוטע פריינט און שכנים, וואס ער וועט אי"ה אנרופן און באגלייטן צו מאכן זיכער אז זיי ברענגען ארויס אלע זייערע שטימעס, איש וביתו. די שפאנונג איז ווייט נישט קאנצעטרירט צו בלויז בלומינגראוו'ס גרעניצן. עס שטייט די גאנצע אידישע וועלט און קוקט זיך צו מיט זארג און האפענונג. יעדער פארשטייט אז די יעצטיגע וואלן זענען א רעפערענדום! אויב קען מען אין בלומינגראוו בלייבן וואוינען רואיג מיט הרחבת הדעת צי נישט; אויב קען מען דא האבן בתי מדרשים און מקוואות צי נישט! אויב וועט מען ווייטער איגנארירט און גע'רודפ'ט ווערן צי נישט!

ס'איז א היסטארישער אחריות, א היסטערישער חובת השעה! אן אחריות אויף יעדן איד, אויף יעדן שטים-בארעכטיגטן חלילה נישט צו פארנאכלעסיגן דעם התחייבות פאר אזא גרויסע אידישע שטאט און פאר די טויזנטער נפשות וואס לעכצן צו לעבן א רואיגן צופרידענעם לעבן! ס'איז קלאר אז די ציפערן זענען בעז"ה דא ארויסצוקוועטשן א זיג, אבער די רעזולטאטן וועלן זיין זייער נאענט, אדער לכאן אדער לכאן. מ'וויל חלילה נישט נעמען קיין שאנסן, אס ס'זאל אחרי כל התלאה אלעס בלייבן ביים אלטן, ה"י.

דעם קומענדיגן מאנטאג סליחות, ווען די שטים-בודקעס אין בלומינגראוו וועלן זיך עפענען, וועט כל אחד ואחד מתושבי העיר מאכן זיכער אפצוגעבן זיין שטימע, און זען אז אויך זיין שטוב, פרוי און בארעכטיגטע קינדער, קומען ארויס שטימען פאר די קאנדידאטן אינדארסירט פון די געטרייע עסקנים און גוטגעהייסן פון די רבנים ומנהיגי הקהלות שליט"א, און אט אזוי, מיט אזא כח האחדות, באגלייט מיט הייסע תפלות, קוקט מען ארויס צו באגלייט ווערן מיט סייעתא דשמיא, צו דערפאלגרייך זיגן אין די בעפארשטיינדע וואלן, און ס'איז צום האפן אז אין די טעג ווען מיר בעטן זיך "פנה נא אל התלאות" זאל שוין די אידישע 'בלומינגראוו' ענדליך אויפגעראכטן ווערן צו א נייע גליקליכע צוקונפט, תחל שנה וברכותיה!

דעם דינסטאג סליחות: יעדע שטימע ציילט פאר א בעסערע בלומינגראוו בעז"ה!



# פינאנציעלע באריכטן:

## ארבייטסלאזיגקייט ראטע געפאלן 4'טן מאנאט נאכאנאנד אדאנק ווייטערדיגן דזשאבס וואוקס

דער מאנאטליכער דזשאבס באריכט פאר אויגוסט האט געוויזן אז די עקאנאמיע האט צוריק באקומען נאך 1.4 מיליאן דזשאבס אין אויגוסט, און אז די ארבייטסלאזיגקייט ראטע איז געפאלן צו 8.4 פראצענט. פון דעם זעט אויס, אז די עקאנאמישע ערהוילונג גייט ווייטער פאראויס, אפילו אויב די וואוקס ראטע האט זיך פארלאנגזאמט זינט אנהויב זומער.

עקאנאמיסטן האבן אין דורכשניט ערווארט א דזשאבס וואוקס פון 1.2 מיליאן, דערווייל איז צוגעקומען 1,370,000 דזשאבס, בעסער ווי ערווארט, נאר אויך דא איז אין חשבון 238,000 צייטווייליגע סענסוס ארבייטער און די וואס ארבייטן אין עדיוקעישאן, וואס אויב מ'נעמט זיי ארויס פון חשבון, איז שוין געווען אביסל א שוואכערער דזשאבס וואוקס. פרעזידענט טראמפ האט דאך ארויפגעריקט היי יאר די ענדע פונעם סענסוס צו סעפטעמבער 30, פון אקטאבער 31, וועלן אוועקפאלן די הונדערטער טויזנטער צייטווייליגע סענסוס דזשאבס, וואס דאס וועט זיך אפשפיגלען שפעטער אין די דזשאבס באריכטן.

עס איז צוגעקומען א מיליאן דזשאבס אין פריוואטע ביזנעס, וואס דאס איז שוואכער פון די 1.48 מיליאן וואס איז צוגעקומען אין יולי, אבער קוקנדיג ענדערש מיט אן אפטימיסטישן בליק אויף דעם בילד, האט מען ענדערש אויפגעשפילט די גרויסע רעדוקציע אין די ארבייטסלאזיגקייט ראטע פון 10.2 צו 8.4 פראצענט. עס איז דער 4'טער מאנאט נאכאנאנד וואס די ראטע פאלט זינט עס האט ארויפגעשאסן צו 14.7 פראצענט אין אפריל, ברענגט דאס אפטימיזם אויך אויף ווייטער.

קוקענדיג אויף איינצלהייטן פונעם אויגוסט באריכט זעט מען אז דער גרעסטער וואוקס איז געווען 344,000 ביי רעגירונג דזשאבס, אבער אין די חשבון איז אריינגערעכנט די צייטווייליגע סענסוס ארבייטער.

עס איז צוגעקומען 248,900 דזשאבס ביי ריטעיל האנדל, ווען מ'האט געלאזט עפענען די געשעפטן אין מערערע סטעיטס. עס איז אויך צוגעקומען 197,000 דזשאבס ביי פראפעסיאנאלע און ביזנעס סערוויסעס, וואס אויך דא איז ביהילפיג וואס מ'לאזט נאכאמאל עפענען אפיסעס. ביי פארוויילונג און האטעלן איז צוגעקומען 174,000 דזשאבס; ביי עדיוקעישאן און העלט סערוויסעס, 147,000; ביי טראנספראטאציע און ווערהאוזעס, 78,000; ביי פינאנציעלע אקטיוויטעטן, 36,000; פאבריקאציע, 29,000; בוי אקטיוויטעטן, 16,000; אינפארמאציע ביזנעסער, 15,000; האלסעיל האנדעל, 13,500; יוטיליטיס, 600 דזשאבס. עס איז אוועקגעפאלן 2,000 דזשאבס ביי די מינעס און האלץ האקן.

די לוין פער שעה איז אין דעם מאנאט געוואוקסן 4.7 פראצענט העכער פון פאר א יאר, אבער דער סטאטיסטיק קען נישט באטראכט ווערן ווי א ריכטיגע גוטע נייעס, ווייל עס איז צוגעקומען אין דורכשניט 11 סענט, צו $29.47 א שעה, נעמט דאס אין חשבון אז ביים אנהויב פונעם פאנדעמיק איז דיספראפארציאנאל אוועקגעפאלן מער פון די ביליגסטע דזשאבס, ממילא אויב מ'פארדינט איצט מער, דערקענט זיך דאס ענדערש ביי די גרעסערע פארדינער. די סארט סטאטיסטיקס צו פארגלייכן די לוין פארדינסטן צום פריערדיגן יאר וועט נישט טראגן די ריכטיגע ווערד ביז די עקאנאמיע וועט זיך מייסטענס ערהוילן. פאר'ן פאנדעמיק, איז די לוין וואוקס געלאפן ארום 3 פראצענט העכער פון א יאר פריער.

פארשטייט זיך, אז מ'קען אויך ביי דעם סטאטיסטיק "מאכן קונצן", ארויסברענגען פארשידענע פונקטן וואס ווייזט אז דער דזשאבס מצב איז נאך שוואכער ווי עס זעט אויס, וו.צ.ב.ש., די רעגירונג ארבייטער וואס שטעלן צוזאם די סטאטיסטיקס באקלאגן זיך שוין זינט'ן אנהויב פון דעם פאנדעמיק אז טייל מענטשן באצייכענען זיך בטעות אלס "עבסענט", וואס מיינט אז זיי פעלן פון זייער דזשאב, וואס מיינט די ריכטיגע קוואליפיקאציע אז זיי זענען נישט "ארבייטסלאז", און אויב יעדער וואלט יא ריכטיג באצייכענט דעם סטאטוס וואלט די ארבייטסלאזיגקייט ראטע געווען נאענטער צו 9 פראצענט, אבער קיינער באקלאגט זיך נישט מ'וויל ענדערש צושטעלן אן "אפטימיסטישן שפין", ברענגען בעסערע געפילן ביים פאלק, און אויך מער חיזוק אויב מ'זעט אז דער מצב ווערט בעסער אין אלגעמיין, האט מען דאך האפענונג אז די גוטע נייעס וועט אנקומען אויך צו די וואס זוכן נאך א דזשאב, ממילא איז אין אלעמענ'ס אינטערעסן מער אפטימיסטיש אויסצוטייטשן די סארט דזשאבס באריכטן.

פאקטיש זענען נאך פארהאן מיליאנען אמעריקאנער וואס זענען נישט צוריקגעגאנגען צו די ארבעט זינט דער פאנדעמיק קריזיס האט זיך אנגעהויבן. מ'זעט דאך דאס פון די וועכענטליכע באריכטן איבער די צאל אמעריקאנער וואס באקומען נאך אנעמפלאימענט בענעפיטן.

אויך האט דער אנהויב פונעם נייעם

### אויסלענדישע וואלוטע
פון ענדע פארגאנגענע וואך

| לאנד | וואלוטע | דאלאר ווערד פון פרעמדע וואלוטע | וואלוטע פאר א דאלאר |
|---|---|---|---|
| קאנאדא | דאלאר | 0.76 | 1.30 |
| יאפאן | יען | 0.009 | 106.24 |
| אייראפע | יורא | 1.18 | 0.84 |
| רוסלאנד | רובל | 0.01 | 75.36 |
| שווייץ | פראנק | 1.09 | 0.91 |
| ענגלאנד | פונט | 1.32 | 0.75 |
| מדינת ישראל | שקל | 0.29 | 3.37 |

### אנעמפלאימענט
בענעפיטן באריכט

| צאל נייע אפליקאנטן |
|---|
| איז געפאלן אין פ' כי תצא מיט 130,000 צו 881,000 |
| דער 4-וואכן דורכשניט איז געפאלן מיט 1,238,000 צו 13,254,000 |
| **צאל אנגייענדיגע בענעפיטן גניסער** |
| איז געפאלן אין פ' שופטים מיט 1,238,000 צו 13,254,000 |
| דער 4-וואכן דורכשניט איז געפאלן מיט 709,000 צו 14,496,000 |

**פאר פרישערע וואלוטע באריכטן, ביטע רופט: #5 718-852-4358**

| מארטגעדזש פראצענט ראטעס | 30 יאר | 15 יאר | 5 יאר | 1 יאר |
|---|---|---|---|---|
| פאריגע וואך | 2.93 | 2.42 | 2.93 | 2.93 |
| א וואך פריער | 2.91 | 2.46 | 2.91 | 2.91 |
| פאר א יאר | 3.49 | 3.00 | 3.30 | 3.30 |
| דורכשניטליכע פוינטס | 0.8 | 0.8 | 0.2 | 0.2 |

דאס זענען די נאציאנאלע דורכשניטליכע ראטעס פון ענדע פאריגע וואך. אין יעדע לאקאלע געגענט קענען די ראטעס זיין ביסל אנדערש

**דער פרייז פון: 10 יאר** טרעזשורי באנד 0.62 **פראצענט**

**30 יאר** טרעזשורי באנד 1.37 **פראצענט**

**דער פרייז פון: גאלד** איז געווען 1,933.70 **אן אונס**

**זילבער** איז געווען 27.05 **אן אונס**

## WINNING N.Y. LOTTO
Sept. 2: 10-13-17-39-52-58 (23)
Sept. 5: 2-19-21-27-36-54 (8)
Next Jackpot: **5.3 Million**

## POWERBALL
Sept. 2: 1-4-11-20-69 (18)
Sept. 5: 15-21-22-27-47 (7)
Next Jackpot: **75 Million**

## MEGA MILLIONS
Sept. 1: 15-25-26-38-47 (22)
Sept. 4: 19-22-24-28-53 (25)
Next Jackpot: **97 Million**

## ביזנעס פינאנץ

פון: מענדל קליין

שולע יאר געשאפן פרישע פראבלעמען פאר ביזנעסער, ווען א סאך עלטערן וואס האבן נישט קיין דעי קעיר מעגליכקייטן פאר זייערע קינדער, וועלן זיך איצט דארפן מער פלאגן ווען די גרעסערע קינדער וועלן שוין צוריקגיין אין די שולעס, און אויך וועלן עלטערן מוזן זיין אינדערהיים ארויסצוהעלפן פאר די קינדער מיט זייער "ווירטשועל" לערנען, וואס מיינט ווען זיי שטודירן טעלעפאניש אדער מיט קאמפיוטערס. בילדונג עקספערטן באטאנען אז עס איז נישט די זעלבע זאך ווען מ'לערנט אינדערהיים צי ווען מ'לערנט אין א שולע, ממילא וועט ליגן א גרעסערער עול אויף די עלטערן צו שטיין צוהילף פאר זייערע קינדער ווען זיי שטודירן פונדערהיים, איבערהויפט אפילו אויף בלויז צו האלטן אן אויג אז זיי זאלן נישט פארברענגען די צייט, וועט אויך דאס שאטן פאר א סאך מענטשן ווען זיי וועלן דארפן ארויסגיין זוכן ארבייט, און פון די אנדערע זייט וועלן זיי האבן דעם עול פון דעם הויז, פון בלייבן אינדערהיים מיט די קינדער. דאס איז באשטעטיגט געווארן דורך א נייע שטודיע פון פעדעראל רעזערוו, אז ביזנעסער באקלאגן זיך אז עס איז שווערער געווארן פאר זיי צו טרעפן ארבייטער צוליב דעם פראבלעם.

אויסערדעם, האבן מיר די וואכן געהערט פון פרישע גרויסע דזשאבס פארלוסטן, וו.צ.ב.ש., עטליכע עירליינס האבן שוין געווארענט אז זיי וועלן מוזן אוועקשיקן צענדליגער טויזנטער ארבייטער ווייל מענטשן פליען נישט, זיי האבן נישט קיין ביזנעס, און ווי לאנג די רעגירונג האט צוגעשטעלט מאסיווע הילף צו העלפן רעדוצירן די ריזיגע דעפיציטן, מוזן זיי אויספאלגן די באדינגונגען וואס קומט מיט דעם געלט, נישט אויפצוזאגן די ארבייטער, ווייטער צו פליען צו פארשידענע שטעט כאטש איינמאל אין טאג אפילו ווען די עראפלאנען זענען כמעט ליידיג, אבער אויב עס וועט נישט קומען פרישע ביליאנען פון די פעדעראלע קאסע, מוזן די עירליינס אוועקשיקן צענדליגער טויזנטער פילאטן און אנדערע ארבייטער און אויפהערן פליען צו די שטעט וואו זיי האבן נישט קיין ביזנעס, וואו עס לוינט זיי נישט אהין צו פליען.

די זעלבע איז אויך געווען ביי פארשידענע געמבלינג ריזארטן, וואס מ'האט נישט געלאזט אזוי שנעל עפענען אזעלכע פלעצער, צוליב די פארשטענדליכע קאוויד זארגן, ממילא מוזן זיי אוועקשיקן ארבייטער. אין אנדערע ווערטער, דער דזשאבס קריזיס איז נאכנישט פאראיבער.

מ'האט איצט אויך אביסל אויסגעבעסערט די באריכטן פאר די פריערדיגע מאנאטן, ווען דער דזשאבס וואוקס אין יוני איז געווען כמעט אומגעענדערט ביי 4,790,000, אבער יולי האט מען אביסל געשניטן צו 1,730,000.

**וויפיל מענטשן זענען באמת ארבייטסלאז?** דער רעגירונג באריכט פאר אויגוסט שטעלט פאר א ציפער פון 13,600,000. אויב מ'קוקט אבער אויף די אנעמפלאימענט בענעפיטן באריכטן, זעהט עס אויס צו זיין נאענטער צו 30 מיליאן.

אויך ווען מ'רעדט פון די ארבייטס־לאזיגקייט ראטע איז פארהאן א צווייטער ברייטערער חשבון וואס מ'באצייכנט אלס יו-6, וואס דאס נעמט אריין אין חשבון אויך מענטשן וואס האבן בלויז געקענט טרעפן פארט-טיים ארבייט און אויך די וואס האבן אויפגעהערט צו זוכן דזשאבס ווייל זיי זענען מיואש געווארן. דער ברייטערער סטאטיסטיק ווייזט אויף אן ארבייטס־לאזיגקייט ראטע פון 14.2 פראצענט אין אויגוסט, אין פארגלייך צו 16.5 פראצענט אין יולי, וואס אויך אויף דעם סטאטיסטיק איז דער דזשאבס מצב בעסער געווארן.

קוקנדיג אויפ'ן גרעסערן בילד, זעהט מען אז די אמעריקאנער עקאנאמיע איז ווייטער געוואקסן אין אויגוסט כאטש די $600 צוגאב אנעמפלאימענט בענעפיטן איז אפגעלאפן ענדע יולי, און אויך טראץ די באנייאונג פון דעם פאנדעמיק אין מערערע סטעיטס פון לאנד. מ'זעהט אויך א וואוקס אין קאנסומער אויסגאבן, ממילא זאגן איצט פאראויס די עקאנאמיסטן, מיט פארזיכטיגע באווארענונגען, אז דער וואוקס אין די עקאנאמיע וועט פארזעצן כאטש עס וועט זיין מער לאנגזאם ווי געוואונטשן. קיינער קען אבער נישט קלאר אויסרעכענען צי די עקאנאמיע וועט קענען אנהאלטן איר פאראויס מארטש, ווען מ'שטייט אונטער'ן וואלקן פון די מאסיווע פאנדעמיק טויטפאלן פון ארום 1,000 פאטאליטעטן א טאג, און מ'איז באזארגט איבער פרישע מאסיווע דזשאבס פארלוסטן וואס מיר האבן פריער דערמאנט די עירליינס אלס איין ביישפיל דערפון, אבער א סאך קלענערע ביזנעסער און אויך גרויסע געשעפטן זענען אונטער אן אקטועלן




האוזינג נייעס:

## גרעסערע צאל קאנטראקטן צו קויפן הייזער אונטערגעשריבן אין יולי

די צאל קאנטראקטן וואס מענטשן האבן אונטערגעשריבן צו קויפן א הויז איז געשטיגן אין יולי 5.9 פראצענט פון יוני, און עס האלט 15.5 פראצענט העכער פון פאר א יאר. עס איז דאס 3'טע מאנאט נאכאנאנד אין וואס עס שטייגט די צאל קאנטראקטן, וואס ווייזט אן אויסטערלישע שטארקע ערהוילונג אינעם האוזינג מארקעט.

דער סטאטיסטיק מעסט דעם פארקויף פון אלטע הייזער, וואס עס דויערט געווענליך א חודש אדער צוויי נאכ'ן אונטערגעשרייבן דעם קאנטראקט ביז אלעס ווערט ערלעדיגט צו "קלאוזינג".

מ'האט געזען א וואוקס אין אלע טיילן פון לאנד, און דאס בעסטע איז געווען אין די צפון-מזרח סטעיטס. דער פארלאנג פאר הייזער איז איצט אזוי שטארק, אז די פראפערטיס ווערן זייער שנעל פארקויפט. איין ריעל עסטעיט עקאנאמיסט האט געזאגט אז פאר יעדע 10 נייע "ליסטינג" וואס קומט אריין, וואס מיינט הייזער וואס מ'שטעלט ארויס צום פארקויפן, שרייבט מען אונטער 9 קאנטראקטן.

דער נאציאנאלער פאראיין פון ריעל עסטעיט בראקערס האט נאכאמאל פארבעסערט אירע שאצונגען אויפ'ן הייזער פארקויף אין 20', אז דער פארקויף פון אלטע הייזער וועט שטייגן צו א יערליכע ראטע פון 5.8 מיליאן אין די צווייטע העלפט פון 20', וואס אויב דאס וועט טאקע דערגרייכט ווערן, וועט עס ברענגען א ראטע פון 5.4 מיליאן פאר'ן גאנצן קאלענדאר יאר, וואס איז 1 פראצענט מער ווי אין 19'. ענדע יוני, האט די ארגאניזאציע געשאצט אז דער פארקויף פון הייזער וועט פאלן אין 20' פון 19', צוליב דעם פאנדעמיק, דערווייל האט מען אין דעם מאנאט געזען א שטארקערן וואוקס אינעם הייזער פארקויף ווי ערווארט, און די עקספערטן האלטן אז דאס וועט אנהאלטן אויך אין די קומענדיגע מאנאטן.

עס איז אבער דא איין זאך וואס וועט נישט לאזן דעם הייזער פארקויף שאפן א נייעם רעקארד, נעמליך, אינווענטארי. די צאל הייזער וואס שטייען צום פארקויפן איז זייער נידריג, פון א היסטארישן שטאנדפונקט, און מ'קען נישט קויפן עפעס וואס שטייט נישט צום פארקויפן. סיידן מער מענטשן וועלן ארויסלייגן זייערע הייזער אויפ'ן מארקעט צו פארקויפן, וועט דאס זיין א צוריקהאלטן אויף ווי ווייט עס קען שטייגן דער הייזער פארקויף אין די קומענדיגע מאנאטן.

* * *



# פינאנציעלע באריכטן:

געפאר פון באנקראט. פראמינענטע געשעפטן אזוי ווי "לארד ענד טעילאר" האבן געמאלדן אז זיי מוזן זיך שליסן, וועט עס ברענגען א פרישע כוואליע פון ארבייטסלאזע.

צו דעם שאדט אויך די אויסטערלישע שארף-צעטיילטע פאליטישע פירערשאפט אין וואשינגטאן און איינע פון די ערגסטע פרעזידענט וואל קאמפיינס אין די היסטאריע, וואס צוליב דעם גראבט עס אונטער א סיסטעמאטישע עקאנאמישע ערהוילונג, און אויב מ'מוז נעמען פאליטיק אין חשבון, קען דאס נאך ערגער ווערן אין די קומענדיגע פאר וואכן ווען ביידע זייטן, די רעפובליקאנער און די דעמאקראטן, ווילן מורא האבן עפעס נאכצוגעבן וואס זאל מאכן די "אנדערע זייט" אויסזעהן בעסער, סיידן ווען עס וועט קומען א מאסיווע פארלאנג פונעם אמעריקאנער פאלק - וואס וועט זיך דערקענען אין די קומענדיגע אנקעטעס - אז מ'זאל אויפהערן שפילן פאליטיק מיט די פרנסות פונעם אמעריקאנער פאלק, און מ'זאל דורכפירן א פרישן מאסיווען הילף פראגראם אז די עקאנאמישע ערהוילונג זאל קענען פארזעצן אויפ'ן בעסטן שטייגער.

* * *

## וואלמארט וועט קאנקורירן מיט עמאזאן-פריים

וואלמארט וועט אנהויבן סעפטעמבער 15 א נייעם נאציאנאלן פראגראם אונטער וואס מען וועט קענען ווערן א מיטגליד פאר $12.95 א חודש אדער $98 א יאר, צו באקומען פרייע ליפערונגען אויף איבער 160,000 זאכן וואס וואלמארט פארקויפט, פון גראסעריס ביז שפילצייג אדער עלעקטראנישע פראדוקטן. מען וועט עס ליפערן נאך אין זעלבן טאג, אבער עס קומט מיט א מינימום באשטעלונג פון $35. דאס וועט קאנקורירן מיט דעם פאפולערן עמאזאן פריים פראגראם וואס קאסט $119 א יאר, און מען באקומט די ליפערונגען פון די פראדוקטן אומזיסט, אויפצומארגנס.

די וואלמארט מיטגלידער וועלן אויך באקומען הנחות אויף ביז 5 פראצענט פער גאלאן ווען זיי וועלן איינקויפן גאזאלין ביי וואלמארט אדער ביי מורפי גאז סטאנציעס. זיי וועלן אויך קענען נוצן דעם וואלמארט עפפ צו באצאלן ווען זיי קויפן איין, אז זיי זאלן נישט דארפן גיין אין די רייע ביים "קעשיר" אזוי ווי אנדערע קונדן.

די אלע בענעפיטן קומען אין צוגאב צו די איצטיגע בענעפיטן פאר וואלמארט קונדן, אזוי ווי אפנעמען די זאכן ביים צופארן צום וואלמארט און מען ברענגט עס ארויס צו די קאר, אדער די ליפערונגען אויפצומארגנס אדער צוויי טעג לויט די פראדוקטן וואס מען קויפט. וואלמארט וועט מעלדן נאך פארשידענע בענעפיטן פאר איר נייעם פראגראם, און עס קומט מיט א 15 טאג פרייע פראבע.

מען האט שוין ערווארט א געוויסע צייט אז וואלמארט זאל אויף עפעס א וועג קאנקורירן מיט עמאזאן, נישט לאזן עמאזאן דאמינירן, און וואקסן מיט איר דאמינירונג, און איצט איז געקומען דער ענטפער פון וואלמארט, ווען וואלמארט וועלכע איז א ריזיגע אנליין פירמע אפילו אן דעם נייעם פראגראם. דורכאויס דעם פאנדעמיק האט וואלמארט שטארק גענאסן פון די אינטערנעט באשטעלונגען, זייענדיג א ביזנעס וואס איז געווען שטענדיג "אפען" דורכ'ן אינטערנעט. ביים פאנדעמיק האבן מענטשן גאר שטארק איינגעקויפט ביי וואלמארט די נויטיגע לעבנס פראדוקטן , צו פארזיכערן אז מען וועט האבן גענוג פון אלעם וואס מען דארף האבן אין שטוב.

* * *

## סערוויסעס אינדעקס שוואכער געווען אין אויגוסט ווי אין יולי

אין אמעריקע, מעסט מען די עקאנאמיע אין 2 קאטעגאריעס. מ'גיט ארויס אן אינדעקס וואס מעסט די אקטיוויטעט אין די פאבריקאציע טייל פון די עקאנאמיע, וואס אמאל איז דאך אמעריקע געווען די אינדוסטריאלע גרויסמאכט אין די וועלט, אבער מער לעצטענס, איז שוין צענדליגער יארן וואס אמעריקאנער ביזנעסלייט קענען באקומען ביליגער די פראדוקטן ווען זיי ווערן פראדוצירט אין לענדער וואו די ארבייטער קאסטן זענען ווינציגער, איז א גרויסער טייל פון די אמעריקאנער עקאנאמיע אריבערגעגאנגען צו סערוויסעס, וואס מיינט אפיס ארבעט, א.ד.ג. אדער באס דרייווערס, בעלי מלאכה, נישט ארבייטער אין פאבריקן.

פאריגע וואך איז געקומען דער סערוויסעס אינדעקס באריכט פאר אויגוסט, וואס אין דעם גייט אויך אריין די ריטעיל געשעפטן, עירליינס, בענק, א.ד.ג., און דער אינדעקס איז געפאלן צו 56.9 פראצענט פון 58.1 פראצענט אין יולי. עס איז געפאלן, אזוי ווי ערווארט, און ווי לאנג עס האלט העכער 50 פראצענט ווייזט דאס אז רוב ביזנעסער האבן געמאלדן אז זיי האבן אין דעם מאנאט געהאט מער אקטיוויטעט ווי אין פריערדיגן מאנאט, פונדעסטוועגן וואלט מען מער צופרידן געווען אויב עס וואלט ווייטער געשטיגן אין אויגוסט אדער כאטש נישט צוריקגעפאלן.

מיט דעם אלעם קען מען זיך נישט באקלאגן, ווייל קוקענדיג אויף די היסטאריע, שטייט דאס גאנץ הויך, אבער נישט ווייל אמעריקע שטייט איצט אזוי גוט, נאר ווייל די פראגע וואס מ'פרעגט איז, צי ביזנעס איז איצט בעסער אדער ערגער ווי אין פריערדיגן מאנאט, מ'פרעגט נישט און מ'הערט נישט מיט וויפיל עס איז בעסער אדער ערגער, און כאטש די עקאנאמיע איז נאך אלץ היבש שוואכער ווי עס האט געהאלטן פאר'ן פאנדעמיק, פילע מיליאנען אמעריקאנער שטייען נאך אן ארבעט, דער קאנגרעס קען זיך נישט אייניגן איבער פרישע פינאנציעלע הילף, און זייער א סאך אינדוסטריעס זענען ממש ווי א שאטן פון דעם וואס זיי פלעגן זיין, וו.צ.ב.ש., די עירליינס, טוריזם און פארוויילונג, ממילא, אפילו אויב דער אינדעקס ווייזט איצט אז עס איז בעסער ווי אין פריערדיגן מאנאט, איז נאך אלץ גאנץ גרויסע צרות אין אמעריקע, רעדענדיג פון די עקאנאמישע אקטיוויטעט.

צוריקקומענדיג צום איצטיגן באריכט, האט דער הויפט אינדעקס אין זיך אויך 2 אינדעקסעס אויף מער ספעציפישע טיילן פון די עקאנאמיע. דער אינדעקס וואס מעסט נייע באשטעלונגען איז געפאלן פון 67.7 צו 56.8 פראצענט, און דער פראדוקציע אינדעקס איז געפאלן פון 67.2 צו 62.4 פראצענט. די דזשאבס שטאפלען סטאביליזירן זיך ווייטער נאכדעם ווי מ'האט אוועקגעשיקט צייטווייליג אדער פערמענאנט אזוי פיל מאסן מענטשן אין די פריערדיגע חדשים. דער דזשאבס אינדעקס איז געשטיגן פון 42.1 צו 47.9 פראצענט, דער העכסטער שטאפל זינט דער פאנדעמיק האט זיך אנגעהויבן אין מערץ, אבער עס האלט נאך אלץ אונטער 50 פראצענט, וואס מיינט אז רוב ביזנעסלייט האבן געמאלדן אז זיי האבן איצט געהאט ווינציגער דזשאבס ווי אין פריערדיגן מאנאט, וואס דאס איז נישט אזא גוטע נייעס.

דער באריכט אדרעסירט זיך צו ביזנעס אקטיוויטעט אין אויגוסט, וואס מיינט אז מ'האט אויסגעפרעגט די ביזנעסלייט עטליכע וואכן צוריק. זינט דאן האט מען שוין געהערט פרישע צרות ביי א צאל גרויסע פירמעס וועלכע האבן געמאלדן אז זיי וועלן מוזן אוועקשיקן צענדליגער טויזנטער ארבייטער, צווישן זיי אמעריקען עירליינס, יונייטעד עירליינס, און "עם. דזשי. עם. ריזארטס". אויב ביזנעס האבן נאכנישט אויפגעלעבט, און זיי באקומען נישט קיין פרישע הילף פון וואשינגטאן, מוזן זיי שניידן זייער פעיראל, און נאכמער, זיי ווארענען אפען אז אן רעגירונג הילף וועלן טייל פון די וואס מ'האט צייטווייליג אוועקגעשיקט ווערן פערמענאנט אויפגעזאגט, סיידן עס וועט קומען רעגירונג הילף אדער א שנעלערע שטארקערע עקאנאמישע ערהוילונג, וואס אויף דעם קען מען נישט מאמענטאל רעכענען, ווען מ'זעט ווי דער קאוויד ווייררוס וויל נישט נאכלאזן.

ביי דעם פאבריקאציע אינדעקס וואס מיר האבן שוין פאריגע וואך באריכטעט האט מען אויך געזען אז די ביזנעסער יאגן זיך נישט אויפצונעמען מער ארבייטער, צוליב די אומזיכערקייט פונעם עקאנאמישן מצב.

מ'שאצט אז ארום 80 פראצענט פון אלע אמעריקאנער ארבעטן איצט אין א סערוויס דזשאב, וואס מיינט אז זיי שטעלן צו א סערוויס פאר אנדערע מענטשן, אנשטאט צו פראדוצירן א פראדוקט. (א ביישפיל: ווען איר קויפט ברויט אין די בעקעריי, איז דער בעקער וואס האט "געמאכט" דאס ברויט אין די פאבריצירער קאטעגאריע, און דער פארקויפער, אין די סערוויס קאטעגאריע.)

די סערוויס זייט פון די עקאנאמיע פלאגט זיך מער ווי די פאבריקאציע זייט צוריקצוכאפן זיך, און עס זעט נישט אויס אז מ'וועט אזוי שנעל צוריקקומען צו די שטאפלען פון א האלב יאר צוריק. צענדליגער מיליאנען אמעריקאנער ארבעטן נאך אלץ פונדערהיים, און ווען מ'קען שטייט מען אוועק פון גיין אין ריטעיל געשעפטן אויב מ'קען באשטעלן זאכן דורכ'ן אינטערנעט. א סאך מענטשן האבן מורא צו נוצן "פאבליק טראנסיט", די רעסטוראנטן הינקען אויך אונטער אפילו וואו מ'לאזט זיי שוין עפענען. זייער ווייניג מענטשן פליען סיידן אויב מ'קען דאס נישט פארמיידן. האטעלן זענען היבש ליידיג און מ'לייגט אפילו אפ אפעראציעס וואס מוזן נישט שוין דורכגעפירט ווערן.

ביז רוב אמעריקאנער וועלן זיך נאכאמאל שפירן רואיג און פארזיכערט, וועלן די אינדוסטריעס זיך ווייטער פלאגן, און דאס זעלבע קען אויך געזאגט ווערן אויף די גאנצע אמעריקאנער עקאנאמיע. ווען עס וועט שוין זיין פארשריט, וועט עס ווארשיינליך גיין זייער לאנגזאם, ווי מ'נעמט ארויס פון די ענטפערס פון די וואס זענען אויסגעפרעגט געווארן, אז מ'איז נאך אלץ באזארגט איבער'ן פאנדעמיק, כאטש מ'איז מייסטענס אפטימיסטיש איבער די ביזנעס אומשטענדן און די עקאנאמיע, ווען די ביזנעסער עפענען זיך ווייטער.

ביזנעס פינאנץ

פון: מענדל קליין

# קאנסומער סענטימענטן בלויז אביסל פארבעסערט אין אויגוסט

דער אינדעקס פון קאנסומער סענטי־מענטן איז געשטיגן ענדע אויגוסט צו 74.1 פון 72.5 אין יולי. אנהויב אויגוסט, ווען מ'האט פארעפענטליכט א שטודיע וואס איז געבויט אויף א קלענערן צאל באטייליגטע, איז דער אינדעקס געווען ביי 72.8, איז עס אביסל געשטיגן אין די פאר וואכן זינט דאן, אבער מ'זעט נאך אלץ אז דאס פאלק איז שטארק פעסימיסטיש איבער ווי לאנג עס וועט דויערן צוריקצוקומען צו א נארמאלן מצב.

אין אפריל איז דער אינדעקס געפאלן ביז 71.8, בלויז 2 מאנאטן נאכדעם ווי עס איז אנגעקומען ביז 101, דאס העכסטע אין כמעט 2 יאר. אויב עס האלט איצט ביי בלויז 74.1, איז דאס נאך זייער נאענט צו די נידריגסטע פונקטן פון אפריל, און די שוואכקייט ווערט צוגעשריבן צו די באנייאונג פון די קאוויד פאלן אין די זומער מאנאטן, וואס דאס האט אראפגעקלאפט דעם גייסט פון די אמעריקאנער אין יולי, פונקט ווען מ'האט שוין אנגעהויבן ווערן מער אפטימיסטיש.

אן אינדעקס וואס מעסט די געפילן איבער די איצטיגע אומשטענדן איז געשטיגן צו 82.9 פון 82.5 עטליכע וואכן פריער, אין אנהויב פון מאנאט. אן אינדעקס וואס מעסט די ערווארטונגען, ווי אזוי מ'האלט אז דער מצב וועט אויסזען אין די קומענדיגע 6 מאנאטן איז אביסל בעסער געשטיגן צו 68.5 פון 66.5 אנהויב אויגוסט, און 65.9 ענדע יולי.

מיט דעם אלעם, האלטן רוב אמעריקאנער אז עס וועט נאך דויערן יארן ביז די עקאנאמיע וועט צוריקגיין צו דעם נארמאלן מצב פון פאר דעם פענדאמיק. כאטש העלפט ערווארטן טאקע א פארבעסערטע עקאנאמיע, האבן אבער 62 פראצענט געהאלטן אז דער אלגעמיינער מצב אין די עקאנאמיע קען אמבעסטן געשילדערט ווערן ווי אומגינסטיג. אזוי פעסימיסטיש איז מען נאך איצט איבער דעם עקאנאמישן מצב אין לאנד.

דער אינדעקס טראגט זייער א גרויס געוויכט ביי די עקאנאמיסטן, ווייל וויפיל קאנפידענץ דאס פאלק האט אין די עקאנאמיע און אין זייער אייגענעם פינאנציעלן מצב, האט זייער א גוטן רעקארד פון פאראויסזאגן דעם צוקונפט. אויב עס האלט נאך אלץ אן אזא נידריגער שטאפל אין די סענטימענטן, איז דאס א צייכן אז עס ווארט נאך שוועריקייטן פאר די אמעריקאנער עקאנאמישע ערהוילונג, און מ'איז בארעכטיגט צו זיין באזארגט ווען מ'זעט ווי די ארבייטסלאזיגקייט ראטע שטייט נאך אלץ זייער הויך, מ'שיקט נאך אלץ אוועק א סאך ארבייטער, וואס דער סטאטיסטיק האט נאכאמאל אנגעהויבן צו שטייגן לעצטענס, און מ'זעט אויך ווי אין וואשינגטאן איז מען ביטער צעטיילט איבער ווייטערדיגע הילף וואס מ'זאל צושטעלן פאר די עקאנאמיע.

* * *

# אמעריקאנער פאבריקאציע געשטיגן 4'טער מאנאט נאכאנאנד

דער נאציאנאלער פאבריקאציע אינדעקס איז געשטיגן צו 56 פראצענט אין אויגוסט פון 54.2 אין יולי, דער 4'טער מאנאט נאכאנאנד וואס דער אינדעקס שטייגט נאכדעם ווי עס האט אזוי שטארק געקראכט ווען אמעריקע האט זיך "געשלאסן" צוליב'ן פאנדעמיק און דער אינדעקס איז געפאלן אין אפריל ביז 41.5 פראצענט, דאס נידריגסטע אין 11 יאר, גייענדיג צוריק ביז צו די "גרויסע רעסעסיע". זינט דאן שטייגט דער אינדעקס צוביסלעך, ברענגענדיג אפטימיזם אז די עקאנאמישע ערהוילונג וועט ווייטער אנהאלטן.

(ביי דעם אינדעקס, ווען עס איז העכער 50 פראצענט, ווייזט דאס אז רוב ביזנעסער האבן געמאלדן אז זיי האבן געהאט מער ביזנעס אקטיוויטעט ווי אין פריערדיגן מאנאט.)

פונדעסטוועגן זעט מען אז די ביזנעסער ברענגען נאכנישט צוריק צופיל ארבייטער, אויך זוכן זיי נישט צו פארגרעסערן זייערע אינוועסטמענטס, ווייל דער פאנדעמיק ווארפט נאך אלץ א שרעקעדיגן שאטן אויף די עקאנאמיע.

כאטש דער אינדעקס איז איצט געשטיגן צום העכסטן פונקט אין 21 מאנאטן, זעט מען אבער אז די ביזנעסלייט שטייען נאכנישט אזוי גוט ווי 2 יאר צוריק. (ביז'ן זומער פון '18, איז דער אינדעקס געשטאנען רוב מאל העכער 60 פראצענט.) די הויפט פראגע פון דעם אינדעקס צו די ביזנעסלייט איז געווען צי זיי האלטן איצט בעסער אדער ערגער ווי אין פריערדיגן מאנאט, אבער מ'פרעגט נישט מער גענוי וויפיל בעסער אדער וויפיל ערגער, ממילא טייטשט מען אויס די ענטפערס אויף די אנדערע פראגעס ארויסצובאקומען א קלארערן בילד איבער'ן ריכטיגן מצב פון די עקאנאמיע.

רוב פראדוצירן איצט ווינציגער פראדוקטן, מיט ווינציגער ארבייטער, ווי פאר'ן פאנדעמיק. אויב מ'קען האבן מער ביזנעס מיט ווינציגער ארבייטער, איז דאס נישט אזא גוטער צייכן פאר'ן צוקונפט, פאר די מיליאנען אמעריקאנער וואס זענען נאך ארבייטסלאז.

דער אינדעקס פון נייע באשטעלונגען איז געשטיגן פון 61.5 צו 67.6 פראצענט, דערגרייכענדיג דעם העכסטן שטאפל זינט '04. פונדעסטוועגן זעט מען פון אנדערע צייכענס אז די אקטועלע פראדוקציע שטייט נאך איצט ארום 5 פראצענט נידריגער פון די פריערדיגע הויכע שטאפלען, כאטש דער פראדוקציע אינדעקס איז אויך געשטיגן פון 62.1 צו 63.3 פראצענט.

דער פארזיצער פון די שטודיע האט אנאליזירט, אז די ביזנעסלייט זענען אין אלגעמיין אפטימיסטיש, אבער אביסל ווינציגער ווי אין יולי. עס איז פארשטענדליך, ווייל דער פאנדעמיק האט דאך אויפגעלעבט אין די זומער מאנאטן.

דער דזשאבס אינדעקס איז געשטיגן אביסל צו 46.4 פראצענט, אבער אזוי ווי עס שטייט נאך אלץ אונטער 50 פראצענט, ווייזט דאס אז רוב ביזנעסער האבן נאך איצט געהאט ווינציגער ארבייטער ווי אין פריערדיגן מאנאט. ביזנעסלייט האבן געשניטן די שעה'ן און די ארבייטער שטאפלען צוליב א שוואכערן פארלאנג פאר זייערע פראדוקטן סיי אין אמעריקע און אויך אין אויסלאנד.

אין אלגעמיין קען מען אבער אויסטייטשן אפטימיסטיש דעם באריכט, ווייל 15 פון די 18 אינדוסטריעס וואס זענען אין די שטודיע האבן זיך פארבעסערט אין אויגוסט, וואס אין יולי האבן 13 פון די אינדוסטריעס געוויזן א פארבעסערונג.

מ'שטעלט צוזאמען דעם נאציאנאלן אינדעקס דורך אויספרעגן די באאמטע וואס באשטעלן די רויע מאטעריאל און אנדערע נויטיגע זאכן פאר זייערע פירמעס. דער אינדעקס שטייגט אדער פאלט לויט ווי די עקאנאמיע גייט. פון דעם גוטן אינדעקס באריכט זעט מען אז ביי די פאבריקן גייט איצט גאנץ גוט, בעסער ווי ביי די אנדערע טיילן פון די עקאנאמיע, און דאס העלפט פירן די עקאנאמישע ערהוילונג. די שלעכטע נייעס איז אבער, אז די ביזנעסלייט שפירן זיך נאכנישט גענוג פארזיכערט אז זיי זאלן צוריקברענגען מער ארבייטער, אדער צו בארעכטיגן פרישע אינוועסטמענטס. א סאך וועלן זיך צוריקהאלטן פון אינוועסטמענטס ביז'ן קומענדיגן האלבן יאר אויף א מינימום, און עקאנאמיסטן ווארענען אז אזא פארזיכטיגקייט קען צוריקהאלטן א שטארקערע עקאנאמישע ערהוילונג, ממילא וועט זיך די עקאנאמיע נישט קענען פיל שטארקער פארבעסערן פאר'ן ענדע פון '20.

* * *

SCHUBIN & ISAACS
Attorneys at Law
Offices In Manhattan, Monsey and Brooklyn
- מיר פארזארגן -
• COURT & ATTORNEY GENERAL APPROVAL TO SELL AND REFINANCE
• BANK & GOVERNMENT COMPLIANCE PROBLEMS AND NEEDS
• I.R.S. 501(c)(3) (FEDERAL), REAL ESTATE & SALES TAX EXEMPTIONS
• NON-PROFIT & RELIGIOUS CORPORATIONS - CREATION, DISSOLUTION & OPERATIONAL
• REAL ESTATE CLOSINGS - COMMERCIAL & RESIDENTIAL און אלע ערליי קלאזינגס
געדענקט! מיר רעדן א היימישן אידיש און מיר באהאנדלען די ספעציעלע געברויכן פון חרדישן עולם
The successor law firm of BENJAMIN ISAACS, ESQ
Serving the community for over 85 years
Call us if you want reliability & experience
718-377-4938



## וואל סטריט:

# טעכנאלאגיע סטאקס קענען אויך אראפשלעפן דעם סטאק מארקעט

"טעכנאלאגיע" איז א באגריף וואס יעדער פארשטייט אנדערש. פאר'ן איצטיגן אנאליז וועלן מיר אייך פארשטעלן עפעס מיט וואס כמעט יעדער באגעגנט זיך גאנץ אפט, נעמליך אן עלעוועיטאר. דאס איז אויך א טעכנאלאגישע אנטוויקלונג פון וואס די מענטשהייט געניסט, און פונקט ווי אן עלעוועיטאר קען גיין ארויף, קען עס אויך גיין אראפ. דאס איז דער בעסטער ביישפיל ווען מ'רעדט פון דעם איצטיגן סטאק מארקעט, ווען מ'האט זיך געוואונדערט, מ'האט פשוט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי די טעכנאלאגיע סטאקס האלטן אין איין שטייגן, זיי האבן זיך ממש געדאפעלט זינט דעם פאנדעמיק, אבער מ'האט זיך נישט באקלאגט ווייל דאס האט אויך מיטגעשלעפט דעם גאנצן סטאק מארקעט, נאר ווי מיר האבן פריער דערמאנט אז אן עלעוועיטאר גייט אין ביידע ריכטונגן ארויף און אראפ, האט "וואל סטריט" די טעג געשפירט דעם טעג פון דעם וועג אראפ אויפ'ן סטאק מארקעט, אונטערגעשמירט דורך די טעכנאלאגיע סטאקס.

פאר'ן אריינגיין אין א מער אויספירליכן אנאליז, וועלן מיר נוצן אלס א ביישפיל דעם סטאק מארקעט פון די וואך דינסטאג, ווען דער נעסדעק אינדעקס, וואס מעסט אין א גרעסערע מאס די טעכנאלאגיע סטאקס, איז געפאלן איבער 4 פראצענט, דער "עס. ענד פי. 500" און דער דאו דזשאונס זענען ביידע געפאלן ווינציגער פון 3 פראצענט.

מ'האט שוין פאריגע וואך, אין די צווייטע העלפט פון די וואך, אנגעהויבן זען אז עס איז צרות, גרויסע צרות אויפ'ן סטאק מארקעט, איבערהויפט פאר די טעכנאלאגיע סטאקס. דאנערשטאג און פרייטאג איז דער סטאק מארקעט אזוי שטארק געפאלן אז עס האט אפגעווישט 1.7 טריליאן דאלארן פון די ווערד פון אלע אמעריקאנער סטאקס. דאס קלינגט ווי זייער א פאנטאסטישער ציפער, אבער אנאליסטן האבן באלד באוואיגט די מענטהייט אז מ'האט נאך אלץ געהאלטן 13.1 טריליאן דאלאר העכער פון מערץ 23, ווען דער פריערדיגער סטאק מארקעט קראך האט זיך געענדיגט און דער נייער בול מארקעט האט זיך אנגעהויבן. מ'האלט נאך אלץ איבער 55 פראצענט העכער פון דאן, און אויב מ'וויל צוריקקוקן ביז אנהויב 20', האט מען ענדע פאריגע וואך געהאלטן 6.3 פראצענט העכער, וואס איז 2.2 טריליאן דאלאר, ממילא איז נישט אזוי געפערליך אויב מ'האט א פאר שוואכע טעג.

מערערע עקאנאמיסטן האבן זיך שוין באקלאגט אז די סטראטעגיע פון "וואל סטריט", איבערהויפט פונעם פעדעראל רעזערוו מיט כמעט אינגאנצן אפשאפן די פראצענט ראטעס האט נישט אזוי פיל בייגעשטייערט צו ראטעווען דאס אלגעמיינע אמעריקאנער פאלק פון די פאנדעמיק ליידן ווי געבן מעגליכקייטן צו פארדינען אויפ'ן סטאק מארקעט, ממילא האבן א סאך מענטשן וואס זענען נישט מיטגעפארן מיט'ן סטאק מארקעט ווייל זיי האבן פשוט נישט געהאט קיין געלט

## "דאו דזשאונס" טשארט

דער דאו דזשאונס טשארט באשטעטיגט נאכאמאל אז מ'דארף זיך רעכענען מיט די ווארענונג וואס מ'זעט אויפ'ן אויבערשטן קליינעם טשארט, אז ווען עס שטייגט העכער 70, קומט געווענליך א שטיקל קארעקשאן.

די שוואכקייט אינעם סטאק מארקעט דאנערשטאג און פרייטאג איז געווען אזוי שטארק, עס איז געפאלן אזוי שנעל און אזוי שטארק, אז עס האט אראפגעשלעפט דעם קליינעם טשארט ביז 54.24, וואס פאר אפטימיסטן, איז דאס א צייכן אז מ'קען שוין פילייכט האפן אויף א פרישן ראלי, אז מ'האט שוין "יוצא געווען" דעם נויט פאר א קארעקשאן.

גראדע האט זיך דער קארעקשאן אפגעשטעלט ביי 28000, וואס דארט האט זיך דער אינדעקס געדרייט באלד 2 וואכן אין אויגוסט, האט עס געשאפן א שטיצע אונטערלאגע פאר דעם אינדעקס.

לויט'ן קליינעם טשארט פון אונטן, האבן מיר נאך אלץ זייער אן אומקלארן בילד, איבער'ן ווייטערדיגן גאנג פונעם סטאק מארקעט.




## "עס ענד פי 500" טשארט

דער "עס. ענד פי. 500" טשארט ווייזט אן ענליכע געשיכטע ווי דער דאו דזשאונס טשארט, כאטש ביי דעם ברייטערן סטאק מארקעט אינדעקס האט לענגער געדויערט אז עס זאל אנקומען דער קארעקשאן, ווי מ'זעט אז דער אויבערשטער קליינער טשארט האט זיך געדרייט העכער 70 איבער א וואך צייט ביז עס האט ענדליך געפלאצט.

עס קען זיין אז ביי דעם אינדעקס איז געקומען צוהילף די שטארקייט וואס מ'האט געזען אינעם קליינעם טשארט אונטן, וואס דארט שטייט דער קורץ-טערמיניגער דורכשניט העכער דעם לאנג-טערמיניגן דורכשניט שוין עטליכע וואכן, אפילו בלויז מיט א קלייניקייט וואס איז שווער אנצוזען.

דער קורץ-טערמיניגער דורכשניט אויפ'ן גרויסן טשארט האלט ביי ארום 3300, דארף דאס זיין אן אונטערלאגע אפצושטעלן א קארעקשאן אויב עס וועט ווייטער אנהאלטן די וואך.






# פון: דער שפאקולאנט

דערפאר, זיי דארפן שפארן א פאר דאלאר אז זיי זאלן האבן וואס איינצוקויפן עסן פאר די קינדער, געהאט א שטיקל נקמה ווען דער סטאק מארקעט פאלט אמאל און טאקע היבש. דאס איז נישט אינגאנצן א ריכטיגע אויפפאסונג, ווייל אויב עס איז צרות אויפ'ן סטאק מארקעט, שפיגעלט זיך דאס אויך אפ אין די אלגעמיינע ביזנעס אטמאספערע, אבער דאס איז א באזונדערע טעמע פאר זיך.

פאריגע וואך האט מען אנגעהויבן צו ערוועקן זיך צום פאקט אז "וואל סטריט" איז נישט א גאס ווי גייט בלויז אין איין ריכטונג, וויל דאס ווערטל גייט, וואס מיינט אז עס קען שטייגן און עס קען פאלן, און דאס איז טאקע וואס מ'האט צו ערווארטן.

די פראבלעמען מיט די טעכנאלאגיע סטאקס האט זיך שטארק אנגעזען ווען די אנפירער פון דעם סטענדערד ענד פור 500 אינדעקס האבן געמאכט עטליכע ענדערונגען, ארויסגעריקט אלטע סטאקס וואס זענען שוין קלענער געווארן און זיי האלטן אז עס שפיגעלט שוין נישט אפ דעם סטאק מארקעט און האבן אריינגעריקט אנדערע נייע סטאקס, אבער זיי האבן נישט אריינגעלייגט טעסלא אין דעם אינדעקס, כאטש טעסלא האט שוין ענדליך געמאלדן פארדינסטן אין צווייטן קווארטאל פון '20.

מיטוואך איז נאך געווען זייער גוט אויפ'ן סטאק מארקעט, די אינדעקסעס זענען ארויפגעגאנגען צו פרישע רעקארדס. דער דאו דזשאונס איז געשטיגן 454 פונקטן, צו 29100, אדאנק שטארקייט אין "איי. בי. עם." און קאקא קאלא.




דער "עס. ענד פי. 500" איז געשטיגן 54 פונקטן צו 3580 און דער נעסדעק איז געשטיגן 116 פונקטן צו 12056.

ביי די טעכנאלאגיע סטאקס האט מען שוין געזען "נעמען פראפיטן" ביי עפעל און טעסלא, וואס די 2 סטאקס זענען שטארק געשטיגן נאכדעם ווי זיי האבן דורכגעפירט א סטאק ספליט. (ד.מ.. ווען דער פרייז פון א סטאק שטייגט שוין צו הויך, עס איז שווערער פאר דורכשניטליכע מענטשן צו קויפן און פארקויפן פאר אזעלכע הויכע פרייזן מאכט מען א "ספליט", מ'צעטיילט עס. א סטאק וואס האט געהאט א פרייז צ.ב.ש., פון $100, ווען איצט די שעירהאלדערס באקומען נאך איין שעיר פאר יעדן שעיר וואס זיי האבן שוין, ממילא איז דער פרייז פונעם שעיר געפאלן אויף העלפט און אנשטאט 1 שעיר איז ווערד $100, האט מען 2 שעירס פאר $50 פער שעיר. א נידריגע פרייז איז מער צום הארצן פאר א סאך אינוועסטירער, ממילא איז דאס א גוטער אנדייטער אז דער סטאק פרייז זאל שטייגן, ווי מ'האט טאקע געזען ביי טעסלא און עפעל.)

דער גוטער סטאק מארקעט איז אויך געווען אין רעאקציע צו דעם מאנאטליכען "בעידזש בוך" פון פעדעראל רעזערוו וואס האט געוויזן אז די אמעריקאנער עקאנאמיע איז געשטיגן אין אויגוסט אין די אמעריקאנער ראיאנען, אבער אין א גרויסן טייל פון לאנד איז געווען א שוואכערער וואוקס צוליב די פאנדעמיק זארגן.

מ'רעדט אויך ערנסטער פונעם פרעזידענט קאמפיין, ווען מ'האט מיטוואך געהערט אז ביידען האט אריינבאקומען א רעקארד 364.5 מיליאן דאלאר אין אויגוסט אין זיין קאמפיין קאסע, אינאיינעם מיט די דעמאקראטישע פארטיי קאסע, וואס ווייזט אז עס וועט קומען א "לעבעדיגער קאמפיין", מיט גענוג געלט צו פארשווענדן אויף רעקלאמעס.

אויל איז געפאלן $1.25 צו $41.51, ווען דער וועכענטליכער באריכט האט געוויזן א היבש קלענערן פארלאנג פאר אויל אין די פארלאפענע וואך. דאס האט געברענגט זארג אז די עקאנאמישע אויפוואכונג וועט אונטערהינקען צוליב די קאוויד אויפלעבונג.

גאלד איז מיטוואך געפאלן $34.20 צו $1,944.70.

דאנערשטאג איז שוין אבער געווען צרות אויפ'ן סטאק מארקעט, נאכדעם ווי דער מארקעט איז געשטיגן כמעט טאג נאך טאג צו נייע רעקארדס, האט דאס אלעס אפגעשטעלט ווען דער דאו דזשאונס האט געקראכט 807 פונקטן, 2.8 פראצענט, צו 28292. עס איז געווען דער ערגסטער טאג פאר דעם אינדעקס זינט יוני. עס איז אזוי שטארק געפאלן כאטש די צאל נייע אפליקאנטן פאר בער מארקעט איז געפאלן צו 881,000, היבש נידריגער ווי אין די פריערדיגע וואך, מ'איז אבער געווען פעסימיסטיש געשטימט ווען די הויפט טעכנאלאגיע סטאקס זענען אלע געפאלן וויניגסטענס 3 פראצענט.

דער "עס. ענד פי. 500" איז געפאלן 125 פונקטן, 3.5 פראצענט, צו 3455, אבער דאס ערגסטע איז געווען מיט'ן נעסדעק, וואס איז געפאלן 598 פונקטן, באלד 5 פראצענט צו 11458. עס איז געווען דער ערגסטער טאג פאר'ן נעסדעק זינט מערץ 16, וואס דאן איז דער סטאק מארקעט שרעקליך געפאלן יעדן טאג ביים אנהויב פון אמעריקאנער אפשליסונג, און פאר'ן "עס. ענד פי. 500" איז עס געווען דער ערגסטער טאג זינט יוני 11.

אויל איז געפאלן 14 סענט צו $41.37 צוליב זארג איבער א שוואכערע עקאנאמישע ערהוילונג, וואס מיינט א קלענערער פארלאנג פאר אויל.

גאלד איז געפאלן צום נידריגסטן פרייז אין א וואך, פארלירענדיג $6.90 צו $1,937.80.

פרייטאג האט זיך אויך אנגעהויבן מיט גרויס שוואכקייט, א פארזעצונג פון דאנערשטאג, איבערהויפט אז מ'האט געהאלטן פאר דעם לענגערן חגא וויקענד ווען אלעס איז געווען געשלאסן דעם מאנטאג. אין לויף פון טאג איז דער דאו

(פארזעצונג אויף זייט 55)

# "נעסדעק" טשארט

דער נעסדעק האט גאר שטארק געטראסקעט, אנקומענדיגע ביז צום קורץ-טערמיניגן דורכשניט ביי אונטער 11000, פאר דער קארעקשאן האט זיך אפגעשטעלט פרייטאג און דער אינדעקס האט זיך אביסל צוריקגעכאפט.

דער 11000 פונקט שטעלט צו שטארקע שטיצע פאר דעם אינדעקס נישט בלויז ווייל דער קורץ-טערמיניגער דורכשניט האלט דארט, ווי מיר האבן געזען זינט אפריל, אז ווען א קארעקשאן דערנענטערט זיך צו דעם דורכשניט, דרייט זיך אויס דער סטאק מארקעט און הויבט נאכאמאל אן צו שטייגן, נאר דער אינדעקס האט זיך געדרייט ביי ארום 11000 די ערשטע פאר וואכן אין אויגוסט, ווערט אויך דאס באטראכט ווי א שטיצע אונטערלאגע פאר דעם אינדעקס.

אלע אינדעקסעס זענען שטארק געפאלן דינסטאג, אבער דער נעסדעק האט זיך אפגעשטעלט ווען עס האט דערגרייכט צו דעם קורץ-טערמיניגן דורכשניט.

אויף דעם טשארט זעט מען אויך אז לויט'ן קליינעם טשארט פון אויבן איז שוין מעגליך געקומען די צייט פאר א שטיקל ראלי, ווייל עס איז צו שנעל צו שטארק געפאלן, נאר אויפ'ן אונטערשטן קליינעם טשארט איז יא דא א ווארענונג אז עס קומט נאך שווערע צייטן פאר דעם אינדעקס.






## געזונטהייט:

# קינדער און קאוויד-19

עלטערן ארבעטן זייער שווער פאר זייערע קינדער, מ'זארגט פאר זייער וואוילזיין פון גאנץ אנהויב ביז... ממש אומאויפהערליך. יעדער וויל נאר דאס בעסטע וואס איז מעגליך פאר די קינדער, און אוודאי וויל מען באשיצן די קינדער פון אלע פראבלעמען און מחלות, פארלייכטערן און באשיצן זיי פון די שוועריקייטן אין וואס מ'באגעגנט זיך אין לויף פונעם לעבענסגאנג. צוליב דעם קען מען פארשטיין די נאטורליכע זארג ווען עס קומט אונטער אזא מגיפה רח"ל וואס האט פארכאפט די וועלט א האלב יאר צוריק, און ווען עס הויבט זיך אן דאס נייע שולע יאר, איז עס געווארן א מער אקטועלע טעמע אין אמעריקע, ווען עס קאכט זיך אין פארשידענע שטעט צי מ'זאל עפענען די שולעס אדער נישט, און אויב יא, ווי אזוי קען מען זיך באווארענען אז די קינדער און די ערוואקסענע וואס ארבעטן אין די שולעס זאלן נישט קראנק ווערן.

ביי דעם קינדער פאנדעמיק איז געווען א טרייסט, אז געווענליך איז דאס נישט שעדליך געווען פאר קינדער. ביי יונגע קינדער און מענטשן איז דאס געווענליך דורכגעגאנגען אן קיין קאמפליקאציעס, פונדעסטוועגן איז מען געווען באזארגט ווען מ'האט געהערט אז מ'קען אנגעשטעקט ווערן פון דעם ווירוס און דאס ווייטער געבן פאר אנדערע פאר וועמען עס איז יא געווען שעדליך, און אפילו אין געוויסע פאלן פאטאל שעדליך, און דאס קינד אדער דער יונגער מענטש האט אפילו נישט געוואוסט אז ער האט געהאט דעם ווירוס, ווייל עס האט נישט ארויסגעברענגט קיין סימפטאמען צוליב די יוגענט!

די טעמע פון קאוויד ביי די יוגענט ווערט יא רעגלמעסיג באהאנדלט און באשריבן אין די פארשידענע צייטונגען און צייטשריפטן, ווייל אפילו אויב מ'ווייסט אז מ'וועט נישט צופיל אויפטאן, די יונגע וואס גלויבן נישט אז עפעס קען זיי שאטן לאכן זיך אויס אפילו ווען זיי הערן פון די פאלן ווען עס איז יא געווען שעדליך, ווייל זיי מאכן דאס אוועק אז יענער איז נישט געווען גענוג פארזיכטיג, אבער פאר מיר וועט גארנישט געשען, פונדעסטוועגן קענען די דאקטוירים, איבערהויפט פידיעטרישאנס, קינדער דאקטוירים, נישט איגנארירן זייער פליכט צו זארגן פאר'ן וואוילזיין פון די קינדער און די יוגענטליכע.

אין ענגלאנד פלאגט מען זיך איצט מיט אן אויפוואכונג פון קאוויד, און זונטאג האט ענגלאנד געהאט דעם גרעסטן צאל נייע באשטעטיגטע קאוויד פאלן זינט מאי 23. די בריטישע וויסנשאפטלער האבן געווארענט אז עס איז מעגליך אז ענגלאנד גייט איצט אריין אין א צייט פון א דיספראפארציאנאלן ריזיגן וואוקס און אויסשפרייטונג פון דעם ווירוס.

דער געזונטהייט סעקרעטאר מעט הענקאק האט פרובירט צו בארואיגן די געמיטער אז דער מצב איז נישט ארויס פון קאנטראל. ער האט אנגעוויזן אז רוב פון די פרישע פאלן זענען ביי די יונגערע מענטשן, איבערהויפט ביי די וואס זענען צווישן 17 און 21 יאר, וואס ביי זיי גייט עס דורך לייכטער, אין רוב פאלן, פונדעסטוועגן האט ער געווארענט אז אפילו די יונגע דארפן אויך אויפפאסן. ער האט דראמאטיש אויפגעפאדערט די יוגענט, "דו ווילסט נישט הרג'נען דיין באבע!"

רעדענדיג אויף די נאציאנאלע ראדיא האט הענקאק פרובירט צו שטופן דעם מעסעדזש אז יונגע מענטשן וועלן טאקע מעגליך נישט ווערן ערנסט קראנק, אבער זיי קענען דאס ווייטער געבן פאר זייערע עלטערע קרובים פאר וועמען דאס קען יא זיין געפערליך. די פראגע איז, האט ער ארויסגעברענגט, וויפיל ביסטו וויליג צו ריזיקירן די לעבענס פון דיר זעלבסט און פון אנדערע דורך פארלעצן די אפזונדערונג רעגולאציעס.

הרג'ע נישט דיין זיידע-באבע דורך כאפן דעם ווירוס און דערנאך דאס ווייטער געבן, און דו קענסט דאס ווייטער געבן פאר דו ווענסט האבן די מינדעסטע סימפטאמען.

ער האט אויך ארויסגעברענגט אז רוב פון די נייע פאלן קומט פון די וואס זענען אונטער 25 יאר, אין רייכערע געגענטער. מיר ווייסן דאך פון דעם "עשיר יענה עזות", אז אויב מ'איז רייך, רעדט מען זיך איין אז מ'ווייסט בעסער פון יעדן, און אפילו ווען עס טרעפט זיך אמאל - און דאס טרעפט זיך אפטער ווי מ'מיינט - אז אפילו ביי יונגערע מענטשן ענדיגט זיך עס זייער טראגיש, איז שוין אזוי די נאטור אז דער יצה"ר רעדט איין די אנדערע, נישט אפגעשראקן צו ווערן, נישט אים מיינט מען.

צוליב דעם האט דער מיניסטער הענקאק זיך ממש געבעטן ביי די יונגערע מענטשן אז זיי זאלן אויספאלגן די אפזונדערונג פארשריפטן, אז אויב זיי זענען נישט באזארגט פאר זיך זעלבסט, זאלן זיי כאטש רחמנות האבן אויף זייערע עלטערן און זיידע-באבע.

פאלגענד איז די פאראויסגעזאגטע

## "פאלען מאס"

### פאר די קומענדיגע טעג

(עס גייט ביז א מאקסימום פון 12. ווי העכער, אלץ שווערער פאר אלערגיע ליידענדע)




Predominant pollen: Ragweed, Grasses, Chenopods

אין ענגלאנד איז איינגעפירט אז די אפאזיציע פארטיי שטעלט אויך אויף א "שאטן קאבינעט", וואס מיינט אז זיי האבן אויך אזעלכע "מיניסטארן" וואס געבן זיך אפ און לאזן הערן מיינונגען אויף זאכן וואס וואלטן געווען אונטער זייער מיניסטעריום. דער אקטיוויטעטן געזונטהייט סעקרעטאר פון די ארבייטער פארטיי האט זיך אויך צוגעשטעלט צו הענקאק, מיט אויסדריקן טיפע זארג איבער דעם קאוויד וואוקס, אבער ער האט אוודאי נישט פארגעסן אז זיין אויפגאבע איז אויך צו "שפילן פאליטיק", האט ער פארלאנגט אז הענקאק זאל אויפקלערן אין פארלאמענט די טעסט דורכפאלן, ווען מ'הייסט געוויסע מענטשן צו רעזערווירן א טעסט, ווען זיי מוזן דרייוון ממש הונדערטער מייל צו דעם פלאץ וואו מ'גיט אזא טעסט.

א צאל וויסנשאפטלער האבן שוין פריער געזאגט אז דער גרעסערער צאל קאוויד פאלן אין אויגוסט קומט צוליב מער טעסטס אין די "הייסע פלעצער" וואו דער ווירוס בושעוועט, וואס ווי מער מען טעסט, אלץ מער קאוויד פאלן טרעפט מען, אבער די סטאטיסטיקס ווייזן אז מענטשן כאפן דעם ווירוס, און נישט בלויז ווייל מער מענטשן נעמען די טעסטס.

אינמיטן יולי, זענען 1.4 פראצענט פון די טעסטס צוריקגעקומען פאזיטיוו, דאס איז געשטיגן 6 וואכן שפעטער צו 2.3 פראצענט, א העכערונג פון 50 פראצענט, וואס ווייזט אז פאקטיש האבן יא מער מענטשן געכאפט דעם ווירוס, נאר די מעלה פון דעם גרעסערן צאל טעסטס איז, אז ווען מ'כאפט אויף קאוויד מענטשן קען מען זיי אפזונדערן ביז עס וועט אריבערגיין, אז זיי זאלן דאס נישט ווייטער געבן פאר אנדערע.

דער מעסעדזש גייט אבער זייער קלאר ארויס פאר אלע יונגערע מענטשן, אז אפילו אויב מ'האט א קלענערע ריזיקע צו שטארבן פון קאוויד, טרעפט זיך נאך אלץ זייער א סאך פאלן ווען עס ברענגט יא שווערע קאנסעקווענצן, און אויסערדעם זאל מען געדענקען אז מ'קען דאס איבערגעבן אויך פאר אנדערע מענטשן. הענקאק האט אפילו דערמאנט אז עס איז נאך פאראן יונגע מענטשן וואס זענען שוין 6 מאנאטן קראנק פון קאוויד אדער די נאכווייען, ממילא זאל מען נישט איגנארירן אז דאס איז א סכנה אויך פאר די יונגערע מענטשן.

די איצטיגע באהויפטונג אז ביי די רייכערע עלעמענטן איז שווערער געווארן דער מצב קומט נאכדעם ווי מ'הערט פון אנדערע סטאטיסטיקס אז דער מצב איז שווערער אין די ארעמערע געגענטער, ווארשיינליך ווייל דארט וואוינט מען מער צונויפגעשטופט, קען מען זיך שנעלער איבערנעמען דעם ווירוס.

אויב מ'ווארענט די יונגערע מענטשן איבער דעם קאוויד געפאר, ברענגט דאס אויך אויף די פראגע פון די קינדער, וואס זאל מען טאן זיי צו באשיצן, אדער דארף מען בכלל נישט אזוי באזארגט זיין ביי די קינדער?

א לענגערע באשרייבונג האט ארויסגעברענגט די זארגן פון א פידיעטרישאן אין דזשארדזשיע, א קינדער דאקטאר פאר וועמען עס איז שיער שלעכט געווען ווען זי האט געזען בילדער פון אן איבערגעפולטן קארידאר אין א היי סקול פול מיט סטודענטן אן מאסקעס. צוערשט האט זי נישט געוואוסט וואו דאס בילד איז געכאפט געווארן, אבער זי האט זיך

נאכגעפרעגט, און ווען זי האט געהערט אין וועלכע היי סקול דאס איז געווען, איז זי נאכמער צוטראגן געווארן, ווייל עס גייען אין די שולע אויך טייל פון אירע פאציענטן. "דאס זענען מיינע קינדער, דאס זענען די פאציענטן פאר וועמען איך זארג אזוי פיל יארן", איז זי אויפגעטרייסלט געווארן.

א קינדער דאקטאר האט נאך מער שוועריקייטן אין די איצטיגע אומשטענדן. מ'דארף צושטעלן א "פארזיכערט פלאץ" וואו אויפצונעמען פאציענטן, וואס קען זיין פון גאנץ נייע בעיביס ביז 18 יעריגע יוגענטליכע, און מ'דארף אויך פארזיכערן אז עס איז דא גענוג באשיצונג געצייגן, און נאכדעם ווען א דאקטאר באקוקט שוין א קינד דארף מען פעסטשטעלן צי דאס קינד וואס הוסט און עס טוט וויי אין האלדז און האט פיבער, צי דאס איז א געווענליכע פארקילונג, אדער גאר די פלו וואס הויבט שוין איצט אן דעם פרישן סעזאן, מ'קען אבער אויך נישט אוועקמאכן די מעגליכקייט אז דאס איז גאר קאוויד-19. פאר יעדע פון די 3 קאטעגאריעס, דארף גיין אן אנדערע סארט באהאנדלונג.

ביי דעם פריערדערמאנטן היי סקול בילד, האט מען אויסגעפונען אין די נאכפאלגענדע טעג אז 6 סטודענטן און 3 שולע ארבייטער האבן באקומען דעם ווירוס. די דאקטאר האט זיך מורא'דיג געזארגט אז דער סקול דיסטריקט האט נישט אויסגעפאלגט די פארלאנגטע זיכערהייט ווארענונגען, ווייל אין די קאונטי מוז מען נישט גיין מיט א מאסק. די שולעס זאגן אויך אז זיי קענען נישט פארלאנגען אפזונדערונג, ווייל די געביידעס זענען נישט גענוג גרויס. אויף דעם האט די דאקטאר טענות, אז אויב מ'הייסט נישט גיין מיט א מאסק, אויב מ'זעט נישט דערצו אז די סטודענטן זאלן נישט שטיין נאענט איינער צום צווייטן, איז ממש א סכנה צוריקצוגיין אין אזא שולע, עס איז א סכנה פאר די קינדער, פאר זייערע לערער און פאר די אנדערע שולע שטאב.

זי פארשטייט אז די עלטערן האבן נישט קיין ברירה, זיי מוזן צוריקשיקן די קינדער צו די שולע ווייל רוב פון די עלטערן פרייען זיך אויב זיי קענען שוין צוריקגיין ארבעטן, אבער, מ'טראגט אן אחריות צו די קינדער.

א פידיעטרישאן פון דעם בארימטן קינדער שפיטאל אין פילאדעלפיע (טשאפ) האט זיך אויך באקלאגט אז אלעס האט זיך איצט געענדערט. עס איז איבעראל פאראן א העכערער אנגעצויגענקייט שטאפל. די פאציענטן זענען באזארגט איבער'ן עסן, צי זיי וועלן האבן געלט איינצוקויפן די נויטיגע עסן, די עלטערן זענען באזארגט איבער די דזשאבס, עס איז שווער לערנען זיך אין די שולע אויב מ'דארף שטיין ווייט, זייער א סאך פאמיליעס האבן פארלוירן א פאמיליע מיטגליד אדער באקאנטן צו קאוויד. מ'פארפאסט וויכטיגע



# עצות פאר די שטוב

באמערקונג: מיר שרייבן אויסגעפרואווטע עצות, אבער ווי פארשטענדליך קומט נישט קיין שום עצה מיט קיין "גאראנטי". נישט אלעס וועט שטענדיג ארבעטן ביי יעדן. חשוב'ע באלעבאסטעס, דאס איז אייער קאלום! מיר ווילן הערן פון אייך! אויב איר האט עפעס באמערקונגען אדער פראגעס, ביטע שיקט זיי אריין צו אונז, מיט א בריוו, פעקס אדער "עלעקטראנישע-פאסט", (זעט זייט 6 פאר אדרעסע און פעקס) נאר שרייבט קלאר און דייטליך, און ביטע שרייבט אייער טעלעפאן נומער, אז מיר זאלן קענען איבערפרעגן אויב עפעס איז אונז נישט קלאר. א דאנק.

## ארויסנעמען א גערוך פון קארפעט

עס גייט שוין אזוי, מ'ערווארט אז די קארפעטס וועלן אנזאמלען פארשידענע גערוכן און פלעקן אין לויף פון די יארן, אבער מ'ערווארט אויך אז מ'זאל דאס קענען אליין אפרייניגן. ווי אזוי באקומט א קארפעט א שטיקל גערוך? גאנץ איינפאך, עס פאלט אראפ א שטיקל "שמעקעדיגע" עסן אויפ'ן קארפעט, און אפילו ווען מ'קראצט עס אראפ, מ'רייניגט דעם קארפעט, בלייבט אבער אביסל א גערוך דערפון.

עס טרעפט זיך אויך אז עס גיסט זיך אויס עפעס א כעמיקאל, אדער אזוי ווי מען באשפריצט קעגן קריכעדיגע, קען דאס אויך פאלן אויפ'ן קארפעט, אמאל קען מען אויסגיסן פערפיום, אין קורצן, עס זאמלט זיך אן אויף א קארפעט פארשידענע גערוכן, און אויב מ'ווייסט נישט ווי אזוי זיך אן עצה געבן דערמיט, שאפט דאס פראבלעמען פאר די מענטשן. פאלגענד זענען עטליכע אנווייזונגען און מיטלען וואס קענען זיין הילפבאר אפילו מיט די שווערסטע גערוך פראבלעמען. פאלגענד זענען געוויסע זאכן וואס מ'קען נוצן דערפאר:

### Ozone generator

דאס איז א וואונדערבארער וועג ארויסצונעמען אלע סארט אומאנגענעמע גערוכן פונדערהיים. מ'צינדט אן אזא מאשין אויף 40 ביז 60 מינוט און מ'גייט ארויס פון צימער. די "אוזאון" מיט וואס די מאשין פילט אן די לופט, וועט העלפן פטור ווערן פון רויך, שימל, קיך גערוכן, באקטעריע און אפילו פון פארשידענע שווערע כעמיקאלע גערוכן. ווען די מאשין ווערט פארטיג, לאזט עס נישט איבער אין די לופטן קיין שעדליכע גיפטיגע איבערבלייבענישן. פאקטיש קען דאס אפילו העלפן אויסרייניגן דעם גאנצן צימער, וואס איז גאנץ א געוואונטשענע זאך אין



די היינטיגע צייטן ווען מ'איז אזוי באזארגט איבער די קאוויד באצילן.

מ'קען דינגען די קליינע מאשינען אין לאקאלע home improvement stores.

### Odo-Ban

דאס איז אן איינפאכער שפריצער וואס מ'קען קויפן אין רוב גרויסע גראסעריס. מ'נוצט דאס אויף דעם גאנצן פלאץ. אויב מ'פאלגט אויס ריכטיג די אנווייזונגען אויף די פלאש, קען מען פטור ווערן פון אלע אומאנגענעמע גערוכן אין צימער.




מ'קען דאס קויפן אין א גרויסן גאלאן פלאש, וואס דאס דארף מען אביסל אויסמישן, אדער אין קלענערע פלעשער וואס זענען שוין גרייט צום באנוץ, מ'דארף עס בלויז איינפאך עפענען און שפריצן.

מ'זאל אבער געדענקען אז מ'דארף דאס לאזן אינגאנצן אפטרוקענען פאר מ'גייט אריין נאכאמאל נוצן דעם צימער.

### פראפעסיאנאלע רייניגן

אפטמאל איז איינפאך בעסער "אויפצוגעבן", און דינגען א פראפעסיאנאלן קלינער פאר די קארפעטס. עס קען טאקע זיין טייערער ווי דינגען די אוזאון מאשין אדער קויפן אזעלכע פראדוקטן ווי אדאו-בען, אבער רוב פארלעסליכע קלינערס וועלן אייך באלד ביים אנהויב קענען זאגן צי מ'קען אפילו פטור ווערן פון דעם פראבלעם דורך קלינען, און אויב זיי זאגן אז ניין, זאלט איר זוכן אן אנדערע עצה. געדענקט, רוב פארלעסליכע קארפעט סערוויסעס וועלן גאראנטירן זייער ארבעט.




### ערזעצט די קארפעטס

עס איז טאקע נישט דער ביליגסטער אויסוואל, אבער פטור ווערן פונעם קארפעט האט מעלות.

די נומער 1 סיבה אז מ'זאל איינפאך קויפן א נייעם קארפעט אויב מ'קען נישט פטור ווערן פונעם גערוך פון שווערע כעמיקאלן איז, ווייל די כעמיקאלן וואס מ'נוצט צו באשפריצן א צימער פטור צו ווערן פון די שרצים, (וואס דאס האט מעגליך אויך געשעדיגט דעם קארפעט) איז געווענליך גיפטיג. אויב איר קענט נאך אלץ שפירן דעם גערוך פון די כעמיקאלן, מיינט דאס אז די כעמיקאלן זענען נאך אלץ אין די לופטן, און עס איז מעגליך א געפאר פאר אייך און אייער פאמיליע. פטור ווערן פונעם קארפעט מיינט נישט בלויז פטור ווערן פון גערוך, נאר אויך פון די גיפטיגע כעמיקאלן, אז דער צימער זאל נאכאמאל ווערן "פארזיכערט" פאר אייך און פאר אייער פאמיליע.



# געזונטהייט:

צוזאמקונפטן אזוי ווי חתונות, די געצווינגענע אפזונדערונג לייגט א דרוק סיי פיזיש און אויך גייסטיש.

לויט דעם דאקטאר וועט דער מצב ווערן נאך אביסל מער אנגעצויגן ווען מ'גייט אריין אין דעם נייעם שולע יאר מיט די קאוויד זארגן וואס שוועבט העכער אלעם, און עס וועט נאך צוקומען די געוועגליכע פלו זארגן און אנדערע רוטינע קראנקהייטן. די קינדער דאקטוירים ערווארטן א וואוקס אין "רעספירעטארי" (וואס האנדלעט מיט'ן אטעם) פראבלעמען ווען דער קאלטער וועטער וועט אנקומען.

איין דאקטאר האט דערציילט אז ווען קינדער קומען אריין מיט די סימפטאמען, זיי האבן היץ, די האלדז טוט זיי וויי, זיי הוסן אדער נוסן, פאר א יאר וואלט מען דאס אוועקגעמאכט ווי א געווענליכע פארקילונג אדער העכסטענס א פלו, איצט דארף מען דאס אבער נעמען פיל ערנסטער. היינט קען מען נישט געבן א דיאגנאז אז דאס איז נישט קאוויד בלויז לויט די סימפטאמען, מ'מוז מאכן א טעסט, און ווען מ'האט נישט גענוג טעסטס, וועט דאס ערשטע גיין א טעסט פאר די קינדער וואס זענען דאס מערסטע קראנק, ווי אויך פאר די וואס זענען מעגליך אויסגעשטעלט געווען צו עמיצן וואס האט שוין געכאפט דעם ווירוס.

אויב מיר ווען נישט האבן גענוג טעסטס, וועלן מיר באהאנדלען אלע מעגליכע קאוויד פאציענטן אזוי ווי זיי וואלטן יא געהאט קאוויד. מ'מוז ענדערש באגיין א טעות אויף די זייט פון פארזיכטיגקייט, און הייסן פאר אזא קינד צו גיין אין קווארענטין 10 טעג פון ווען די סימפטאמען האבן זיך אנגעהויבן, ביז די סימפטאמען ווערן שוואכער און עס גייט דורך א גאנצע מעת לעת אן קיין היץ. אזוי זענען די פארשריפטן פון די "סי. די. סי." בלויז פאציענטן וועמענ'ס סימפטאמען קענען נישט זיין קאוויד, מעגן צוריקגיין אין די שולע.

קינדער זענען 9.5 פראצענט פון אלע קאוויד פאלן ביז איצט. זינט עס האט זיך אנגעהויבן, האט מען געהאט איבער 476,000 באשטעטיגטע קאוויד פאלן ביי קינדער. עס האט אבער שטארק אויפגעלעבט זומער. פון יולי 9 ביז אויגוסט 6 איז צוגעקומען 179,000 קינדער קאוויד פאלן, כמעט דאפעלט פון דעם פריערדיגן צאל, וואס דאס האט געכאפט יעדנ'ס אויפמערקזאמקייט.

כאטש רוב קינדער פאלן זענען טאקע נישט ערנסט, און די קינדער מוזן נישט אנקומען אין שפיטאל, האבן אבער פרישע פארשונגען געגעבן אנדייטונגען אז די קינדער שפילן א פיל גרעסערע ראלע ביים איבערגעבן קאוויד ווי מ'האט פריער געמיינט. זיי שיקן ווייטער דעם ווירוס אפילו וואכן לאנג, ווען זיי האבן נישט קיין שום סימפטאמען. דאס איז די גרויסע פראגע, און דאקטוירים ווייסן נישט ווי אזוי מ'קען זיך באווארענען.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך פון וואס מ'האט נארוואס אנגעהויבן רעדן איז, אז די קינדער דאקטוירים זעען איצט ביי די יונגע קאוויד פאציענטן נישט בלויז פיזישע סימפטאמען, נאר אויך מער "מענטעל העלט" פראבלעמען, אז זיי דארפן אנקומען צו פידיעטריק פסיכאלאגן, און מ'זעט דאס איבער'ן גאנצן לאנד.

איין דאקטאר האט איבערגעגעבן אז מ'זעט אנגעצויגענקייט, דעפרעסיע, א צוריקפאלן ביים קינד'ס אנטוויקלונג, ווילדקייט, קינדער האבן מורא אז זיי גייען שטארבן פון קאוויד, קינדער האבן מורא אז עמיצער פון זייער פאמיליע וועט שטארבן דערפון. זיי זענען דעפרעסד אז זיי קענען זיך נישט שפילן מיט אלע זייערע פריינד. מ'זעט ביי יונגערע קינדער וואס מ'האט שוין "געטרעינט" אז זיי פאלן צוריק. דאס נישט האבן דעם געוועגליכן געזעלשאפטליכן הלוך-ילך, פירט צו דעפרעסיע (מרה שחורה) ביי קינדער.

אן אנדערער דאקטאר האט איינגעשטימט מיט דעם, אנמערקענדיג אז געווענליך ווערט לייכטער די טיפישע קינדער סטרעס אין די זומער מאנאטן, ווען מ'קען זיך אביסל מער אויסטשוכען פון דעם דיסציפלין-לעבענסגאנג. מ'קען זיך לאזן אביסל וואוילגיין אין די קעמפס אדער ביי פאמיליע וואקאציע רייזעס, אבער דאס איז נישט געשען היי יאר.

בייי א סאך קינדער דאקטוירים, איז שטארק געפאלן די קינדער באזוכן אין די פאנדעמיק מאנאטן, אויף אזוי ווייט אז זיי האבן אפילו געמוזט אוועקשיקן ארבייטער. איצט הויבן אן מער קינדער צו קומען, איבערהויפט די וואס דארפן נעמען די נויטיגע אימוניזאציעס וואס איז פארנאכלעסיגט געווארן אין די חדשים ווען מ'האט נישט געלאזט ארויסגיין פון שטוב.



א פראפעסאר האט פאראורזאכט קאטראווערסיע ווען ער וויל פארשפרייטן א "היים טעסט" פאר דעם ווירוס (ענליך צו די צוקער-בלוט טעסטס וואס מען נעמט אליין)

ווען די מאמעס און די קינדער קומען אן אין א דאקטאר'ס אפיס, זעט דער ווארט זאל אויס גאר אנדערש. קינדער קריכן שוין נישט אויף דער ערד שפילענדיג זיך מיט שפילצייג אדער מיט אנדערע קינדער, עלטערן זיצן נישט און שמועסן צווישן זיך, אין א סאך פאלן וועלן זיי ווארטן אינדרויסן אין א קאר ביז מ'וועט זיי טעלעפאנירן אז אן אונטערזוך צימער איז שוין אפען פאר זיי, אינעווייניג אינעם ווארט זאל דארף מען כמעט נישט ווארטן. יעדער מוז גיין מיט א מאסק, מ'זעט ווייניג בענקלעך ווייל עס מוז זיין היבש פלאץ צווישן די בענקלעך. עס איז נישטא קיין שפילצייג, ביכער (ספרים) אדער אנדערע לייען מאטעריאל, מ'מוז רייניגן און דיסאינפעקטן אונטערזיכונג צימערן צווישן די פאציענטן, די דאקטוירים און נוירסעס גייען מיט מאסקעס, און די יונגע קינדער מוזן זיך צוגעוויינען צו דעם "אינטערעסאנטן" בילד.

איין פידיעטרישאן האט ארויסגעברענגט, אז זייער הויפט אויפגאבע איז טאקע צו היילן די פאציענטן, אבער זיי דארפן אויך געדענקען זיך זעלבסט צו באשיצן, נישט נאכלאזן פון די וואכזאמקייט, אפגעזען ווי שווער דאס קען אנקומען.

אין דעם איז אבער יעדער איינשטימיג, אלע פידיעטרישאנס, אז עס איז העכסט אומפאראנטווארטליך אויב מ'רעדט זיך איין אז קינדער דארפן נישט באזארגט זיין איבער קאוויד. קיינער ווייסט נישט ווי שעדליך אדער ווי לאנג עס קען אנהאלטן פראבלעמען אפילו יארן שפעטער, אפילו פון א לייכטע קאוויד קרענק, צוליב דעם זאל מען אויספאלגן די אלע זיכערהייט פארלאנגען, צו קענען פירן א געזונט לעבן.

* * *



## וואס אנדערע זאגן:

(פארזעצונג פון זייט 7)

אויב די קאמיטע וועט דאס באטראכטן אלס פאסענד, קען די קלאגע איבערגעגעבן ווערן פאר די הויז עטיקס קאמיטע.

דאס איז אן אנטוויקלונג וואס איז צום באגריסן, אבער עס איז נישט גענוג. דער געדאנק אז מר. סקעליס איז אייגנארטיג אן קיין ערליכקייט - אז ער איז דער איינציגער געזעצגעבער וואס וועט לאזן זיינע פארטייאישע אויפקאכונגען און אמביציעס דאמינירן אויף אים - איז נאאיוו. נאך פאר דער מצב קען זיך טיפער אראפקייקלען, דארפן ביידע זאלן פון קאנגרעס אויפשטעלן שטרענגע פאליסיס צו פארבאטן פאר געזעצגעבער און זייערע שטאב מיטגלידער טעטיג צו זיין אין די סארט פאפערייען, און קלאר שטעלן די שטראפן פאר פארלעצונגען.

ביז דערווייל זעט אויס ווי מר. סקעליס באגרייפט נישט די ערנסטקייט פון זיין פארלעצונג. זיין ערשטע רעאקציע צו מר. בארקאנ'ס קריטיק איז געווען דורך טוויטן מער אטאקעס אויף דעמאקראטן. טוויטער האט באצייכנט דעם ווידעא אלס "מאניפולירט". זונטאג נאכט האט דער קאנגרעסמאן זיך געבויגן צו דעם אויסגעשריי, טוויטענדיג אז ער וועט אראפנעמען דעם קליפ כאטש ער האט גע'טענה'ט אז ער איז יא געווען גערעכט.

מר. סקעליס קלאמערט זיך צו די פארטיידיקונג, מערערע מאל עקשנ'ענדיג זיך אז די ווידעא איז בלויז "רעדאגירט" געווארן צו כאפן דעם אמת'ן געדאנק פון מר. ביידענ'ס לענגערן אויסטויש מיט מר. בארקאן איבער פאליציי רעפארם. א ווארטזאגער פאר מר. סקעליס האט געזאגט פאר'ן "וואשינגטאן פאוסט", אז "מיר האבן צוזאמגעפארט דעם פאליציי פייל מיט בארקאנ'ס לעצטע פראגע פאר קלארקייט, ווייל מיר האבן נישט געקענט אריינלייגן א קליפ פון גאנצע 3 מינוט אין 1 מינוט".

אפילו ווען מר. סקעליס האט אבער אנערקענט צו "פאקס נייעס", וואלט דער ווידעא נישט געטארט געענדערט ווערן. סוף פסוק. נישט קיין חילוק ווי קליין אדער נידריגע-טעכנאלאגיע די מאניפולאציע, איז דאס אריבערגעגאנגען א שטריך, שטעלנדיג דעם קאנגרעסמאן אויף די נישט ריכטיגע זייט פון א מלחמה אין וואס די שלעכטע חברה שטייגן.

עס איז נישט ווי ער האט נישט געוואוסט בעסער. די הויז עטיק קאמיטע האט יאנואר ארויסגעגעבן א מעמאראנדום ווארענענדיג קעגן דעם "באוואוסטזיניגן באנוץ פון געטוישטע און טיפע פעלשונגען פון ווידעאס און פון טעיפס. ארויסלייגן צוגעפיצטע מאטעריאל קען שעדיגן דאס שמועסן פונעם פאלק (איבער דעם), אפשוואכן דעם צוטרוי פונעם פאלק, און שפיגעלט אומבאגלויבטקייט אויפ'ן הויז", האט די קאמיטע אנגעמערקט, און האט פארגעזעצט: אין איינקלאנג, קענען קאנגרעס מיטגלידער, באאמטע און ארבייטער וואס שטעלן ארויס טיפע פעלשונגען אדער אנדערע פארבייטע אודיא וויזשועלס (טעיפס-ווידעאס) פארפירן דאס פאלק, זיין אין פארלעצונג פון די פארשריפטן איבער די אפיציעלע אויפפירונג. דער מעמא האט באטאנט אז אנלייגן די שולד אויף שטאב ארבייטער וואס האבן עס געטאן אויף די אייגענע הענט, איז נישט געווען א לעגיטימער תירוץ.

די עטיקס קאמיטע האט א רייע ברירות ווי אזוי צו באהאנדלען שלעכטע אויפפירונג דורך קאנגרעסלייט, פון ארויסגעבן א בריוו פון אומצופרידנהייט, וואס דאס פאדערט די שטיצע פון בלויז א מאיאריטעט פון די קאמיטע מיטגלידער, ביז רעקאמענדירן געלט שטראפן, אן אפיציעלער טאדלען אדער אפילו פארדאמען דורכ'ן פולן הויז. די פארטיי פירערשאפט האט אנדערע, מער "אומאפיציעלע" ברירות, אזוי ווי צונעמען פון די מיטגלידער זייערע קאמיטע זיצן אדער אנדערע פריווילעגיעס.

היסטאריש, איז דער קאנגרעס נישט געווען אזוי אויסגעצייכנט איבער זיין א פאליציי אויף אירע אייגענע, און די קאנגרעסלייט וועלן מעגליך באשליסן דורכצולאזן מר. סקעליס פאר די פארלעצונג. דאס וואלט געווען א טעות. זיין פאפן דארף דינען ווי א רויטע פאן. גייענדיג פאראויס, דארף דער קאנגרעס שטארקערע וואך צוימונגען און מער ספעציפישע פארשריפטן קלאר צו מאכן אז זי וועט נישט דולדן קיין שום פארזוך צו באשוואונדלען דאס אמעריקאנער פאלק דורך געפעלשטע ווידעאס און אודיא.

די פארשפרייטונג פון פאליטישע אינפארמאציע איז א געפאר פאר דאס לאנד, עפעס וואס וועט ווארשיינליך נאך ווערן ערגער פאר עס וועט ווערן בעסער. "אזוי ווי מיר קענען זיך נישט פארלאזן אויף די פאראנטווארטליכקייט פון אינדיווידועלע שפילער אדער די פלאטפארמעס וואס זיי נוצן, ערווארט איך פולשטענדיג אז עס וועט זיין אן אויסשפרייטונג פון די סארט פעלשערייען צו א שטאפל וואס וועט כמעט דערטרענקען די אקטועלע פאקטן", האט געווארנט סענאטאר ראן ווידען, דער ארעגאן דעמאקראט אין '18, איבער דעם וואוקס פון ווידעא מאניפולאציע געצייגן. דער קאנגרעס דארף ערנסט ווערן איבער אנטמוטיגן אירע אייגענע ראנגן פון גיסן נאך ברענשטאף אויף דעם פראבלעם.

## וואל סטריט:

## פון: דער שפאקולאנט

(פארזעצונג פון זייט 51)

דזשאונס געוועזן 628 פונקטן נידריגער, אבער דערנאך האט זיך עס אויסדרייט און האט אנגעהויבן צו שטייגן און איז אפילו געשטיגן צו ווייזן א שטיקל געווינס ווען עס האט צוריקגעגליטשט און געשלאסן דעם טאג באלד 160 פונקטן נידריגער ביי 28133. עס איז געווען א העפטיגע וואך ווען דער אינדעקס האט פארלוירן 520 פונקטן, 1.8 פראצענט.

אין קורצן, מ'האט אריינגעטרעטן אין סעפטעמבער "מיט'ן לינקען פוס", נאכ'ן האבן אזא אויסגעצייכנטן אויגוסט.

דער "עס. ענד פי. 500" איז פרייטאג געפאלן 15 פונקטן, צו 1596. דער אינדעקס האט פאריגע וואך פארלוירן 81 פונקטן, 2.3 פראצענט.

דער נעסדעק איז פרייטאג געפאלן ארום 145 פונקטן צו 11313. דער אינדעקס איז פאריגע וואך געפאלן 382 פונקטן, 3.3 פראצענט.

עס איז געווען די ערגסטע וואך פאר'ן נעסדעק זינט מערץ 20 און פאר'ן "עס. ענד פי. 500" זינט יוני 26.

די פראצענט ראטע פאר די 10-יאר טרעזשורי נאוטס האט געשלאסן די וואך ביי 0.72 פראצענט.

אויל איז פאריגע וואך געפאלן 7.9 פראצענט צו $39.77, ווען עס האט זיך פרייטאג געשלאסן אונטער $40 צום ערשטן מאל זינט יולי.

גאלד איז געפאלן צום 3'טן טאג נאכאנאנד, ווייל דער גוטער דזשאבס באריכט פאר אויגוסט האט געהויבן די ווערד פונעם אמעריקאנער דאלאר. אויב אזוי איז גאלד געפאלן $3.50 צו $1,934.30, א פארלוסט פון 2 פראצענט פאר די וואך.

עס איז טאקע געווען א לענגערער וויקענד און מ'האט פרובירט צו אנאליזירן און מאכן חשבונות וואס מ'האט ווייטער צו ערווארטן, און מ'רעכענט זיך אויך אז די פארהאנקערונג אין וואשינגטאן איז נישט בייהילפיג פאר די ביזנעס אטמאספערע אין אמעריקע, אבער מ'קען דאך נישט אוועקמאכן דעם מציאות אז מ'האלט איצט אינמיטן א העפטיגן פרעזידענט קאמפיין.

דינסטאג איז ווידעראמאל געווען גרויסע צרות אין סטאק מארקעט, ווען די טעכנאלאגיע סטאקס זענען געפאלן דאס ערגסטע אין כמעט א האלב יאר, גייענדיג צוריק ביז צו דעם סטאק מארקעט קראך ביים אנהויב פונעם פאנדעמיק.

דער דאו דזשאונס איז געפאלן 632 פונקטן צו 27500. ערשט פאריגע וואך האט מען שוין שפאקולירט ווי שנעל עס וועט אנקומען צו 30000, און איצט איז עס נאכאמאל אויפ'ן וועג אראפ.

דער "עס. ענד פי. 500" איז געפאלן 95 פונקטן צו 3331.

דער נעסדעק האט פארלוירן א מאסיווע 465 פונקטן צו 10847.

די אויל פרייזן איז שטארק געפאלן $3.07 צו $36.76, צוליב די אנגייענדיגע זארג אז מ'וועט נישט דארפן אזוי פיל אויל, ווייל ביזנעס לעבט נישט אזוי שטארק אויף.

גאלד איז אבער יא געשטיגן $8.90 צו $1,943.20, דאס העכסטע אין כמעט א וואך צייט, אדאנק אביסל שוואכקייט אין דעם דאלאר.

מ'האט פרובירט ארויסצוקוקן אויף עפעס גוטע נייעס אנצוהויבן די געמיטער, וו.צ.ב.ש., אז עס דערנענטערט זיך שוין דער טאגו ועו מ'וועט האבן א קאוויד וואקסין, וואס וועט זיין א הי סטארישע שנעלע באשטעטיגונג, אבער אויך דאס איז באגלייט געווארן מיט א סאך סקעפטיציזם, אז א גרויסע צאל אמעריקע ווען נישט האבן קיין צוטרוי אין דעם נייעם וואקסין אויב עס וועט אויסזען אין אן אונטערגעיאגט זאך, אז מ'האט עס שנעלער באשטעטיגט ווי געוויינליך, וואס אויב אזוי וועט דאך דאס זיין א קאלאסאלער דורכפאל.

פונדעסטוועגן פרובירט מען צו זיין אפטימיסטיש און ארויסקוקן אויף בעסערע צייטן.

* * *

# אין קאמף קעגן "קאוויד-19":

## דראג פירמעס ווילן נישט פריצייטיג באשטעטיגן וואקסינען

זענדיג ווי אזוי רוסלאנד און כינע זענען ביידע "געשפרונגען" מיט מעלדן אז זיי האבן שוין א וואקסין קעגן דעם קאוויד ווירוס, וואס מיינט אז זיי האבן איגנארירט די טראדיציאנאלע פארלאנגען אז יעדע נייע מעדיצין אדער וואקסין מוז דורכגיין לענגערע "3'טע פאזע" פראבעס אפילו אויף צענדליגער טויזנטער וואלונטירן, און עס איז א פארשטענדליכער קאנקורענץ ווער עס וועט באקומען די פריסטע באשטעטיגונג פאר זייערע וואקסינען, נישט בלויז ווייל דאס איז א פרעסטיזש פראגע, נאר אויך צוליב ביזנעס חשבונות, ווייל "די גאנצע וועלט" וויל דאך קויפן און נוצן אזעלכע וואקסינען, האבן א גרופע פון די גרויסע דראג פירמעס באשלאסן אז כאטש זיי זענען טאקע אין א קאנקורענץ צווישן זיך, וועלן זיי אבער די וואך פארשפרעכן אז זיי וועלן נישט ארויסגעבן פאר'ן פאלק קיין שום וואקסין וואס האט נישט אויסגעפאלגט די שטרענגע סטאנדארטן צו פארזיכערן ביידע, אז עס איז ווירקזאם און אז עס איז נישט שעדליך.

מ'האט שוין פאריגע וואך געהערט אז א צאל פון די פראמינענטסטע דראג פירמעס האבן שוין אונטערגעשריבן אזא פארשפרעכונג בריוו. די נייעס איז פובליצירט געווארן פרייטאג דורכ'ן "וואל סטריט זשורנאל", אז צווישן די אונטערשרייבער זענען שוין געווען פייזער, מאדערנא, סאנאפי, גלעקסא סמיט קליין, און די גרויסע דזשאנסאן ענד דזשאנסאן פירמע. דער נויט פאר אזא פארשפרעכונג ווערט שטארקער, ווען מ'זעט א שטארקן דרוק פון די טראמפ אדמיניסטראציע אז מ'זאל פריצייטיג באשטעטיגן קאוויד מעדיצינען און וואקסינען. פרעזידענט טראמפ האט שוין אפילו געזאגט פאריגע וואך אז א וואקסין וועט מעגליך גרייט זיין נאך אין אקטאבער, ממש פאר די פרעזידענט וואלן, און ווי מער עס קומט דער פאליטישער דרוק, אלץ שטארקער וואקסט א ווידערשטאנד ביי וויסנשאפטלער און פובליק העלט עקספערטן, וועלכע באהאלטן נישט זייער זארג אז אזא פאליטישער דרוק קען בלויז שעדליך זיין, איבערהויפט אויב דאס וועט אפשרעקן א באדייטענדע פראצענט פון די באפעלקערונג נישט צו האבן קיין צוטרוי צו אזא שנעלע באשטעטיגטע וואקסין.

מ'הערט אז אויך הויפט באאמטע אין די "עף. די. עי." האבן שוין געשמועסט איבער צוזאמשטעלן אן אייגענעם עפענטליכן סטעיטמענט וואס זיי וועלן אונטערשרייבן, ארויסברענגענדיג דעם נויט צו פארלאזן זיך בלויז אויף די אויספרובירטע וויסנשאפטלער מאסנאמען, וואס אויב דאס וועט געשען, וועט דאס זיין א היסטארישע זאך, ווייל אזעלכע באאמטע ווילן געווענליך אוועקשטיין פון פובליסיטי, זיי ארבעטן אלס "סיוויל סערוויס", רעגירונג באאמטע וואס שטייען אוועק פון פאליטיק, וויסענדיג אז נאר אזוי קען מען האבן דעם נויטיגן צוטרוי צו זייער ארבעט.

די וויסנשאפטלער ארבעטן טאג און נאכט צוצושטעלן א וואקסין צו באקעמפן דעם פאנדעמיק וואס האט שוין קראנק געמאכט איבער 6 מיליאן מענטשן אין אמעריקע, און ענדע פאריגע וואך האט מען שוין געהאט באלד 190,000 פאטאליטעטן דערפון. 3 דראג פירמעס, פייזער, מאדערנא און אסטראזענאקא, האלטן שוין אין די שפעטע פאזעס פון קלינישע פראבעס, ביי טויזנטער וואלונטירן.

דער הויפט באאמטער פון פייזער האט שוין פאריגע וואך געזאגט אז זיין פירמע קען מעגליך זעהן רעזולטאטן נאך אין אקטאבער, אבער די אנדערע פירמעס זענען מער פארזיכטיג, זאגענדיג בלויז אז זיי האפן ארויסצוגעבן א באשטעטיגטן וואקסין פאר'ן ענדע '20.

די דראג פירמעס וואס וועלן זיין די ערשטע מיט א דערפאלגרייכן וואקסין, וועלן נישט בלויז זייער שיין פארדינען דערויף, נאר עס וועט אויך העלפן פארריכטן די נעגאטיווע פובליסיטי פון וואס די דראג פירמעס ליידן שוין א פאר יאר צוליב די שטייגנדיגע דראג פרייזן. אויב אבער וועט א וואקסין האבן געפערליכע זייטן ווירקונגען פאר טייל מענטשן, קען דאס זיין ממש א קאטאסטראפע. עס וועט צוגרונד לייגן די רעפוטאציע פון אזא דראג פירמע, נישט בלויז אויף דעם וואקסין נאר מ'וועט אויך פארלירן צוטרוי אויף אנדערע מעדיצינען פון יענע פירמע, און עס וועט מאסיוו אונטערגראבן דעם צוטרוי אין וואקסינען, וואס דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע פארשריטן אין די היסטאריע, אין באצוג צו די געזונטהייט פון די מענטשהייט.

פרעזידענט טראמפ אליין האט קלאר פארבינדן זיינע ווידערערוויילונג אויסזיכטן צו א צייטליכן וואקסין פאר די וואלן. דאס איז געווען א הויפט טעמע ביי די רעפובליקאנער נאציאנאלע קאנווענשאן וואו מ'האט געוויזן ווידעאס איבער די טראמפ אדמיניסטראציע'ס באמיאונגען צו ווארפן מיט געלטער צו העלפן אנטוויקלען ווי שנעלער א וואקסין, און די טראמפ קאמפיין ראטגעבער האבן פריוואט באצייכנט דעם נויט פאר א וואקסין פאר די וואלן, ווי די וויכטיגסטע זאך וואס קען ביייהילפיג זיין פאר'ן טראמפ קאמפיין.

ווען די "סי. די. סי." האט ארויסגעשיקט בריוו צו רעגירונג העלט אגענטורן איבער'ן לאנד, אז זיי זאלן זיך צוגרייטן פאר די מעגליכקייט אז א וואקסין וועט באשטעטיגט ווערן ביז ענדע אקטאבער אדער אנהויב נאוועמבער, איז דאס געווען נאך א צייכן אז מען פאליטיזירט דעם וואקסין.

דאס קומט נאכדעם ווי די "סי. די. סי." האט געליטן נעגאטיווע פובליסיטי ביים טוישן די רעקאמענדאציעס, אז מ'זאל שוין נישט געבן קיין קאוויד טעסטס פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין סימפטאמען, וואס דאס איז פארשריגן געווארן דורך די עקספערטן, אז פונקט פארקערט, די וואס האבן נישט קיין סימפטאמען קענען זיין די גרעסטע געפאר אויב זיי האבן דעם ווירוס, ווייל זיי וועלן דאס ווייטער געבן נישט וויסענדיג אז זיי זענען קראנק, און עס וועלן זיך איבערנעמען מענטשן פאר וועמען דאס קען זיין זייער שעדליך.

דער בריוו האט געברענגט זייער א שארפע רעאקציע מיט דעם געפאר אז מ'פארלירט צוטרוי אין די "סי. די. סי.", ווייל די אגענטור לאזט זיך טעראריזירן פון די טראמפ אדמיניסטראציע, האבן פעדעראלע געזונטהייט באאמטע פרייטאג פרובירט אראפצוקלאפן די ערווארטונגען פון א פריע וואקסין, און פרעזידענט טראמפ אליין האט אויך שוין געזאגט אז א וואקסין וועט "ווארשיינליך" גרייט זיין אין אקטאבער. אפילו די דראג פירמעס קענען אויך נישט זעהן די רעזולטאטן ווי לאנג די טעסטס זענען נאך אונטערוועגנס, אבער פרעזידענט טראמפ האט יא פארשפראכן אז "איר וועט זעהן רעזולטאטן וועלכע זענען שאקירענד גוט".

דאס איז געקומען נאכדעם ווי דער דאקטאר וואס איז דער הויפט וויסנשאפטלער ביי "אפערעישאן ווארפ ספיד", ווי מ'באצייכנט דעם רעגירונג פראגראם ווי אמשנעלסטן צו אנטוויקלען א וואקסין, האט דאנערשטאג געווארענט אויף א ראדיא אינטערוויו אז די אויסזיכטן פאר דערפאלגרייכע וואקסין רעזולטאטן ביז אקטאבער זענען "זייער, זייער נידריג".

מ'האט שוין געהערט לעצטנס פון עטליכע הויכע העלט באאמטע אז זיי וועלן ענדערש רעזיגנירן ווי געצווינגען ווערן דורכ'ן ווייסן הויז פריצייטיג צו באשטעטיגן א וואקסין. דער פריערדערמאנטער הויפט דאקטאר פון "ווארפ ספיד" פראגראם האט דאנערשטאג געזאגט אז ער וועט זאפארט רעזיגנירן אויב מ'וועט זיך ארײנמישן אומ'יושר'דיג אין דעם באשטעטיגונג פראצעס, און האט צוגעגעבן אז ביז דערווייל איז דאס נישט געשען.

דר. פיטער מארקס, דער הויפט פון די "עף. די. עי." אפטיילונג וואס באשטעטיגט נייע מעדיצינען און וואקסינען, האט אין אויגוסט פארשפראכן די זעלבע אין א טעלעפאנישע קאנפערענץ צו די מיטגלידער פון א וואקסין ארבייטער גרופע אין די נאציאנאלע אינסטיטוט אוו העלט. דר. מארקס האט אין זיין אינטערוויו דאנערשטאג ווידעראמאל פארשפראכן אז "אויב עפעס איז נישט גענוג פארזיכערט און גענוג ווירקזאם פאר מיין פאמיליע, איז נישטא קיין שום וועג אז איך וועל צושטיין און זעהן ווי מ'געט דאס פאר'ן איבריגן לאנד. דאס וועט נישט געשען אונטער מיין פירערשאפט".

"עף. די. עי." קאמישאנער דר. סטיווען האן האט שוין מערערע מאל געזאגט זיינע באשלוסן זענען געפאסט בלויז אויף וויסנשאפטליכע דאטא. ער האט זיך עפנטליך פארפליכטעט אז יעדע באשטעטיגונג וועט מוזן דורכגיין א ראטגעבער גרופע פון "דרויסענדיגע" עקספערטן, געווענליך דארפן זיי איבערקוקן און שטודירן די סטאטיסטיקס פון די גרויסע פראבעס, אזוי מאכן זיי א רעקאמענדאציע און דערנאך קען דאס באשטעטיגט ווערן.

הויכע "עף. די. עי." באאמטע, אפילו די וואס ווערן באשטימט דורך פאליטישאנס, זענען זייער אומצופרידן פון די באַרימערייען פון פרעזידענט טראמפ די לעצטע פאר וואכן איבער זיינע באמיאונגען צו פארשנעלערן דעם באשטעטיגונג פראצעדור, וואס דאס שאפט אן איינדרוק אז דאס ווייסע הויז האט עפעס א דעה אין דעם, ווען דאס איז נישט ריכטיג.

פארשטייט זיך, אז פרעזידענט טראמפ לאכט זיך אויס פון די אלע קריטיק, ער גייט זיך ווייטער אויף זיין וועג, ער נעמט שוין קרעדיט פאר א וואקסין וואס וועט עווענטועל קומען. פרייטאג האט טראמפ געזאגט אין זיין פרעסע קאנפערענץ אז ער האט נארוואס גערעדט צום הויפט פון פייזער וועמען ער האט אויסגעלויבט, און שפעטער האט טראמפ געזאגט אז די דראג קאמפאניס האבן אים איינגעמאלדן אז אויב "דאס וואלט געווען א מער טיפישער סארט פרעזידענט (נישט אזא פרעזידענט ווי ער איז), וואלט באקומען די באשטעטיגונגען געדויערט 2 אדער 3 יאר".

פאקטיש האט א פרעזידענט זייער געצוימטע מעגליכקייטן ביים באשטעטיגן א נייע מעדיצין אדער וואקסין. די "סי. די. סי." איז טאקע א רעגירונג אגענטור, וואס איז אונטער'ן קאנטראל פונעם פרעזידענט, קענען זיי פארלאנגען צו באשטעטיגן א וואקסין, אבער געווענליך קומט אזא פארלאנג פון די דראג פירמעס וועלכע דארפן דורכפירן די אלע פראבעס וואס ווערט דערנאך איבערגעקוקט דורך די רעגירונג אגענטורן, און אלע דראג פירמעס האלטן אין איין באטאנען ווי פארפליכטעט זיי זענען אויסצופאלגן די שטרענגע וויסנשאפטליכע איבערזיכטן.

פרייטאג האט מען געהערט פון דעם הויפט באאמטן פון מאדערנא ווי אזוי זיין דראג פירמע האט פארלאנגזאמט דאס

איינשרייבן זיך אין די 3'טע גרויסע פאזע פון די פראבעס, אריינצונעמען מער מענטשן פון גרופעס וואס זענען אין א העכערע ריזיקע צו ליידן פון דעם קאוויד ווירוס. ער האט געזאגט אז ער וואלט ענדערש געוואלט האבן א מער פארשידנארטיגע באטייליגונג אפילו אויב דאס דויערט נאך איין וואך (איינצושרייבן די אלע נייע וואלונטירן).

די נייע וואקסינען גייען איצט טאקע דורך שווערע, ברייטע פראבעס, אבער עס וועט נאך זיין שווערער די פראבע נאכ'ן באשטעטיגונג, צו געווינען דעם צוטרוי פונעם אמעריקאנער פאלק צו דעם נייעם וואקסין.

* * *

## רוסלאנד פארעפנטליכט ערשטע סטאטיסטיקס איבער איר וואקסין

די רוסישע וויסנשאפטלער האבן פרייטאג פארעפנטליכט דעם ערשטן באריכט איבער זייער קאוויד וואקסין, וואס איז שוין שטארק קריטיקירט געווארן ווען פרעזידענט פוטין האט עטליכע וואכן צוריק באשטעטיגט דעם נייעם "פוטניק 5" וואקסין נישט ווארטענדיג אויף די געוועגליכע ברייטערע טעסטס, וואס זאל פעסטשטעלן אז עס ארבעט און אז עס איז נישט שעדליך.

מ'האט געזען אין א קליינע גרופע וואלונטירן אז דער וואקסין האט צוגע־שטעלט א מעסיגן שטאפל אנטיבאדיס קעגן קאוויד, ווען עס האט געברענגט בלויז מילדע זייטן ווירקונגען. די פארשונגען קענען נאכנישט ווייזן צי מענטשן וואס באקומען דעם וואקסין זענען ווייניגער אויסגעשטעלט אנגעשטעקט צו ווערן מיט'ן ווירוס ווי די וואס האבן נישט באקומען דעם וואקסין.

וויסנשאפטלער איבער די וועלט האבן פארדאמט פוטינ'ס באשלוס, אנווייזענדיג אז די רוסן האבן נאכנישט דורכגעפירט די נויטיגע גרויסע פראבע אויף צענדליגער טויזנטער מענטשן, וואס נאר אזוי קען מען אננעמען אז א וואקסין ארבעט און אויך אז עס איז נישט שעדליך. פונדעסטוועגן זענען זעלבסטשטענדיגע וויסנשאפטלער געווען באאיינדרוקט פון די ערשטע סטאטיסטיקס אינפארמאציע וואס די רוסן האבן נארוואס פארעפנטליכט, ווייל לויט ווי זיי שרייבן זעט אויס אז מ'האט גוט צוגעשטעלט, נאר אלעווארענען אז מ'קען נישט וויסן צי דער וואקסין איז טאקע גוט און אומשעדליך ביז מ'וועט פארטיג ווערן מיט די גרעסערע פראבעס.

די פארשער אין מאסקווע האבן גענוצט א פלאן פאר דעם נייעם וואקסין וואס מ'האט שוין אמאל אויספרובירט אויף "מערס", א געפערליכע מחלה וואס קומט פון אן אנדערן קאראנע ווירוס. דער ספוטניק וואקסין סטימולירט דעם אימיון סיסטעם אז די צעלן פונעם מענטש זאלן פראדוצירן א פראטעין וואס מ'טרעפט געוועגליך אויף דעם ווירוס וואס פאראורזאכט קאוויד 19. די פארשער האבן אנגעלאדענט דעם "דזשין" פאר דעם פראטין אין א צווייטן ווירוס, וואס מ'רופט "אדענא ווירוס", און ווען מ'שפריצט דאס אריין אין די האנט, גייט עס אריין אין די מוסקל צעלן. מ'האט עס אזוי צוגעשטעלט אז דאס זאל נישט קענען מאכן א קאפיע פון זיך זעלבסט אדער קראנק מאכן דעם מענטש, נאר ווען עס קומט שוין אריין אין א צעל, הויבט יענע צעל אן צו פראדוצירן דעם פראטעין.



ביים פארבריצירן דעם וואקסין אין דעם געמאליע אינסטיטוט אין מאסקווע

ענליכע וואקסינען זענען איצט אונטער טעסטס ביי 3 גרויסע אינטערנאציאנאלע דראג פירמעס, וואס יעדע פון זיי מאכט פראבעס אויף אן אנדערן סארט אדענא ווירוס, נאר די רוסן טוען אביסל אנדערש, זיי נוצן 2 פון די נייע ווירוסעס אין איין וואקסין. ביי זייערע ערשטע פראבעס האט מען געגעבן אן איינשפריצונג פאר וואלונ־טירן פון ערשטן אדענא ווירוס "עי. די. 26" און 3 וואכן שפעטער אן איינשפריצונג פון "עי. די. 5", און נאכדעם ווי מ'האט געמאכט די טעסטס אויף מאלפעס און אנדערע בעלי חיים און מ'האט געזען אז זיי זענען באשיצט געווארן קעגן קאוויד און האבן נישט געליטן קיין שעדליכע זייטן ווירקונגען, האבן זיי אנגעהויבן די פראבעס אויף מענטשן, זייער א קליינע פראבע בלויז אויף וואלונטירן, וואס אלס פארגלייך האט די כינעזער דראג פירמע דורכגעפירט איר פראבע אויף 382 מענטשן וואס האבן באקומען דעם וואקסין און נאך 126 וואס האבן באקומען א פלאסיבא, ווען די רוסן האבן קיינעם נישט געגעבן קיין פלאסיבא.

די רוסישע וואקסין האט געברענגט מילדע סימפטאמען ביי א צאל מענטשן אזוי ווי היץ און קאפ ווייטאג, אבער זיי מעלדן מיט צופרידנהייט אז די פולע וואקסין האט פראדוצירט אנטיבאדיס וואס קען באשיצן דעם מענטש פון דעם ווירוס.

א ווירוס עקספערט פון קארנעל, אין ניו יארק, האט אבער באטאנט אז קיין שום פראבעס קענען נישט דעמאנסטרירן אז זיי באשיצן קעגן קאוויד, ווייל דאס קען נאר קומען נאך די פאזע 3 פראבעס, מיט א גרויסע צאל באטייליגטע וואס באקומען א וואקסין אדער א פלאסיבא. א פאזע 3 טעסט קען אויך אויפדעקן שעדליכע זייטן ווירקונגען וואס איז פארפאסט געווארן דורך די קלענערע פריערדיגע שטודיעס.

די רוסישע וויסנשאפטלער האבן איצט געשריבן אז זיי האבן אויגוסט 26 באקומען באשטעטיגונג פאר פאזע 3 טעסטס אויף 40,000 מענטשן.

עס איז שוין פארהאן 7 אנדערע וואק־סינען וואס זענען שוין אין די שפעטערע פראבעס. דזשאנסאן ענד דזשאנסאן וועט אנהויבן איר פאזע 3 פראבעס אין סעפטעמבער, נאוואוואקס אין אקטאבער, און אינאיינעם מיט די רוסישע פאזע 3 פראבעס וועט מען האבן 10 אזעלכע פראבעס אונטערוועגנס, וואס עס קען דויערן חדשים ארויסצובאקומען קלארע רעזולטאטן און זיי דארפן זייער פארזיכטיג שטודירט ווערן ביז מ'פאסט א באשלוס צו באשטעטיגן א נייעם וואקסין פאר'ן ברייטן באנוץ.

יעדער וויל א וואקסין, אבער קיינער וויל נישט באגיין א טעות, האט איין עקספערט באטאנט, צוליב דעם, זאל מען נאך צוווארטן אביסל אז מיר זאלן וויסן אין וואס מיר גייען אריין.

* * *

## אמעריקאנער האבן אויסגעפאלגט די אפשפארונג פארלאנגען

אן אינטערעסאנטע שטודיע איז דורכגעפירט געווארן דורך די סי. די. סי., נאכגייענדיג די סעלפאון אקטיוויטעטן, און דאס ווייזט אז דאס אמעריקאנער פאלק האט אין אלגעמיין אויסגעפאלגט די "לאקדאון" פארארדענונגען, וואס מיינט די פארלאנגען אפצושליסן דאס לאנד, מען זאל זיצן אינדערהיים.

די סי. די. סי . האט געארבעט אינאיינעם מיט וויסנשאפטלער פון די דזשארדזשיע טעק אוניווערזיטעט צו אנאליזירן די סעלפאון סטאטיסטיקס פון מערץ 1 ביז מאי 29. מען זעט אז אין 98 פראצענט פון די אמעריקאנער קאונטיס ווי מען האט פארלאנגט צו בלייבן אינדערהיים, זענען טאקע מענטשן ווינציגער ארויס פון שטוב.

קאליפארניע איז געווען די ערשטע סטעיט צו באפעלן צו בלייבן אינדערהיים, שוין מערץ 19. דערנאך איז געקומען ענליכע פארארדענונגען אדער כאטש מילדערערע ראט אזוי צו פירן זיך אין נאך 41 סטעיטס. 22 פון די באפעלן זענען געווארן לייכטער, בלויז אלס ראט און נישט אלס א באפעל ביז ענדע מאי, און מען זעט אז די מענטשן האבן טאקע אנגעהויבן מער ארומצוגיין.

מאי 3 האבן שוין 19 פראצענט פון די קאונטיס אדער אפגעשאפן אדער געלאזט אפלויפן די באפעלן צו בלייבן אינדערהיים און מענטשן האבן טאקע זאפארט אנגעהויבן ארויסצוגיין מער פון שטוב, מער אנקערן זיך מיט אנדערע מענטשן, וואס מיינט אויך פארגרעסערן די קאוויד איבערנעמען ריזיקע. דער באריכט אדרעסירט נישט די קאוויד ראטעס זעלבסט, נאר עס מאכט יא קלאר אז די באפעלן צו בלייבן אינדערהיים האט געארבעט, עס האט געצוימט א הויפט ריזיקע סיבה פאר פארשפרייטן דעם ווירוס, נעמליך, קאנטאקט וואס מענטשן האבן מיט אנדערע מענטשן.

די סי. די. סי. אנערקענט אבער אז אזעלכע פארארדענונגען האבן געשטערט דאס נארמאלע לעבן פאר'ן פאלק, און די פעדעראלע באאמטע זאגן אז די וואס פאסן פאליסיס דארפן אויסארבעטן ווען עס איז די בעסטע צייט פאר אזעלכע באפעלן צו רעכענען זיך, און צו מינימיזירן די עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע שאדנס, אבער אין די זעלבע צייט פארגרעסערן זייער ווירקונג צו באקעמפן די ווירוס אויסשפרייטונג.

ווען קאליפארניע האט מערץ 19 פארארדענט מענטשן צו בלייבן אינדערהיים, (פארטא ריקא האט פיר טעג פריער געגעבן אזא באפעל, אבער דאס איז נישט א סטעיט) האט שוין די סטעיט געהאט 1,040 באשטעטיגטע קאוויד פאלן מיט 19 טויטע דערפון. א גרויסע טייל פון לאנד איז ברוגז געווען אויפ'ן דראסטישן באפעל פון דעם דעמאקראטישן גאווערנאר גאווין ניוסאם. טייל האבן דאס באצייכנט ווי אן איבערגעטריבענע אומנויטיגע רעאקציע צו א ווירוס וואס האט דאן געכאפט ווינציגער פון דריי טויזנטסטלעך פון איין פראצענט פון

# אין קאמף קעגן "קאוויד-19":

קאליפארניע'ס באפעלקערונג, אבער צוביסלעך האבן אויך די אנדערע סטעיטס געמוזט נאכפאלגן דעם ביישפיל פון קאליפארניע, ווען אויך אין זייערע סטעיטס איז אנגעקומען דער ווירוס.

עס זענען אבער געווען זעקס סטעיטס וואס האבן גארנישט געטון צו צוימען קאנטאקטן צווישן מענטשן אדער זייער באוועגונגען. זיי זענען: ארקענסאו, נעבראסקא, נארט דאקאטא, סאוט דאקאטא, ווייאמינג און יוטא. די סטעיטס זענען אבער נישט אזוי געדיכט באוואוינט, ווי צ.ב.ש. ניו יארק און קאליפארניע, און האבן אפילו איצט א פיל קלענערע צאל פון די קאוויד פאלן. עס איז אבער געווען א פאלשע איינרעדעניש אז קאוויד וועט נישט אנקומען צו יענע סטעיטס, ווען פאריגן פרייטאג זענען נארט דאקאטא, סאוט דאקאטא, נעבראסקא און אייאווא (אייאווא איז געווען צווישן די לעצטע סטעיטס צו "ראטן" ערשט ענדע אפריל אז מען זאל בלייבן אינדערהיים) האבן איצט דעם שנעלסטן וואוקס פון קאוויד פאלן אין אמעריקע.

די סעלפאון סטאטיסטיקס איז טאקע אינטערעסאנט, אבער עס קען נישט באטראכט ווערן ווי א פארלעסליכער אנדייטער וויפיל עס האט געהאלפן דאס בלייבן אינדערהיים, נישט קראנק צו ווערן, ווייל דאס ווייזט דאך נישט גענוי וועלכע מענטש איז געבליבן אינדערהיים און ווער ס'איז יא ארויסגעגאנגען, און עס ווייזט נישט צי זיי האבן באקומען אדער פארשפרייט דעם ווירוס. עס ווייזט בלויז וואו די סעלפאון איז אלץ געווען אין לויף פון די צייט. א שטודיע אין מאי פון דזשאנס האפקינס אוניווערזיטעט האט שוין דאן געוויזן אז די טעגליכע קאוויד ראטעס איז געפאלן אין דורכשניט פון ארום 12 פראצענט צו בלויז ארום 5 פראצענט נאכדעם ווי די סטעיטס האבן זיך אנגעהויבן "אפשפארן" אין מערץ.

די סי. די. סי. שטעלט נישט צו קיין גענויע ציפערן איבער וויפיל מער מענטשן זענען געבליבן אינדערהיים ווען מען האט דאס געפאדערט פון זיי, נאר אויף דעם העלפט די סטאטיסטיקס פון די סעלפאונס וואס ווייזט אז די סעלעפאונס (וואס מיינט די וואס האבן געהאט די סעלעפאונען) זענען אנדערטהאלבן מאל געווען מער אויסגעשטעלט צו זיין אינדערהיים נאך דעם אפיציעלן פארבאט ארויסצוגיין, ווי פריער.

מען זעט אויך אז די מענטשן אין די שכנות'דיגע סטעיטס האבן אנגעהויבן בלייבן אינדערהיים, לערנען זיך פון דעם קאליפארניע באפעל אפילו פאר זייער אייגענע סטעיט האט דאס פאראדענט, און די זעלבע איז אויך געווען פארקערט, אז ווען מען האט אפיציעל אפגעשאפן די פארבאטן, אזוי ווי אלאסקא וואס איז געווען די ערשטע סטעיט צו לאזן אפלויפן דעם פארבאט אפריל 24, האט זיך באלד אנגעהויבן מער באוועגונגען אין די סטעיט, און די זעלבע אויך אין אנדערע שכנות'דיגע סטעיטס.

מאי 31 האט מען שוין געהאט 11 סטעיטס וואס האבן אינגאנצן אפגעשאפן אלע אפזונדערונג פארלאנגען און נאך 22 האבן דאס מינימיזירט צו בלויז "ראט", נישט א באפעל, און מען זעט א באדייטנדע פארמערונג אין די באוועגונגען פון די מענטשן ווען די פארלאנגען האבן נאכגעלאזט.

טייל עקספערטן זענען באזארגט אז ווען עס וועט צו קאלט ווערן צו עסן אינדרויסן ווען מען גייט אין א רעסטוראנט, וועט זיך נאכאמאל אנהויבן א גרעסערע אויסשפרייטונג פונעם ווירוס ווען מער מענטשן וועלן עסן אינעווייניג, וואס אזוי קען מען זיך דאס גרינגער איבערנעמען און אויך ווען מער מענטשן וועלן אנהויבן צו פארן מיט "פובליק טראנזיט". אויב דאס וועט געשען, האלט די סי. די. סי. וועט מען פיליכט נאכאמאל דארפן פאראדענען צו בלייבן אינדערהיים.

פארשטייט זיך אז מען האפט אויף א וואקסין וואס זאל ענדליך ברענגען אן ענדע צו דעם פאנדעמיק, אבער עס איז שווער צו גלויבן אז דאס אמעריקאנער פאלק וועט נעמען דעם וואקסין נאך פאר'ן ווינטער, אויב מען וועט עס איצט באשטעטיגן און מענטשן וועלן דאס באטראכטן ווי א פריצייטיגע באשטעטיגונג, אונטערגעיאגט דורך די טראמפ אדמיניסטראציע צוליב די וואל חשבונות, צו האבן א וואקסין ווען פרעזידענט טראמפ וויל ווידערערוויילט ווערן. עווענטועל, אינמיטן ווינטער, וועט שוין יא זיין איינס אדער מער וואקסינען וואס זענען דורכגעגאנגען אלע גרויסע און שווערע פראבעס, אז דאס פאלק זאל האבן צוטרוי צו דעם וואקסין, און נישט מורא האבן צו נעמען די וואקסינאציע.

* * *

## וויסנשאפטלער זענען נאך אלץ נישט זיכער צי אנטיבאדים באשיצט קעגן דעם ווירוס

מיליאנען אמעריקאנער האבן שוין באקומען א "פאזיטיוו" רעזולטאט אז זיי האבן אנטיבאדיס, וואס זיי האפן אז דאס זאל זיי באשיצן קעגן אנגעשטעקט צו ווערן מיט דעם קאוויד ווירוס. אבער די וויסנשאפטלער זענען נאך אלץ נישט זיכער ווי לאנג דאס שטעלט צו אימיוניטעט, ווען געוויסע שטודיעס ברענגען זארג אז די אנטיבאדיס קענען אנהייבן אוועקצוגיין ביז דריי מאנאטן, אבער א מער פרישע שטודיע האלט אז עס קען ווירקזאם זיין וויניגסטנס פיר מאנאטן.

דאס איז א וויכטיגע פראגע נישט בלויז פאר די מענטשן וואס האבן אנטיבאדיס, נאר אויך פאר די פארשער וואס ארבייטן אהערצושטעלן א וואקסין וואס איז געבויעט אויף דעם פרינציפ פון אויפבויען אן אנטיבאדיס באשיצונג אינעם קערפער פון די וואס באקומען די וואקסינאציע.

נאך חדשים צוריק, ווען די פאנדעמיק האט נאך מורא'דיג געבושעוועט, האבן פרעזידענט טראמפ און זיינע הויפט געזונטהייט ראטגעבער גערעדט פון א נייעם טעסט וואס וועט זאגן פאר די מענטשן צי זיי האבן שוין געהאט דעם ווירוס, וואס מיינט אז זיי האבן אנטיבאדיס און דאס וועט זיי באשיצן פון נאכאמאל קראנק ווערן. פרעזידענט טראמפ האט עס ווידערהאלט ביי זיינע טעגליכע פרעסע רעפעראטן אין אפריל, אז מיט דעם טעסט, וועלן די אמעריקאנער קענען צוריקגיין צו די ארבעט. מען האלט שוין זיבן חדשים שפעטער, מען נעמט שוין דעם טעסט אין גרויסן, אבער מען איז נאך אלץ נישט זיכער ווי שטארק און ווירקזאם דאס איז.

עס איז נישטא קיין קלארע סטאטיסטיק וויפיל אנטיבאדי טעסטס מען האט שוין געגעבן איבער'ן לאנד. אין די שטאט ניו יארק האט מען שוין געגעבן איבער 1.5 מיליאן אזעלכע טעסטס ביז ענדע אויגוסט, און א הויפט דאקטאר פון די שטאטישע העלט לאבאראטאריע האט רעאגירט אויף דעם אז מען האט טאקע שטארק געהאפט אז דאס וועט אונז אלע ראטעווען, נאר מען האלט נאכנישט דארט, מען וועט נאך מוזן א סאך שטודירן און אנאליזירן ביז מען וועט האבן א קלארע בילד איבער די ווירקזאמקייט, און ווי לאנג די אנטיבאדיס געבן אימוניטעט.

די סי. די. סי. ווי אויך די "אמעריקען מעדיקל אסאסיעישאן" (די אמעריקאנער פאראיין פון דאקטוירים)ווארענען קלאר אז מען זאל נישט נוצן אנטיבאדי טעסטס צו פאסן באשלוסן אדער צוריקשיקן מענטשן צו די ארבעט אין אפיסעס, אדער סטודענטן אין די שולעס, אפילו אויב עס זענען פארהאן לאבאראטאריעס וואס רעקלאמירן אז דאס איז די מעלה פון זייער אנטיבאדי טעסט. די סי. די. סי. רעקאמענדירט אז יעדער זאל ווייטער נעמען באווארענונגען צו פארמיידן כאפן און פארשפרייטן דעם ווירוס, אפילו די וואס זענען שוין קראנק געווען און האבן זיך ערהוילט. אין אנדערע ווערטער, מען זאל זיך נישט פארלאזן אויף די אנטיבאדיס צו נעמען אומנויטיגע ריזיקעס.

דר. פאוטשי און טייל פון זיינע קאלעגעס האבן שוין גאנץ פרי אין קריזיס געזאגט אז עס איז טאקע א שכל'דיגער זאך אנצונעמען אז אויב מען האט אנטיבאדיס איז מען באשיצט, אבער זייענדיג דער פארזיכטיגער הויפט דאקטאר, האט דער וויסנשאפטלער פאוטשי באמערקט אז מען האט נאכנישט קיין איבערווייז אויף דעם.

די געוועגליכע פראצעדור צו באקומען פעסטע באווייזן איז, מיט עקספערימענטן וואס מען הויבט קודם אן אויף אנדערע באשעפענישן, און אויב דארט ווייזט דאס פאזיטיווע רעזולטאטן מאכט מען טעסטס אויף מענטשן, וואס דאס אלעס דויערט צייט. פארשטייט זיך, אויב עס וועט באשטעטיגט ווערן א וואקסין וואס איז געבויעט אויף די אנטיבאדי וויסנשאפטן, און דאס וועט דאך שוין האבן דורכגעגאנגען די אלע פראבעס, וועט דאס ווייזן אז די אנטיבאדיס איז יא עפעס אויף וואס מען קען זיך פארלאזן, אלס א שוץ קעגן קאוויד.

די עקספערטן זאגן אז אויף צוויי זאכן איז וויכטיג די אנטיבאדי טעסט. ערשטנס, אלס ברייטע שטודיע אויפ'ן אלגעמיינעם פאלק צו זען ווי ברייט די ווירוס האט זיך פארשפרייט, און צווייטנס, צו טרעפן מענטשן וואס האבן א הויכן אנטיבאדי שטאפל, צו נוצן זייער בלוט פלאסמא ביי די עקספערימענטאלע באהאנדלונגען פאר ערנסטע קאוויד קראנקע.

די עף. די. עי. האט גאנץ פרי אינעם פאנדעמיק גענומען א סטראטעגיע צו געבן ווי מער ערלויבענישן פאר ווי מער טעסטס, אז עס זאל זיין גענוג פאר'ן גאנצן לאנד. מען האט באשטעטיגט איבער 170 טעסטס, מיט א שוואכע אויפזיכט אויף די טעסטס. כאטש פרעזידענט טראמפ האט זיך בארימט איבער די "פאנטאסטישע פארשריט" צוצושטעלן די טעסטס, האבן אבער טייל באאמטע אויסגעדרוקט זארגן, איבערהויפט נאכדעם ווי מען האט געהערט אז אין אייראפע האבן די רעגירונגען געצווינגען ארויסצווארפן מיליאנען פעלערהאפטיגע טעסטס. ממילא איז מען באזארגט געווען אז דאס זעלבע זאל זיך נישט אפשפילן אויך אין אמעריקע, אז מענטשן וועלן באקומען א פעלערהאפטיגע טעסט און גלויבן אז זיי האבן אנטיבאדיס ווען פאקטיש האבן זיי דאס נישט. צוליב דעם האט די עף. די. עי. מער איינגעצויגן אירע פאליסיס פאר אנטיבאדי טעסטס שוין אין מאי, פארלאנגנדיג אז די פירמעס מוזן צושטעלן סטאטיסטיקס איבער די טעסטס, און די עף. די. עי. האט ביז דערווייל באשטעטיגט בלויז ארום 40 אזעלכע טעסטס ווען צענדליגער אנדערע ווערן נאך באטראכט פאר באשטעטיגונג.

ביי טעסט פלעצער אין די שטאט ניו יארק, האבן שוין דאקטוירים פאר א נאן-פראפיט מעדיצינישע גרופע וואס דינט די ארימערע קאמיוניטיס אין אפריל געזאגט פאר די מענטשן אז אויב זיי זענען געווען פאזיטיוו פאר אנטיבאדיס קענען זיי גאנץ רואיג צוריקגיין צו די ארבעט, כאטש זיי האבן זיך באווארנט מיט'ן צוגעבן אז "גארנישט איז נישט הונדערט פראצענט".

די גרינדער פון די גרופע, דר. רעמאן טאלאש, האט אין אן אינטערוויו

פארטיידיקט דעם ברייטן טעסט צוגאנג וויל די ארבייטער וואלטן סיי ווי צוריקגעגאנגען צו זייער ארבייט, האט אזא אנטיבאדי טעסט בלויז צוגעשטעלט נאך איין שיכט פון באשיצונג פאר זיי.

אין רוב געגנטער אין די שטודיע, האבן ווינציגער פון פינף פראצענט פון די באפעלקערונג געהאט אנטיבאדיס, וואס איז היבש נידריגער פון די שטאפלען וואס זענען נויטיג צו טראכטן פון "הערד אימיוניטעט", ממילא לייגט מען אריין מער כוחות אויף א וואקסין.

* * *

## פרישע קאוויד כוואליע אין שפאניע באטראכט ווי א ווארענונג פאר אמעריקע

אין שפאניע האט מען אנגענומען זייער שטרענגע אפשליסונג מיטלען, וואס האט אנגעהאלטן דריי מאנאטן אנגעהויבן פון מערץ. עס האט ממש דערשטיקט די עקאנאמיע און גע'הרג'עט דעם טוריזם, און זייער אומבאקוועם געמאכט דאס לעבן פאר די איינוואוינער. עס האט אבער געהאלפן, עס האט אויסגעזען ווי מען האט אפגעשטעלט דעם פאנדעמיק אין יענעם לאנד, און מען האט געוויזן פאר אנדערע לענדער צו קוקן אויף שפאניע, צו לערנען זיך ווי אזוי מען דארף זיך פירן צו מאכן ארדענונג ביי א פאנדעמיק.

איצט איז אבער גאר אן אנדערע געשיכטע, דער זומער איז פאריבער און אויב עס זענען אומגעקומען ווייניגסטנס 28,000 מענטשן אין די פרילינג מאנאטן, האט מען זיך געלאזט וואוילגיין זומער מיט די איינרעדעניש אז ס'איז שוין דערנאך און מען קען שוין ווייטער הוליען און ארומפארן אויף וואקאציעס, דערווייל איז שפאניע אריינגעפאלן ווידעראמאל אין א פרישן קריזיס, ווען דער פאנדעמיק האט נאכאמאל אויפגעלעבט.

רעגירונג באאמטע ווילן נישט נוצן דעם אויסדרוק "צווייטע כוואליע", כאטש עס ווערט אזוי באצייכנט אין די לאקאלע און אינטערנאציאנאלע מידיא, אבער ווען דער צאל נייע פאלן שיסט שוין ארויף צו 9,000 א טאג, דער גרעסטער צאל אין גאנץ אייראפע, איז שפאניע איצט געווארן א סימבאל פאר די גאנצע וועלט אז מען זאל זיך לערנען פון שפאניע ווי אזוי מען דארף זיין פארזיכטיג אפילו ווען מען קען זיך איינרעדן אז דער קריזיס איז שוין פאריבער.

שפאניע האט איצט א גרעסערע ראטע פון נייע קאוויד קראנקע, לויט די באפעלקערונג, אפילו פון אמעריקע, דאס איז א ביטערע לעקציע טאקע פאר אמעריקע וואו מען האט זייער שנעל נאכגעלאזט פון די באווארענונגען, ווי מען זעט פון די קאוויד כוואליע וואס האט אזוי שווער געטראפן אזויפיל סטעיטס אין אמעריקע.

ווייניג לענדער לאזן איצט אריין מענטשן פון שפאניע. א סאך עירליינס ווילן אפילו נישט פליען אהין. די שפאנישע אדער אנדערע וואס האבן אראפגעטעסטעט אין שפאניע, מוזן ווייזן רעזולטאטן פון א טעסט צו באשטעטיגן אז זיי זענען נישט קאוויד קראנק אויב זיי ווילן ארויפגיין אויף אן עראפלאן וואס פליט צו אן אנדער לאנד, און ווען זיי קומען אן זענען זיי אפטמאל אויסגעשטעלט צו פרישע טעסטס ווי אויך א פארלאנג פון צוויי וואכן זעלבסט-קווארענטין אין א סאך פאלן.

רוב פון די אייראפעאישע פאראיין לענדער האבן געלייגט זייער קאלעגע מדינה שפאניע אויף די "רויטע ליסטע", ווארענענדיג זייערע בירגער נישט צו פארן קיין שפאניע. אפילו פראנקרייך, וואס אויך דארט האט נאכאמאל אנגעהויבן שטארק צו שטייגן דער צאל קאוויד קראנקע, רעדט שוין אויך פון שליסן איר גרעניץ מיט שפאניע וועלכע איז אויף דרום פון פראנקרייך.

דער איצטיגער מצב איז טאקע נאכנישט אזוי שלעכט ווי עס איז געווען אין מערץ, אבער העלפט פון די פאזיטיוו קאוויד טעסט רעזולטאטן זענען ביי מענטשן וואס האבן נישט קיין סימפטאמען, און די פאטאליטעט שטאפלען זענען היבש נידריגער ווי אין די פרילינג מאנאטן, פונדעסטוועגן איז מען זייער ערנסט באזארגט איבער דעם מצב. 7,000 אדער 8,000 נייע קאוויד קראנקע א טאג איז צופיל, עס איז נישט צו איגנארירן, און די איבריגע וועלט אנאליזירט וואס פארא פעלערן שפאניע איז באגאנגען אז מען זאל זיך אפלערנען דערפון, צו פארמיידן אן ענליכן קריזיס.

אזוי ווי די אמעריקאנער סטעיטס האבן פארשידענארטיגע קאוויד פאליסיס איז די זעלבע אויך ביי די 17 היבש זעלבסטשטענדיגע ראיאנען אין שפאניע. אין מערץ איז דאס נישט געווען קיין פראבלעם ווייל דאן איז דער מצב געווען אזוי קריטיש אז די נאציאנאלע רעגירונג האט איינפאך דערקלערט אן עמוירדזשענסי צושטאנד פאר'ן גאנצן לאנד, א פארבאט ארויסצוגיין פון שטוב סיידן פאר עסן אדער צוליב מעדיצינישע נויטן. אין יוני, ווען מען האט שוין אפגעשאפן דעם עמוירדזשענסי צושטאנד האט די נאציאנאלע רעגירונג איבערגעגעבן פאר די לאקאלע ראיאנען די ווירטשאפט, און עס איז געווארן א צומישעניש פון וואס מען ליידט איצט, מען צאלט איצט דעם פרייז ווען יעדער ראיאן האט געהאט אנדערע באווארענונגען, רוב פון זיי לייכטערע, און מען זעט איצט די גרויסע צרות וואס איז געקומען פון דעם, און מען האפט אז אנדערע לענדער וועלן זיך אפלערנען פון דעם.

עס הערשט אזא צעמישעניש אין שפאניע, אז אפילו די סטאטיסטיקס איבער די פרישע טויט פאלן טוישט זיך אויך דראמאטיש, עס קען זיך אפילו טוישן מיט עטליכע טויזנט אין לויף פון טאג, ווען מ'ענדערט דעם פראצעדור ווי אזוי מען ציילט דאס. דאס גרעסטע צייטונג אין שפאניע האט לעצטענס געמאכט א חשבון אז דער אפיציעלער רעגירונג צאל פון איבער 29,000 קאוויד טויטע, האט פאקטיש אויסגעלאזט ווייניגסטנס א דריטל פון דעם עכטן צאל וואס דארף זיין נאענטער צו 45,000.

אזוי ווי אין אמעריקע, האט מען זיך אויך נישט געקענט גלייכן אין שפאניע איבער'ן באנוץ פון מאסקעס אויף די פנים'ער. ווען שפאניע האט יוני 21 געלאזט עפענען דאס לאנד, האט די נאציאנאלע רעגירונג געווארנט אז מ'זאל נוצן מאסקעס, וואס די לאקאלע רעגירונגען האבן אויסגעטייטשט ווי א רעקאמענדאציע, אז מ'קען טאן ווי אזוי מ'וויל, ממילא זענען געווען ראיאנען וואו מ'האט שטרענג פארלאנגט אז מ'מוז גיין מיט א מאסק כאטש ווען מ'גייט ארויס פון שטוב, אבער די ראיאנאלע רעגירונג אין מאדריד פארלאנגט בלויז צו נוצן מאסקעס ווען מ'פארט אויף מאסן טראנזיט אדער ווען מ'געפינט זיך אינעווייניג וואו מ'קען נישט ווייט אוועקשטיין פון אנדערע מענטשן.

ערשט אין אויגוסט האט מאדריד אנגעהויבן פארלאנגען אז מ'מוז נוצן א מאסק כמעט איבעראל, און מאדריד ליידט איצט דאס מערסטע פון גאנצן לאנד. איבער א דריטל פון די נייע קאוויד פאלן זענען געווען אין מאדריד, דאס ברענגט זארג אז דאס איז דער הויפט טראנספארטאציע צענטער פאר שפאניע. עס האלט שוין אזוי ווייט אז געזונטהייט באאמטע באטראכטן אפצושליסן די הויפטשטאט פון לאנד.

אפילו ווען עס איז יא אין קראפט שטרענגע פארלאנגען, זעט מען אז געוויסע לאקאלע רעגירונגען געבן זיך נישט אפ דערמיט. מ'קען זען צ.ב.ש., אין בארצעלאנא, וואו נישט גיין מיט א מאסק אינדרויסן קען ברענגען א 100 יורא שטראף, איז אן אפטע ערשיינונג אז מענטשן שפאצירן אן מאסקעס ממש נעבן א פאליס און מ'ווערט זיי נישט אפשטעלן.

אין די רעסטוראנטן מוזן די טישן זיין ווייניגסטנס 6 פיס אפגעריקט, אבער עס איז אן אפטע ערשיינונג אז 6, 8 אדער אפילו מער מענטשן שטופן זיך צו איין טיש, ווייל אזוי גייט בעסער זייער פארטי.

עס איז שווער צו פארשטיין, אבער מענטשן וואס וועלן גיין מיט א מאסק אויף די גאס, וועלן דאס אין א סאך פאלן אויסטאן ווען זיי זענען אין אן איבערגעפולטן "באר" וואו זיי שטייען זייער נאענט צו אנדערע מענטשן.

אין פארטוגאל מוזן די רעסטוראנט ארבייטער גיין מיט מאסקעס און הענטשעך און האבן אויף זייער פאסיק א "סאניטייזער" צו רייניגן זייערע הענט. אין שפאניע קען מען זייער אפט זען אז די רעסטוראנט ארבייטער האבן א מאסק וואס דעקט בלויז צו זייער מויל, און אפטמאל אפילו נישט דאס. די שפאנישע זענען "ווארעמע" מענטשן, און ווען מ'טרעפט זיך, באגריסט מען זיך מיט האלדזן און קישן, און ערשט אין אויגוסט האט דאס געזונטהייט מיניסטעריום געווארנט אז דאס קען זיין א גרויסע סכנה, חדשים שפעטער ווי מ'האט עס שוין געווארענט אין די אנדערע לענדער.

ווען דער צאל קאוויד פאלן האט אנגעהויבן צו שטייגן אין אויגוסט, איז דער מיטלער עלטער פון די קאוויד קראנקע געפאלן צו 33, און געזונטהייט אינסטאנצן באשולדיגן די יונגע מענטשן וואס קומען זיך צוזאם ביי פארטיס, ווען זיי טרינקען צופיל אלקאהאלישע משקאות, נעמט דאס אוועק פון זיי דעם געפיל אז מ'דארף זיך היטן און באווארענען. מ'זעט איצט די רעזולטאטן דערפון, אז די קאוויד פאלן שטייגן זייער שטארק, און דאס דארף זיין א ווארענונג אויך פאר אמעריקע, אז אויב מ'לאזט נאך, קען דאס קומען מיט א טייערן פרייז.

* * *

## שטודיעס איבער שעדליכקייט פון אביסיטי פאר קאוויד געליטענע

די דאקטוירים האבן שוין ביים אנהויב פונעם פאנדעמיק באמערקט אז א גרויסע צאל פון די ערנסטע קראנקע וועגן צופיל. דאס האט זיך מער אנגעזען ווען דער פאנדעמיק האט זיך מער אויסגעשפרייט, און די פארשער פרובירן נאך אלץ אויסצורעכענען גענוי פארוואס דאס איז אזוי, און וואס מען קען טאן דערוועגן.

איין שטודיע פון איבער 5,200 קאוויד פאציענטן פון וואס 35 פראצענט זענען געווען "אביס", וואס מיינט צו דיק, האט געוויזן אז די אויסזיכטן צו מוזן אנקומען אין שפיטאל איז געשטיגן פאר מענטשן וואס האבן געהאט א דיקערן בויך, אפילו ווען מען נעמט אין חשבון אויך אנדערע אומשטענדן וואס קען ביישטייערן צו זייער ריזיקע.

די וויסנשאפטלער טראכטן צי דאס קען זיין ווייל אביסיטי שאדט פאר'ן אימיון סיסטעם פון קערפער, אבער דאס אלעס איז נאך שפעקולאציע. עס קען אויך זיין איין סיבה פארוואס געוויסע לענדער זענען שווערער געטראפן געווארן, אזוי ווי אמעריקע, ווי די אביסיטי ראטע ביי ערוואקסענע מענטשן שטייגט שוין צוביסלעך צענדליגער יארן און האלט איצט ביי 42 פראצענט, און די ראטע איז נאך אפילו העכער ביי שווארצע און שפאנישע.

ווירוס נייעס און נאטיצן:

# ניו יארקער העלט קאמישאנערווארנט איבער פארגרעסערטע קאוויד ראטעס אין חרדי'שע געגנטער




די טשארטס ווייזן ווי אזוי עס האט אנגעהויבן צו שטייגן די צאל פאזיטיווע קאוויד רעזולטאטן אין עטליכע פון די חרדי'שע געגנטער, וואס איז אדרעסירט געווארן אין דעם בריוו פונעם קאמישאנער.

מ'זעט אויפ'ן וויליאמסבורג טשארט ווי אזוי די געגנט ארום וויליאמסבורג האט א פאזיטיווע פראצענט ראטע אונטער 1 פראצענט, וואס דא זעען מיר אויך די אלגעמיינע שטאטישע סטאטיסטיקס. ווען מ'קוקט אבער אויף גאנץ וויליאמסבורג, שטייגט עס שוין נאענטער צו 1 פראצענט, אבער אין די חרדי'שע געגנטער, געמאסטן לויט די סענסוס טרעקטס, האט דאס אנגעהויבן איינמאל צו שטייגן אין די וואך נאך תשעה באב (ווארשיינליך ווען עס האבן זיך נאכאמאל אנגעהויבן די חתונות), אבער עס האט זיך דערנאך סטאביליזירט און אפילו אביסל צוריקגעפאלן ביז ר"ח אלול, ווען מ'האט אויפסניי געהאט חתונות וואס זינט דאן איז עס גאר שטארק געשטיגן.

דער נייער העלט קאמישאנער פון די שטאט ניו יארק, דר. דעיוויד טשאקשי, האט זונטאג אווענט ארויסגעשיקט אן "אימעיל" צו די אידישע פרעסע און מידיא, בעטנדיג אז מ'זאל איבערגעבן פאר די לייענער באזארגנדע קאוויד-19 נייעס, מיט די האפענונג אז דאס וועט ברענגען גינסטיגע רעזולטאטן.

ער שרייבט אז ער האט לעצטנס באמערקט א גרעסערע ראטע פון קאוויד-19 פאלן, אין א סאך געגנטער וואס האבן א גרויסע ארטאדאקסישע אידישע באפעלקערונג, און ער האט אויסגערעכנט עטליכע פון זיי, וואס ווען מ'פארגלייכט די ראטעס דארט צו די שכנות'דיגע געגנטער, זעט מען דעם אונטערשיד. צווישן די געגנטער מיט מער קאוויד פאציענטן זענען, וויליאמסבורג, בארא פארק און מידוואוד אין ברוקלין, און פארעסט הילס און פאר ראקאוועי אין קווינס.

נאך מער, שרייבט דער קאמישאנער אז זיי באקומען אויך צייכנס וואס זיי באטראכטן ווי "סיגנאלן" אין קלענערע טיילן פון יענע געגנטער, וואו עס איז געוועון אן אומנארמאלער וואוקס אין קאוויד פאלן.

ער דערמאנט די טעלעפאנישע קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטן געווארן עטליכע וואכן צוריק מיט די אידישע פרעסע, וואו דער קאמישאנער האט געבעטן אז מ'זאל מער פארזיכטיג זיין, אבער מ'זעט נאך אלץ אז דאס איבערגעבן קאוויד זעט אויס אז עס טרעפט זיך מער אפט אין די קאמיוניטיס וואס זענען אין די געגנטער וואס איר דעקט, ווי אין א סאך אנדערע טיילן פון די שטאט. קאוויד-19 קען איבערגעגעבן ווערן פון אן ערוואקסענעם צו א קינד, און מ'זעט דאס אין פאמיליעס, אז קינדער נעמען זיך טאקע איבער פון עלטערע מענטשן אין טייל פון די קאמיוניטיס.

דער קאמישאנער דערמאנט אז די געגנטער וואו מ'זעט איצט אז מ'נעמט זיך מער איבער דעם ווירוס, זענען גאר שווער געטראפן געווארן אין די ערגסטע וואכן פון דעם פאנדעמיק אין דעם פארלאפענעם פרילינג, "און מיר ווילן קיינמאל נישט צוריקגיין צו יענע שוידערליכע טעג", בעט זיך דער קאמישאנער.

ער שרייבט אויך, אז מיר מוזן באטאנען, אז די פריערדיגע ערפארונג פון קאוויד-19 אין יענע קאמיוניטיס - וואס מיינט אז א גרויסער עולם האט שוין געהאט דעם ווירוס - גאראנטירט נישט אימוניטעט פון צוקונפטיגע איבערנעמען זיך. די וויסנשאפט האט נאך נישט פעסטגעשטעלט אז קיין שום געגנט אין די שטאט ניו יארק, האט דערגרייכט "הערד אימיוניטי" ("טשערדע אימוניטעט", וואס מיינט אז גענוג מענטשן האבן שוין אימוניטעט נישט איבערצונעמען זיך דעם ווירוס, אז מ'דארף שוין נישט זיין באזארגט איבער די קליינע צאל מענטשן וואס האבן נישט די אימוניטעט, ווייל זיי וועלן זיך נישט האבן פון וועמען דאס איבערצונעמען), אדער אפילו ווילאנג די אימוניטעט האלט אן נאך דעם ווי עמיצער האט זיך ערהוילט פון קאוויד-19 (וואס מיינט, אז יענער מענטש האט "אנטיבאדיס").

אלע ניו יארקער, אריינגערעכנט קינדער, מוזן אויספאלגן די באווארענונגען, וואס נעמט אויך אריין וואשן די הענט, צודעקן דאס פנים (אויב מ'איז שוין עלטער פון צוויי יאר), אוועקשטיין פון אנדערע מענטשן, און בלייבן אינדערהיים אויב מ'איז נישט געזונט. יעדער מוז אויך פארמיידן גרויסע פארזאמלונגען, און זיך איזאלירן מיט א פארזיכערונג אויב מ'איז אויסגעשטעלט געווארן צו עמיצן אויף וועמען מ'האט פעסטגעשטעלט אז יענער האט געהאט קאוויד-19. אויב איזאלירן זיך אינדערהיים אויף א פארזיכערטן שטייגער איז שווער, קען די שטאט צושטעלן וואו אזעלכע מענטשן זאלן זיך אויפהאלטן, אדער אנדערע הילף מעגליכקייטן.

אלע ניו יארקער זאלן נעמען א טעסט. צו טרעפן א פלאץ וואו מ'קען נעמען דעם טעסט, רופט 311, אדער גייט צום שטאטישן ספעציעלן וועבסייט nyc.gov/covidtest.

דער קאמישאנער פירט אויס זיין ביטע-בריוו, אז מיר ווייסן אז יעדער וואס וואוינט אין די דאזיגע געגנטער, טיילט מיט אונזער טיפע זארג פאר זייערע פאמיליעס, פריינט און שכנים, און מיר בעטן אלע ניו יארקער צו טאן זייער חלק צו העלפן קאוויד-19 אוועקשטיין פון אונז.

דער קאמישאנער שרייבט עס אונטער מיט א דאנק און מיט דאנקבארקייט.

*

לויט די סטאטיסטיקס פון זונטאג, האט שוין א גאנצע וואך זיך יעדן טאג געהאלטן ביי בלויז 0.8 פראצענט די פראצענט ראטע פון די "פאזיטיווע" רעזולטאטן פון די קאוויד טעסטס.

אין די שטאט ניו יארק איז אין דעם פארלאפענעם מעת לעת ביז זונטאג 1 אזייגער מיטאג צוגעקומען 295 קאוויד פאלן אבער עס איז ב"ה נישט געוועזן קיין פרישע פאטאליטעטן. בסך הכל זינט'ן אנהויב פון דעם פאנדעמיק איז אין די שטאט איז געוועזן 236,009 באשטעטיגטע קאוויד פאלן.

אין די גאנצע סטעיט איז צוגעקומען 729 פאלן אין דעם מעת לעת, ווייל עס איז געוועזן א גרויסער וואוקס אין אן אפסטעיט קאונטי (ביי קאלעדזש סטודענטן). עס איז געוועזן 9 פאטאליטעטן, עס איז שוין געוועזן 439,501 באשטעטיגטע קאוויד פאלן.

די צאל נייע מענטשן וואס קומען אריין אין שפיטעלער איז אין די פארלאפענע וואך געוועזן צווישן 47 און 84, א טאג, און די שטאטישע געזונטהייט אינסטאנצן ווילן מיט אלע מעגליכקייטן פארזיכערן אז דער מצב זאל זיך נישט פארערגערן, צוליב דעם לייגט מען א




די טשארטס פון בארא פארק ווייזן אויף נאך א שטארקערן וואוקס, וואס אויך דארט האט זיך עס אנגעהויבן אין די אידישע געגנטער נאך תשעה באב, אויף אזוי ווייט אז עס האט ארויפגעשאסן ביז צו א הויכע פאזיטיווע ראטע פון העכער 6. סוף חודש איז עס אביסל צוריקגעפאלן צו אונטער 6 פראצענט, און דערנאך האט עס נאכאמאל אנגעהויבן צו שטייגן.

אין די געגנט ארום בארא פארק האט מען אויך געהאט א העכערע ראטע ווי די דורכשניטליכע ראטע אין די גאנצע שטאט, ווייל מ'האט דאך געטראפן א געגנט אין סאנסעט פארק וואו עס איז געווען א שטארקער וואוקס אין די קאוויד פאלן, וואס דארט האט די שטאט באוויזן צו "מאכן ארדענונג", און האט אפגעשטעלט דעם וואוקס.




דער קאמישאנער רעדט אויך פון מידוואוד, וואס איז צווישן בארא פארק און פלעטבוש, וואס אויך דארט האט אנגעהויבן צו שטייגן די פאזיטיווע ראטע אויגוסט 15, און אין די אידישע געגנטער האט עס שוין געהאלטן נאענט צו 4 פראצענט. אין פאר ראקעוועי, איז דאס שוין געשטיגן צו 4.5 פראצענט אין די אידישע געגנטער, און צו 3 פראצענט אין גאנץ פאר ראקעוועי, וואס דארט זעט מען נאך א שארפערן קאנטראסט, ווייל אין די געגנטער ארום פאר ראקעוועי איז די ראטע געפאלן זינט אויגוסט 15 פון 1 פראצענט, צו גאנץ נאענט צו 0.

דער סך הכל פון דעם אלעם איז, מ'דארף געדענקען די פסוק פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, און נישט סתם-אזוי דאס לערנען אדער מעביר סדרה זיין אין פרשת ואתחנן און דאס איגנארירן, ווי מ'זעט אז דאן האט זיך אנגעהויבן א שטארקער וואוקס אין די קאוויד פאלן.

גרויסן געוויכט ווען אימער מ'זעט אנדייטונגען פון פרישע פראבלעמען אין א געוויסע געגנט, אז מ'זאל דאס "דערשטיקן", אראפקלאפן פאר עס ווערט ערנסטער.

*

איבעריג צו זאגן, מ'קען נישט גענוג ארויסהויבן און באטאנען די וויכטיגקייט און די וויכטיגע אינפארמאציע וואס מ'זעט אין דעם בריוול, און אויך וואס מ'זעט נישט אין דעם בריוו, נעמליך, דער קאמישאנער סטראשעט נישט, ער ווארענט נישט, ער פרובירט "מיט גוטן", וואס יעדער געדענקט ווי אזוי עס האט אויסגעזען פסח צייט, ווען די פאליציי האט זיך אראפגעלאזט אויף וויליאמסבורג און שפעטער אויך אויף בארא פארק, מיט מער שטרענגקייט ווי קעגן אנדערע וועלכע זענען נישט געגאנגען מיט א מאסק אויפ'ן פנים, א.ד.ג.

מ'האלט איצט פאר די ימים נוראים, ווען מ'איז מתפלל און מ'בעט זיך אויס א ניי געזונט יאר, זאל מען אויספאלגן די פארלאנגען אז דער קאוויד וואוקס פון די לעצטע פאר וואכן זאל זיך אפשטעלן. עס זאל דערשטיקט ווערן, און נישט ח"ו אז עס זאל נאך מער וואקסן וואס וועט צווינגען די אינסטאנצן צו נעמען שטרענגערע שריט, ווייל עס זענען פארהאן זייער א סאך עלעמענטן וועלכע קוקן מיט א קרום אויג אויף אונז, ווי מ'קען דאס זען ביי כמעט יעדע פרעסע קאנפערענץ פונעם מעיאר, אז ווען עס איז דא עפעס א נעגאטיווע נייעס איבער א חרדי'שע געגנט אדער חרדי'שע אידן, האלט מען פאר דעם מעיאר אדער דעם קאמישאנער פארוואס מ'נעמט נישט גענוג שטרענגע שריט.

מיט אביסל פארזיכטיגקייט, קען מען זיך פארמיידן א סאך שברי לב, שוין אפגערעדט פון היטן דאס געזונט, ווייל מיט דעם איז קאמישאנער שאקטשי גערעכט, קיינער וויל אפילו נישט חלומ'ען ח"ו צוריקצוגיין צו די ביטערע וואכן וואס מ'האט געהאט ארום א האלב יאר צוריק. זאל יעדער זיין געזונט און שטארק, און זיך אויפפירן מיט פארזיכטיגקייט.

*

דינסטאג האט א פייער אינספעקטאר זיך אומגעקוקט אין געשעפטן אין בארא פארק, נאכקוקנדיג צי מען האט פייער עקסטינגווישער'ס וואס ארבעטן, ווי אויך אז אלע ארבעטער גייען מיט מאסקס. אין א געשעפט ווי זיי האבן געפינען פעלערן, האבן זיי געגעבן טיקעטס, און די שטראפן וועט באשטימט ווערן דורך א שטאטישן ריכטער.



ביי א "שנעלע-טעסט" פלאץ אין מיאמי, פלארידא

## נייעס פון א"י און מיטל מזרח:

# חיטוטי שכבי אפגעשטעלט דורך הפגנה אין "מוצא", אין שפיץ פון כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א

ווי שוין באריכטעט, קומען פאר שווידערליכע גראבונגען אין אלטן בית החיים פון "מוצא", א פארשטאט פון ירושלים. די גראבונגען ווערן דורכגעפירט דורך ארבייטער פון "נתיבי ישראל", די פירמע וואס בויען אויס די שטראזן פון די מדינה. זיי גראבן אויס אין בית החיים ריזיגע גריבער, די בולדאזערס שניידן אריין אין די קברי מתי ישראל. זיי צעמאלן זייערע ביינער אין מאל-מאשינען, און א סאך שטיקער עצמות המתים וואלגערן זיך כדומן על פני השדה ר"ל.

זינט ר"ח אלול קומען טעגליך צו פארן קיין מוצא צענדליגער יונגעלייט פון ירושלים און בית שמש. זיי שפרינגען אריין מיט מסי"נ אין די ציין פון די טראקטארס און זיי האלטן אפ די ארבייט לאנגע שעה'ן. טראץ די שווערע היצן פון וואס מען ליידט אין א"י אין די טעג, האלט דאס נישט צוריק די בעלי מסירות נפש.

פאריגע וואך ליל שישי כי תבא, איז אין ירושלים פארגעקומען אן עצרת מחאה קעגן די גזירת חיטוטי שכבי אין מוצא, וואו עס האבן זיך באטייליגט מאסן יראי ה' אשכנזים און ספרדים ובראשם זקני ירושלים. די רבנים האבן אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דרשות, וואס האבן אויפגעפלאמט די הערצער פון ציבור אנצוגיין מיט די מערכה להצלת קברי ישראל, ולהצלת האמונה בהשארת הנפש, וואס די כופרים ווילן אויסרייסן.

די עצרת איז אנגעפירט געווארן דורך הה"ג ר' יעקב הכהן דאווידאוויטש שליט"א. עס האבן אויפגעטרעטן מיט דרשות, הגה"צ ר' דוד שמידל שליט"א יו"ר אתרא קדישא, וואס האט צוליב זיין געזונד צושטאנד גערעדט דורך א הוק-אפ אויפ'ן טעלעפאן. ער האט געזאגט אז אין די לעצטע פאר יאר האבן מיר געהאט אביסל מנוחה פון די חופרי קברים פון די רעגירונג, נאך מערערע שטורמישע הפגנות פון יהדות החרדית, אבער ווי עס שיינט האבן די רשעים אין די לעצטע וואכן ווידעראמאל אנגעהויבן מיט זייערע שענדליכע גראבונגען אין עטליכע אלטע בתי חיים און מערות קבורה אין ירושלים, אלעד, תל-אביב, און אצינד אין מוצא, און נאר אויב מיר וועלן זיך מוסר נפש זיין צו באקעמפן די מחטטי שכבי, וועלן מיר בעזהשי"ת מצליח זיין אפצושטעלן די חפירות. די מלחמה איז א הכרזת האמונה, עס רופט אויס אז מיר גלויבן אין אמונת השארת הנפש ותחיית המתים.

עס האבן אויך אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דרשות הגאון ר' יוסף טאמבאך שליט"א, הגה"צ ר' יוסף מאיר אלטמאן שליט"א, אדמו"ר דחוג חת"ס בני ברק, הגאון ר' טובי' שלעזינגער שליט"א אב"ד קרית אתא און הגאון ר' אהרן סאמעט שליט"א מו"צ דתו"א. דער ציבור איז ארויס מיט א פעסטן באשלוס ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע מלחמה במסירות נפש.

די וואך זונטאג איז געקומען צו פארן קיין מוצא, זיך באטייליגן אין די הפגנות קעגן די מחטטי שכבי. דער זקן הרבנים כ"ק הגאב"ד ירושלים שליט"א, דער רב האט זיך מטריח געווען טראץ זיין עלטער און אויסטערלישע שוואכקייט, אויסצושרייען די מחאה קעגן די שענדליכע חיטוטי שכבי. צוזאמען מיט'ן ירושלימער רב זענען געקומען כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א, און הגאון הגדול ר' יהודא פישער שליט"א, חבר הביד"צ, און מיט זיי זענען מיטגעקומען הונדערטער אידן פון ירושלים און בית שמש, וואס האבן צוזאמען געשריגן קולות מחאה קעגן די שענדליכע גראבונגען.

דאס קומען פון ירושלים'ער רב האט געגעבן גרויס חיזוק און מוט פאר די העלדישע יונגעלייט וואס זענען אריינגעשפרונגען אינעווייניג אין בית החיים, און האבן מיט זייערע קערפער אפגעשטעלט די ארבייט. טייל יונגעלייט זענען אריינגעשפרונגען אין די ציין פון די טראקטארס, און טייל זענען געשטאנען ארום די כלים, אז די ארבייטער האבן נישט געקענט אנגיין מיט די ארבייט, טראץ די שלעק וואס זיי האבן געכאפט פון די וועכטער. 4 יונגעלייט זענען ארעסטירט געווארן און אוועקגעפירט געווארן צו די פאליציי סטאנציע, דאך האבן צענדליגער יונגעלייט געקעמפט מיט מסי"נ קעגן די מחטטי שכבי, ביז זיי האבן בס"ד אפגעשטעלט די ארבייט.

דער ירושלים'ער רב שליט"א האט געזאגט פסוקי יחוד לקבלת עול מלכות שמים, וואס איז נאכגעזאגט געווארן דורכ'ן ריזיגן ציבור בקול רעש גדול, און ער איז צוריקגעפארן קיין ירושלים, אבער די יונגעלייט זענען ווייטער געבליבן באקעמפן די מחטטי שכבי.

נאך א שטיק צייט זענען די פאליציי צוריקגעקומען באגלייט מיט מאסיווע כוחות פון יסמ'ניקעס, וואס האבן מיט צוואנג ארויסגעטריבן די יונגעלייט פונעם שטח, און האבן ארומגענומען די ארבייטער זיי זאלן קענען אנגיין מיט זייער גרָאב ארבייט מיט'ן טראקטאר. די ארבייטער האבן טאקע אנגעצינדן דעם טראקטאר וואס האט אריינגעגראבן אין די קברים. דאן האט איין העלדישער יונגערמאן זיך מוסר נפש געווען, און אריינגעשפרינגען אין שטח און מיט קראפט האט ער דורכגעבראכן דעם מויער פון די וועכטער און פאליציאנטן, און איז אריינגעשפרינגען אין די ציין פון טראקטאר. ער האט געשריגן פאר'ן ארבייטער נאר אויב דו הרג'סט מיך מיט דיין גראב ארבייט קענסטו ווייטער אנגיין מיט'ן גראבן, און כאטש די פאליציי האט יענעם געזאגט ער זאל ווייטער ארבייטן, כאטש דער יונגערמאן וועט ח"ו אומקומען, דאך האט דער ארבייטער פון טראקטאר אפגעשטעלט די ארבייט.

דאן האבן די אנדערע יונגעלייט זיך אויך אריינגעריסן אין שטח, און האבן מיט מסי"נ גענומען צעברעכן די כלי משחת פון די מחטטי שכבי, און זיי האבן אריינגעווארפן צובראכענע אייזענס אין די גריבער וואס די ארבייטער האבן אויסגעגראבן דארט אריינצושטעלן יסודות פאר'ן שטראוז וואס זיי ווילן בויען. מיט די אייזענס האבן די יונגעלייט פארשטאפט די גריבער פאר די אויגן פון די וועכטער און פאליציאנטן, וועלכע זענען געשטאנען מאכטלאז קעגן די מסירות נפש פון די געהויבענע יונגעלייט, ביז די פאליציאנטן האבן אויפגעגעבן און זענען אוועק פון דארט, און די ארבייטער האבן אפגעשטעלט די ארבייט.

די 4 ארעסטירטע יונגעלייט האבן אין די מוצא פאליציי סטאנציע נישט געוואלט קאאפערירן מיט די פאליציי אויספארשונגען. זיי האבן אפילו נישט איבערגעגעבן זייערע נעמען פאר די פאליציי, ביז די פאליציי האט זיי פשוט ארויסגעווארפן פון די פאליציי סטאנציע. דער "ועד למען אסירי ציון" איז די גאנצע צייט געשטאנען צו הילף פאר די יונגעלייט, און זיי געברענגט עסן און טרינקן אין די פאליציי סטאנציע, און זיי צוגעשטעלט טראנספארטאציע אהיימצופארן פון דארט.

די העלדישע הפגנות במסירות נפש האבן צוגעברענגט אז במשך די קומענדיגע טעג האבן די ארבייטער אוועקגעטראגן אלע זייערע שווערע כלים פון דעם שטח פון בית הקברות. כאטש זיי האבן נאך מאנטאג אביסל פרובירט ווייטער צו גראבן אין בית החיים, איז די ארבייט אפגעשטעלט געווארן דורך די העלדישע יונגעלייט וואס זענען געקומען פון ירושלים ובית שמש, און ווען די יונגעלייט זענען ווידעראמאל געקומען דינסטאג קיין מוצא זענען זיי איבעראשט געווארן, אז אלע ארבייטער האבן פארלאזט דעם שטח פון בית הקברות, און האבן אוועקגעטראגן אלע זייערע ארבייטס כלים צו אנדערע שטחים וואו עס זענען נישטא קיין קברים.

ווי עס זעט אויס, איז ב"ה דערווייל אפגעשטעלט געווארן די שענדליכע חטוטי שכבי, בכח פון די מסירות נפש פון די יונגעלייט, מיט די אפענע שטיצע פונעם שר צבא ה' ירושלימער רב שליט"א. די עסקנים שטייען אבער ווייטער אויף די וואך אין מוצא, און אויך אין תל-אביב און אין אלעד, אז די חיטוטי שכבי זאלן ח"ו נישט באנייט ווערן.

*

## גאנץ וויל אפשטופן דאס באשטעטיגן נייעם חוק הגיוס מיט עטליכע חדשים

דער לינקער שר הבטחון, גאנץ, האט דינסטאג געמאלדן, אז כאטש ער מיט די באאמטע פון זיין משרד הבטחון האבן שוין אויסגעארבייט צוזאמען מיט די פרומע חברי הכנסת דעם נייעם חוק גיוס החרדים צום מיליטער און שירות לאומי ואזרחי, וואס וועט נאכקומען דעם אורטייל פון בג"צ, אויף "שוין בנטל", אז די חרדים מוזן דינען אין דינסט פון די מדינה פונקט ווי די פרייע יוגענטליכע. לויט דעם טערמין פון בג"צ וואלט דער נייעם געזעץ געמוזט באשטעטיגט ווערן אין כנסת די קומענדיגע וואך כ"ז אלול, און דאס יהדות החרדית איז געוועזן זייער באזארגט אז די גזירות הגיוס וועט שוין באלד באשטעטיגט ווערן בהסכמת חברי הכנסת פון די פרומע פארטייען, דערווייל אבער האט גאנץ באשלאסן צו בעטן פון בג"צ ווידעראמאל אפשטופן דעם טערמין אויף עטליכע חדשים, וויבאלד צוליב די פאליטישע קריגערייען אינערהאלב די רעגירונג, איז נישט מעגליך שוין די וואך אריינצוברענגען אין כנסת דעם נייעם גיוס געזעץ, וואס וועט ענדערן דעם גאנצן פראדעצור פון מאביליזיאציע צו מיליטער אויך פון די פרייע באפעלקערונג. דעריבער האט ער געבעטן פון בג"צ עס אפצושטופן מיט עטליכע חדשים.

ח"כ יאיר לפיד, פון די "יש עתיד" פארטיי, האט פראטעסטירט קעגן די אבשיבונג פונעם חוק הגיוס. ער האט געמאלדן אז ער וועט אריינגעבן א קעגן-קלאגע אין בג"צ נישט צו לאזן ווידעראמאל אפשטופן דעם חוק הגיוס, וואס איז שוין אפגעשטופט געווארן 7 מאל אין די לעצטע פאר יאר.

לויט אנאליסטן האט זיך גאנץ זיינע אייגענע פאליטישע אינטערעסן מיט אפשטופן דעם חוק הגיוס,

וויבאלד ער האט מורא אז די רעגירונג וועט בקרוב פאלן, און עס וועט ווידעראמאל פארקומען פרישע בחירות לכנסת, האט ער מורא אז די לינקע פארטייען, וואס האבן זיך לעצטענס אפגעטיילט פון זיין כחול-לבן פארטיי ווען ער איז אריין אין א קאאליציע רעגירונג צוזאמען מיט נתני' וועלן אים פארדאמען פאר'ן נאכגעבן פשרות פאר די חרדישע חברי הכנסת אין חוק הגיוס, און זיי וועלן דאס אויסנוצן אלס פראפאגאנדע ביי די בחירות קעגן אים ביים לינקן לאגער. דעריבער זוכט גאנץ אפצושופן דעם חוק הגיוס מיט עטליכע חדשים, מיט'ן חשבון אז אינצווישן וועט די רעגירונג זיכער פאלן.

דאס יהדות החרדית האפט צום באשעפער אז פונקט ווי דער נייער חוק הגיוס איז שוין ביז היינט נאכאנאנד אפגעשטופט געווארן בזכות תפילות רבים מיראי ה', אזוי זאל די גאנצע גזירות הגיוס אינגאנצן בטל ווערן מיט אלע גזירות רעות.

דערווייל ליידן נאך טויזנטער חרדישע בחורים פון די פריערדיגע גזירות הגיוס בהסכמת החרדים. אלע הצלה ארגאניזאציעס מגיוס טענה'ן אז עס קומען צו זיי אן ווענדונגען פון טויזנטער ישיבה בחורים וואס זענען פארפלאנטערט געווארן מיט'ן מילטער אדאנק די ווירוס עפידעמיע, ווען זיי זענען ארויסגעפאלן פון די ישיבות מיט קפסולות, און האבן פארלוירן זייער מעמד בן ישיבה, אז זיי קענען נישט באקומען קיין דיחוי פון מיליטער. אויך האבן זיך די מיליטערישע "גייסים" פאנגער, פארלייגט אויף די טויזנטער בחורים וואס האבן דעם יאר פארלוירן זייער מעמד בן ישיבה, זיי איבערצורעדן צו קומען דינען אין מיליטער, און זיי האבן ליידער באוויזן איבערצורעדן א סאך ישיבה בחורים צו גיין דינען אין מיליטער, ה' ירחם.

*

## כינוס "המגינים" פאר די "גיבורי חיל"

אין די זעלבע צייט וואס די רשעים מיט זייערע פרומע שותפים, פלאנירן פלענער אויך א פרישן גזירת הגיוס, איז אין ירושלים פארגעקומען פאריגן ליל שישי כי תצא אין א זאלן פון בנות ירושלים, א הערליכער כינוס חיזוק "המגינים" לכבוד די העלדישע גיבורי חיל מבני ישוב הישן, וואס שטעלן זיך נישט צום לשכת הגיוס, אפילו נישט צו בעטן א דיחוי אדער א פטור. דאס זוברעכט דעם קראפט פון יעדן חוק הגיוס, וויבאלד טויזנטער בחורים און יונגעלייט גיבורי חיל ובני עלי' פייפן אויף אלע באפעלן פון מיליטער, זיי שרעקן זיך אפילו נישט פון גיין אין טורמע צוליב זיך נישט שטעלן צום מיליטער, וואס דאס האט אפגעשוואכט דעם פריערדיגן חוק הגיוס, אז די רשעים האבן נישט געקענט אויספירן זייערע פינסטערע פלענער צו מאביליזירן צענדליגער טויזנטער בני ישיבות צו צה"ל, אז מיט די צייט האבן די מיליטערישע אינסטאנצן אויפגעהערט ארעסטירן גיבורי חיל, ווייל יעדער ארעסט האט איבערגעקערט די מדינה.

אצינד האט דער "ועד גיבורי חיל" וואס פירט אן אלע אקטיוויטעטן, מחזק צו זיין די גיבורי חיל העלדן אין באזונדערע כוללים פאר די גיבורי חיל, און צו רעקרוטירן פרישע גיבורי חיל צווישן די בחורים מבני ישוב הישן, דורך פארופן כינוסי חיזוק און דורך טיילן מתנות, ווי די שטריימלעך פאר אלע חתנים פון די גיבורי חיל, וואס קענען נישט ארויספארן פון לאנד צו שאפן געלט פאר זייערע חתונות, מיט די שטיצע פון "ועד גיבורי חיל" אין אמעריקא. זיי האבן פארופן א כינוס "המגינים" מחזק צו זיין די הונדערטער בעלי מסי"נ די גיבורי חיל, וואס זענען ארויס מיט א קאמפיין צו שאפן פאנד פאר דעם "ועד גיבורי חיל" וואס זיי פירן אן די הייליגע מלחמה פון די גיבורי חיל.

לכבוד דעם כינוס "המגינים" דאנערשטאג נאכט, האט כ"ק מרן הגאב"ד ירושלים שליט"א געשריבן א פייערדיגן בריוו צו שטיצן די גיבורי חיל, וואס זיי זענען "מגינים" וואס באשיצן דעם גאנצן ציבור מבני היהדות החרדית, ווי א פאנצער קעגן די גזירות הגיוס פון די רשעים. ענליך האט אויך געשריבן הגה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א, אז וויבאלד עס איז דא די גבורי חיל בעלי מסי"נ, וואס שטעלן זיך אינגאנצן נישט צום לשכת הגיוס, זענען דורך זיי אויך ניצול געווארן אויך הונדערטער אנדערע פון מיליטער.

ביים כינוס האבן זיך באטייליגט חשוב'ע רבנים ובראשם כ"ק האדמורי"ם ממשכנות הרועים ומחסידי ירושלים שליט"א. עס האט אויפגעטרעטן מיט דברי ברכה, הגאון הגדול ר' יודא פישער שליט"א חבר הביד"צ, וואס האט דראמאטיש ערקלערט, אז ער איז זיכער אז די גיבורי חיל וועלן גיין פארענט פון כלל ישראל לקבל פני משיח צדקינו! עס האבן אויך אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דרשות לחזק הגיבורי חיל, הג"ר דוד האכבערגער שליט"א ראש ישיבת כנסת אלי', און הג"ר יחזקאל ערלאנגער שליט"א, און נאך חשוב'ע רבנים ועסקנים וואס האבן אויפגעפלאמט דעם ציבור ארויסצוגיין אין דעם קאמפיין בימים י"ג וי"ד אלול, צו שאפן פאנדן בארץ ובחוץ לארץ לחזק את הועד למען גיבורי חיל, זיי זאלן קענען אנגיין מיט די מערכות למען כבוד שמים! דער גאון ישראל ר' ישראל יצחק קאלמאנאוויטש שליט"א האט געשיקט צום כינוס אן ענוועלאפ מיט א גרויסע סומע געלט לחיזוק גיבורי החיל מקדשי השם.

נאך בלויז צוויי טעג פון דעם קאמפיין וואס די גיבורי החיל האבן אנגעפירט, איז ב"ה ביז'ן ענדע טערמין דאנערשטאג 12:00 אזייגער ביינאכט געלונגען איבערצושטייגן זייער ציל פון 450,000 שקלים. די סומעס געלט וואס זענען געקומען פון טויזנטער נדבנים, האט ב"ה דערגרייכט א האלבן מיליאן שקלים, לטובת "ועד גיבורי החיל" און די 2 כוללים פון די גיבורי חיל אין ירושלים און בית שמש, כה לחי!

*

## גמזו אטאקירט הגר"ח קניבסקי שליט"א, און נאך שארפע פראטעסטען בעט ער אים איבער

דער קאראנא צאר גמזו איז פאריגע וואך ארויס מיט א שארפע אטאקע קעגן הגאון ר' חיים קניבסקי שליט"א, ווען עס איז נתפרסם געווארן א הוראה פון מנהיג פון דגל התורה, הגר"ח קניבסקי שליט"א פאר די בני הישיבות, אז זיי זאלן נישט אויספאלגן דעם באפעל פון משרד הבריאות, אז אויב איין בחור איז געווארן אנגעשטעקט מיט'ן ווירוס, מוזן אלע בחורים וואס האבן מיט אים א שייכות אויך זיך איזאלירן אויף 10 טעג, און זיי מוזן אלע מאכן בדיקות טעסטן צי זיי האבן נישט געכאפט דעם ווירוס, וואס דאס האט שוין גורם געווען צו א סאך ביטול תורה, און טייל ישיבות זענען לעצטענס געשלאסן געווארן צוליב די גזירות. דעריבער האט הגר"ח קניבסקי ארויסגעגעבן א הוראה, אז די געזונטע בני הישיבות זאלן נישט מאכן קיין בדיקות, נאר די וואס זענען אנגעשטעקט זאלן זיך איזאלירן, און די איבעריגע בחורים זאלן ווייטער לערנען תורה. זיין פסק האט אויפגעבראזט דעם פראפעסאר גמזו, אז ער האט שארף פארדאמט דעם גאון, ער האט געפרעדיגט אז ער איז שולדיג אין פארשפרייטן דעם ווירוס אין לאנד, און נאך שארפע רייד קעגן דעם רב.

די שארפע אטאקע פון גמזו האט אויפגעבראזט די חברי הכנסת פון דגל התורה פארטיי. כאטש זיי אליין האבן איגנארירט די הוראות פון הגר"ח אין די ענינים, און זייער צייטונג יתד נאמן האט עס אפילו נישט פובליצירט פאר די בני הישיבות, פארקערט, זיי פרעדיגן שטענדיג אויסצופאלגן אלע באפעלן פון משרד הבריאות, אריינגערעכנט דאס מאכן בדיקות אויף אלע בחורים, דאך האבן זיי נישט געקענט פארשווייגן די באליידיגונג פון גמזו קעגן זייער שר התורה הגר"ח קניבסקי, דעריבער זענען די חברי הכנסת ארויסגעקומען מיט שארפע אטאקעס קעגן גמזו, על עלבון כבוד התורה פון הגר"ח, און ווען גמזו האט די וואך געוואלט קומען באזוכן בני ברק, האט דער מעיאר רובינשטיין געמעלדן אז גמזו איז נישט וועלקאם אין בני ברק, און ער וועט נישט קאאפערירן מיט אים.

זעענדיג די שארפע מחאות פון אלע חרדישע קרייזן האט גמזו געמוזט צוריקציען פון זיינע אטאקעס, און איבערבעטן הגר"ח קניבסקי. ער האט אבער געגוצט אן אויסריידן אז די חברי הכנסת פון דגל האבן אים אויפגעקלערט, אז ער האט נישט גוט פארשטאנען די הוראה פון הגר"ח, ער האט נישט געמיינט צו זאגן אז די בחורים זאלן בכלל נישט מאכן קיין בדיקות, נאר אין ספעציפישע פאלן... דעריבער האט גמזו זיך אנטשולדיגט.

*

## ציוניסטישע רעגירונג פארשליסט בתי חינוך אין בני ברק און רוב חרדישע שטעט און געגנטער

די רעגירונג קאראנא קאבינעט אין שפיץ פונעם פרעמיער נתני', און זיין קאראנא-צאר גמזו, האבן די וואך ארויסגעגעבן גזירות רעות קעגן 40 א.ג. "רויטע" שטעט, נאכדעם וואס דער ווירוס האט זיך שטארק פארשפרייט אין לאנד. די צאל טויטע ל"ע איז שוין ש"ק איבערגעשטיגן די צאל פון טויזענט טויטע ל"ע, און כמעט יעדן טאג קומען צו פרישע 3,000 אנגעשטעקטע פונעם ווירוס ר"ל. די רעגירונג פירער האבן באשלאסן אנצולייגן די שולד אויף די חרדים, און להבדיל די אראבער, נישט אויף די פרייע באפעלקערונג. כאטש לויט די אפיציעלע סטאטיסטיקס פון משרד הבריאות, איז די צאל פון טויטע און די שווער קראנקע, פיל ווינציגער ביי די פרומע באפעלקערונג ווי ביי די פרייע באפעלקערונג אין לאנד, וואס פון זיי באשטייען רוב פון די טויטע און שווער קראנקע ר"ל, דאך באשולדיגן די רשעים אז דער חרדישער ציבור פארשפרייט דעם ווירוס איפ'ן גאנצן פאלק.

פון אנהויב האט די רעגירונג ארויסגעגעבן א פולקאמע גזירת "סגר" א לאק-דאון אויף 40 א.ג. "רויטע" שטעט אין געגנטער וואו דער ווירוס איז שטארק פארשפרייט. דער גרעסטער טייל פון די שטעט זענען חרדישע שטעט, ווי בני ברק, אלעד, עמנואל, רכסים, ביתר, מודיעין עילית, און עטליכע חרדישע געגנטער אין ירושלים, ווי סנהדרי' און רמת שלמה, און רמות, א.א.וו. און אויך די חרדישע געגנטער אין אשדוד און די געגנטער קרי' החרדית, רמות א', נחלה ומנוחה אין בית שמש, און די איבעריגע רויטע שטעט זענען אראבישע שטעט, אבער קיין איין פרייע שטאט, בלויז געציילטע פרייע געגנטער זענען צווישן די 40 שטעט. עס שטעלט זיך קלאר ארויס אז די רשעים פון משרד הבריאות שטעלן צו פאלשע שאצונגען קעגן חרדישע שטעט, און די אראבער, ווי עס האט מודה געווען א ארבייטער פון משרד הבריאות אז זיי רעכענען די צאל אנגעשטעקטע אויך די ישיבה בחורים וואס שטאמען פון רויטע שטעט, וואס זיי לערנען אין ישיבות אין אנדערע שטעט און זענען דארט אנגעשטעקט געווארן, כדי אזוי צו פארגרעסערן די צאל אנגעשטעקטע פון די חרדישע שטעט זיי אריינצורעכענען אין די רויטע שטעט.

# נייעס פון די אידישע וועלט:

(פארזעצונג פון זייט 14)

האט געלט און זיי זענען אידן, און זיי נעמען איצט נקמה פאר זייערע "ברידער אין פאלעסטינע".

אלע 3 אנפאלער זענען פאראורטיילט געווארן צו טורמע, אבער כאטרי, וועלכער האט באקומען 16 יאר טורמע, איז אנטלאפן נאך פאר מ'האט אים געקענט ארעסטירן. איצט האט מען אים ענדליך געכאפט, און מ'וועט זען וואס עס וועט ווערן מיט אים אין אלזשיריע.

* * *

## אוקראינער פאליציי באפרייט אידישן ביזנעסמאן וועלכער איז פארכאפט געווארן אלס משכון פאר אויסלייז געלט

די פאליציי אין אוקראינע האט באפרייט א איד וועלכער איז פארכאפט געווארן אינדרויסן פון די בראדסקי שוהל אין קיעוו, און איז געהאלטן געווארן אין געפענגעניש א וואך צייט דורך א באנדע פארברעכער וועלכע האבן פארלאנגט אויסלייז געלט. די באנדע ווערט אנגעבליך אנגעפירט דורך א געוועזענעם אפיציר פון דעם אוקראינער געהיים דינסט.

לויט ווי מ'הערט, האבן די קידנעפער געארבייט פאר'ן געוועזענעם ביזנעס שותף פון דעם איד, און זיי האבן אים ארויסגערופן פון די שוהל אונטער א פאלשע געשיכטע. דארט האבן זיי אים געצוואונגען אריינצוגיין אין א קאר, און זענען אוועקגעפארן מיט אים אין א פארווארפענע הייזקע וואס געהערט פאר די באבע פון איינעם פון די באנדע. פאר זיי זענען אהין אנגעקומען, האט דער איד פרובירט צו אנטלויפן, צו ראטעווען זיין לעבן. ער איז אראפגעשפרינגען ארום 15 פיס און האט זיך צובראכן ביידע פיס.

נאכדעם ווי זיין ווייב האט איינגעמאלדן אז ער איז נישט אהיים געקומען, האט די פאליציי געקענט נאכגיין די שפורן פון דעם איד, דורך שטודירן מערערע זיכערהייט קאמעראס מיט וואס זיי האבן געקענט גענוי צונויפשטעלן וואו אלץ די קידנעפערס זענען געפארן, וואס אין דער זעלבער צייט האבן זיי געפארשט דעם קאנפליקט מיט'ן געוועזענעם שותף, וואס ער איז ארעסטירט געווארן אינאיינעם מיט זעקס אנדערע קאנספיראטארן.

דער אינערן מיניסטער פון אוקראינע, ארסען אוואקאוו, האט אליין גענומען אן אקטיווע אינטערעסע, און האט צוזאמענגעשטעלט א גרופע וואס האבן געארבייט אומערמידליך צו העלפן טרעפן און ראטעווען דעם איד.

* * *

## פאליציי ארעסטירט ברוטאלן אנפאלער פון וויליאמסבורג

דער 27 יעריגער דזשאשוא קרוז פון ווייט עוו. איז ארויסגעלאזט געווארן פון די פסיכיאטרישע אפטיילונג אין וואודהאל שפיטאל, אבער נאכדעם ווי עטליכע מענטשן האבן אריינטעלעפאנירט צו דעם פאליציי "האטליין", צו אידענטיפיצירן קרוז אלס דער פארדעכטיגטער אין א ברוטאלע אטאקע וואס איז פארגעקומען אויגוסט 25, נעבן דיוויזשאן עוו. און ראדני סט., ווען דער שייגעץ איז צוגעגאנגען פון הינטערוויילעכץ און האט אראפגעווארפן א פרוי אויף דער ערד און האט זי ביטער אנגעשלאגן, האט די פאליציי אים ארעסטירט פרייטאג.

קרוז, ווי מ'זעט, איז נישט א נארמאלער מענטש. ער איז שוין ארעסטירט געווארן צען מאל אויף פארשידענע קלאגעס, אריינגערעכנט רויבעריי און אנפאל. ממילא זענען דא גוטע אויסזיכטן אז איצט וועט ער אפגעשיקט ווערן אין א גייסטישן אנשטאלט פאר לענגערע באהאנדלונג, ווען מ'זעט וואס פארא געפאר ער איז ווען ער דרייט זיך אויף די גאסן.

* * *

# וואס מיר זאגן:

## לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים

(פארזעצונג פון זייט 6)

שלימה, און מיר קוקן שוין אזוי שטארק ארויס אז מיר זאלן געזונטערהייט דערלעבן יענעם טאג, וועלן מיר דא דערמאנען וואס מ'בעט נאענט צום סוף פון די סליחות, מי שענה לאלי' בהר הכרמל הוא יעננו. דער רבוש"ע וואס האט געענטפערט אויף די תפילות פון אלי' הנביא ווען ער איז געווען אויפ'ן בארג כרמל, וואו ער האט זיך ארויסגעשטעלט איינער קעגן די ע"ז דינער, זאל אויך איצט ענטפערן פאר אונז, אננעמען אונזערע תפילות, ווייל אין די היינטיגע וועלט, שטייען מיר אויך אין אן ענליכן מצב ווען מיר דארפן קענען ביישטיין די שווערע כוחות און נסיונות פון די עלעמענטן וואס זוכן אונטערצוגראבן אונזער אידישקייט, און מיר גייען מיט א בטחון, אז די ערליכע תפילות פון סליחות און אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרצון.

# נייעס פון א"י און מיטל מזרח:

די גזירות האט שטארק אויפגעבראזט די חרדישע חברי הכנסת אין די מעיארן פון די חרדישע שטעט, וואס האבן ביז היינט געשטיצט אלע גזירות פון משרד הבריאות. זיי האבן די גאנצע צייט קאאפערירט מיט'ן משרד הבריאות און גע'רודפ'ט די פרומע אידן וואס האבן נישט אויסגעפאלגט די באפעלן פון משרד הבריאות, אצינד האבן זיי געזען אז די חנופה האט זיי גארנישט געהאלפן, אז די שטרענגסטע גזירות זענען געקומען דוקא אויף זייערע שטעט. זיי האבן שארף פראטעסטירט קעגן פרעמיער נתני', און זיין קאראנא צאר גמזו, און האבן געמאלדן אז זייערע שטעט וועלן נישט קאאפערירן מיט די לאק-דאון באפעלן פון די רעגירונג.

דערווייל האבן די חברי הכנסת פון די פרומע פארטייען אין שפיץ פון ח"כ אשער פון דגל אויסגעארבייט א שענדליכע פשרה מיט די רעגירונג, אז עס וועט בלויז זיין א טיילווייזע סגר לאק-דאון אין די "רויטע שטעט". בלויז אין די נאכט שעה'ן וועט זיין א קורפיו פון 7:00 אזייגער ביינאכט ביז 5:00 פארטאגס, וואס דאן וועט יעדער מוזן זיין איינגעשפארט אין די הייזער. מען וועט נישט טארן ארויסגיין נאר צו א געשעפט ביז 500 מעטער, אבער איבער'ן גאנצן טאג וועלן אלע בתי חינוך תת"ס, מיידל שולעס, און קינדערגארטענס, און ישיבות מוזן זיין פארשלאסן, אין די א.ד.ג. רויטע שטעט, אריינגערעכנט בני ברק, וואס דאס מיינט א שרעקליכער ביטול תורה פון תשב"ר ובני הישיבות, אנגעהויבן פון קומענדיגן דינסטאג. די פאליציי וועט אויספירן די געזעצן און דאס מיליטער שיקט אריין 500 זעלנער ארויסצוהעלפן די פאליציי.

דאס אומפארטייאישע יהדות החרדית איז פעסט אנטשלאסן נישט אויסצופאלגן דעם באפעל פון די רעגירונג צו פארשליסן די תת"ס וישיבות, ספעציעל אז די פאקטן ביז היינט האבן באוויזן אז די היימישע געגענטער אין ירושלים און בית שמש, וואו די היימישע רבנים האבן די גאנצע תקופה פונעם ווירוס ארויסגעגעבן די הוראה, ממשיך צו זיין מיט'ן לערנען תורה מיט תשב"ר אין די חדרים און ישיבות. בלויז די וואס זענען אנגעשטעקט געווארן זענען געבליבן אין בעט אין זייער היים.

צווישן די פארבאטן פון די רעגירונג אויף די א.ג. "רויטע" שטעט, איז אויך קעגן מאכן חתונות אין די וואכן, באגלייט מיט א דראאונג אז די פאליציי וועט געבן גרויסע קנסות און אנקלאגן די חתנים און כלות וואס וועלן יא מאכן זייער חתונה אין די וואכן.

עס ווערט אנגעוויזן אז אין די זעלבע צייט ערלויבט די רעגירנג פאר די פרייע באפעלקערונג אנצוגיין מיט זייערע וועכענטליכע ריזיגע הפגנות קעגן נתני'. עס איז לעכערליך וואס דער משרד הבריאות טענה'ט אז פון די צענדליגער טויזענטער פרייע וואס באטייליגן זיך ביי די הפגנות, איז קיינער פון זיי נישט אנגעשטעקט געווארן פונעם ווירוס... בשעת עס ווערט אנגעוויזן אז אפילו פאליציאנטן זענען אנגעשטעקט געווארן ביי יענע הפגנות. זעט אויס אז די פאליציאנטן זענען גאר אנגעשטעקט געווארן פון חרדים אין די רויטע שטעט...

גמזו ווארענט אז אויב וועט דער מצב נישט בעסער ווערן, וועט ער פאררופן א "סגר" לאק-דאון אויפ'ן גאנצן לאנד אויף יו"ט ראש השנה. מען איז אין א"י זייער באזארגט פון פרישע גזירות קעגן די שוהלן, און קעגן מצות תקיעת שופר אין ר"ה. דער ציונסטישער ספרדישער רב הראשי האט שוין מפרסם געווען "פסקים", אז מען זאל נישט ר"ה דאווענען אין די שוהלן געהעריג, פסוקי דזמרה זאל מען דאווענען אינדערהיים, און שחרית מיט מוסף זאל נישט דויערן מער ווי 2 שעה. מען זאל נאר בלאזן 30 קולות מיט'ן שופר ביי תקיעות דמיושב און סיי ביי תקיעות דמעומד, און נאך קלות'דיגע קולות. א רב פון קרית ספר פון דגל פארטיי האט פארעפענטליכט א פסק, מען זאל נאר ארויסבלאזן מיט'ן שופר פון פענסטער, און קיינער זאל נישט שטייען נעבן בעל תוקע, נישט צו כאפן דעם ווירוס פון שופר.

# קאמפיין נייעס:

(פארזעצונג פון זייט 37)

קיין איינע פון די 2 זאכן, אלס דער בעסערער וועג צו ענדיגן די פראטעסטן. דאקעגן ביי די טראמפ וויילער האבן בלויז 22 פראצענט געשטיצט פאליציי רעפארמען קעגן 54 פראצענט וואס ווילן ענדערש באשטראפן די פראטעסטירער, און 23 פראצענט האלטן אזביידע אויסוואלן טויגן נישט. אנאליסטן האבן באלד אנגעוויזן אז אפילו ביי די טראמפ שטיצער זענען בלויז עטוואס מער פון העלפט איבערצייגט אז באשטראפן די פראטעסטירער איז דער בעסערער וועג איינצושטילן דעם מצב.

ווער מאכט אייך שפירן מער פארזיכערט? אויף דעם האבן 48 פראצענט פון די נאציאנאלע רעגיסטרירטע וויילער געזאגט ביידען, 43 פראצענט האבן אויסגעקליבן טראמפ.

מ'קען אבער נישט אינגאנצן אוועקמאכן די טראמפ אויסזיכטן אין די וואלן, ווייל אויף די פראגע, ווער וואלט געטאן א בעסערן דזשאב צו באהאנדלען די עקאנאמיע שטייט טראמפ אביסל פאראויס מיט 45 פראצענט צו 44 פראצענט פאר ביידען, אבער אויף די פראגע פון א בעסערן דזשאב צו באהאנדלען דעם קאוויד ווירוס, האט ביידען באקומען 50 פראצענט צו בלויז 38 פראצענט פאר טראמפ.

מ'האט אויך אויסגעפרעגט די וויילער וואס זייער מיינונג איז איבער'ן אנדערן קאנדידאט, נישט דעם וועמען מ'שטיצט, וואס באזארגט זיי דאס מערסטע אויב יענער געווינט.

ביי די ווארשיינליכע טראמפ וויילער האבן 59 פראצענט געענטפערט, עקאנאמישע טעמעס; 31 פראצענט, פאליציי און פראטעסטן; 7 פראצענט ראסע און ראסע באציאונגען; 4 פראצענט קאראנעווירוס פראגעס.

ביי די ווארשיינליכע ביידען וויילער זענען זיי דאס מערסטע געווען באזארגט איבער די קאוויד זאכן, 38 פראצענט; ראסע און ראסע באציאונגען 30 פראצענט; פאליציי און פראטעסטן 17 פראצענט; און ביי 15 פראצענט איז די עקאנאמישע זאכן זייער גרעסטע זארג אונטער טראמפ.

ביי די וואס האלטן אז פראטעסטן איז א הויפט באאיינפלוס פאר וועמען זיי וועלן שטימען, שטייען דערווייל די 2 קאנדידאטן גאנץ נאענט אין וויסקאנסין, נישט צופיל אנדערש ווי אין אויגוסט, און טראמפ שטייט איצט דארט פאראויס 48 צו 46 פראצענט, און אין גאנצן לאנד שטייט ביידען פאראויס 50 צו 45 פראצענט.

אויף די פראגע צי מ'איז צופרידן ווי אזוי דער קאנדידאט האט באהאנדעלט די פראטעסטן וואס קומען לעצטענס פאר, זעט מען אבער אז 51 פראצענט זענען צופרידן פון ביידען'ס ווירטשאפט סיי אין די נאציאנאלע אנקעטע און אויך אין וויסקאנסין, ווען 44 פראצענט זענען מער צופרידן געווען פון טראמפ אין די נאציאנאלע אנקעטע און 45 פראצענט אין וויסקאנסין.

וואס איז דער הויפט ציל פון רוב דעמאנסטראנטן? אין וויסקאנסין איז דאך פארגעקומען שרעקליכע ראיאטן גאנץ לעצטענס, זעט מען אז מער וויילער אין וויסקאנסין האלטן אז רוב דעמאנסטראנטן ווילן טוישן די פאליציי באהאנדלונג פון מינאריטעטן און אויפברענגען מער פארשטאנד איבער ראסע דיסקרימינאציע, אבער רעפובליקאנער זענען מער גענייגט צו זאגן אז די פראטעסטירער ווילן חרוב מאכן די פארטיי אדער שטירצן די רעגירונג.

וואס וועט טראגן די מערסטע געוויכט פאר וועמען צו שטימען?

אזוי ווי אין רוב וואלן ווען א פרעזידענט לויפט פאר ווידערערוויילונג, זעט נאך אלץ אויס אז די וואלן זענען א רעפערענדום אויף פרעזידענט טראמפ. 55 פראצענט פון אלע וויילער האבן געזאגט אז דאס וויכטיגסטע ביי זיי איז, וואס טראמפ האט אויפגעטאן ביז איצט. ביי ביידען וויילער האבן 45 פראצענט אזוי געזאגט און ביי טראמפ וויילער, 72 פראצענט.

ביי אלע וויילער האבן 24 פראצענט געזאגט אז זיי וועלן פאסן זייער באשלוס פאר וועמען צו שטימען לויט ווי זיי האלטן אז ביידען וועט טאן אויב ער געווינט. 24 פראצענט פון די ביידען וויילער האבן אזוי געזאגט און 20 פראצענט פון די טראמפ וויילער.

פארשטייט זיך, אז ביי די וויילער האט מען אויך געטראכט וואס טראמפ וועט טאן אויב ער געווינט נאך א טערמין. דאס איז געווען די הויפט זארג ביי 31 פראצענט פון די ביידען וויילער, 21 פראצענט פון אלע וויילער, אבער בלויז 7 פראצענט פון די טראמפ וויילער.

פון די פראגע זעט מען אז די ביידען וויילער זענען נאך אלץ מער געטריבן פון זייער קעגנערשאפט צו טראמפ ווי זייער שטיצע פאר ביידען. נאך די דעמאקראטישע קאנווענשאן איז ביידען אביסל געשטיגן אויף דעם פונקט, אבער איצט גייט עס צוריק צום פריערדיגן, עס איז א רעפערענדום אויף טראמפ'ס ווירטשאפט אין ווייסן הויז זינט ער איז פרעזידענט.

רוב דעמאקראטן האלטן אז דער מצב איז איצט שלעכט אין אמעריקע, איבער 80 פון זיי זאגן אז טראמפ טראגט א סאך פאראנטווארטליכקייט פאר דעם. א סאך רעפובליקאנער האלטן אויך אז דער מצב טויג נישט איצט, אבער רוב האלטן נישט טראמפ פאראנטווארטליך פאר דעם.

וואס זענען די הויפט מעלות וואס איר זעט ביי די 2 קאנדידאטן? ביי ביידען וויילער איז זיין הויפט מעלה אז ער האט געפיל פאר אנדערע מענטשן. 63 פראצענט האבן דאס אויסגעקליבן. 59 פראצענט זאגן אז ער האט דעם ריכטיגן צוגאנג, (נישט קיין כעסן, ער באליידיגט נישט, א.ד.ג.), 56 פראצענט באוואונדערן זיין אינטעליגענץ, (קלוג, א גוטער קאפ), 46 פראצענט זיינע פיזישע כוחות.

ביי די טראמפ שטיצער איז דאס גאר געווען נומער 1, 61 פראצענט וואלטן געשטימט פאר אים אז ער האט מער פיזישע כוחות, 47 פראצענט באוואונדערן אינטעליגענץ, 44 פראצענט האלטן אז ער זארגט איבער אנדערע מענטשן, אבער דאס שוואכסטע איז ער אויף די פראגע פון האבן דעם ריכטיגן צוגאנג, ווען בלויז 37 פראצענט האלטן אז ער האט דאס.

וואס טוט זיך מיט די טראמפ אדמיניסטראציע'ס קאוויד פאליסיס? האלב אמעריקע, 50 פראצענט פון די רעגיסטרירטע וויילער זאגן אז זיי פארדינען באשולדיגט צו ווערן, אבער 33 פראצענט האלטן גאר אז עס קומט קרעדיט פאר די טראמפ אדמיניסטראציע (די "טראמפ באזע" לעבט נאך), 17 פראצענט האלטן נישט אזוי און נישט אזוי.

מער מענטשן זאגן אז עס וואלט געקענט זיין ווינציגער פאטאליטעטן אין אמעריקע אויב מ'וואלט זיך פריער גענומען דערצו, ווי די וואס זאגן אז עס וואלט געווען העכער סיידן פאר די ריכטיגע שריט וואס פרעזידענט טראמפ האט גענומען, אבער מער שרעקעדיג איז אז 44 פראצענט האלטן אז עס וועט נאך ערגער ווערן אין די קומענדיגע מאנאטן ווען בלויז 25 פראצענט האלטן אז עס וועט בעסער ווערן. 31 פראצענט האלטן אז עס וועט זיין אזוי ווי איצט.

בלויז דעמאקראטן האלטן אז די עקאנאמיע קען זיך נישט ערהוילן ביז מ'וועט אראפקלאפן דעם קאוויד ווירוס. די רעפובליקאנער האלטן נישט אזוי, און ביי די זעלבסטשטענדיגע, האלטן אביסל מער יא ווי די וואס האלטן אז ניין, אז עס איז נישט געוואנדן אין דעם.

די קאנווענשאנס זענען געווען א דערפאלג פאר ביידע קאנדידאטן. אין אויגוסט זענען 82 פראצענט פון די ביידען וויילער געווען זייער שטארקע שטיצער פאר אים, און די זעלבע זענען 82 פראצענט פון די טראמפ וויילער געווען זייער שטארקע שטיצער. איצט זענען 87 פראצענט פון די ביידען שטיצער זייער שטארק פאר זייער קאנדידאט, און 84 פראצענט זענען זייער שטארק פאר טראמפ.

איבער'ן גאנצן לאנד, האלט איצט ביידען פאראויס מיט 52 צו 42 פראצענט, און קוקענדיג אויף וויסקאנסין האלט ביידען פאראויס 50 צו 44 פראצענט.

ביידען איז נאך אלץ שטארקער פון טראמפ ביי ווייסע פרויען וויילער 51 צו 42 פראצענט, און אין וויסקאנסין האלט ער 9 פונקטן פאראויס, וואס קלינטאן האט דארט געווינען מיט בלויז 2 פונקטן העכער טראמפ און טראמפ האט טאקע געווינען די סטעיט.

ביי די ווייסע וויילער זעט מען א שטארקע צעטיילונג לויט זייער בילדונג, ווען קאלעדזש גראדואירטע שטיצן ביידען, 53 צו 40 פראצענט, אבער ביי די וואס האבן נישט באקומען קיין קאלעדזש דיפלאם שטייט טראמפ פאראויס 52 צו 42 פראצענט אין וויסקאנסין, אבער דא שטייט איצט טראמפ אביסל שוואכער ווי אין '16, איז דאס איינע פון די סיבות פארוואס ביידען שטייט העכער טראמפ אין די וויכטיגע סווינג סטעיט וויסקאנסין.



# CLASSIFIEDS 718-851-6607 • mail@ditzeitung.com קלאסיפיידס


## היכל הוראה
אלטשטאדט
1831 - 50th St. Brooklyn N.Y. 11204
בבוקר 9:30-10:30 • ובערב 6:30-10:30
ערב שבת ויו"ט משעה 10:00- זמן הדלק"נ
718-851-8121

## LAW OFFICES OF GOLDBERG & COHN, LLP
16 COURT STREET, SUITE 2304 - BROOKLYN, NY 11241
STEVEN D. COHN, ESQ.
*State Committeeman and Friend of the Orthodox Jewish Community for over twenty years*
***Former President, Brooklyn Bar Association***
xyhuu etvi' sgr duy ctetbygr thsi prhhdy auhi thcgr 52 htr' mhhfgby zhl tuhx
rhy zhhi kgdtkg grptruhd' mu rtyi tui ptryrgyi chh kgdtkg tbdgkgdbvhhyi pui:
**Accidents, Medical Malpractice, Fire and Explosion, Construction Injuries, Defective Products.**
*YOU OWE NO LEGAL FEE UNLESS WE ARE SUCCESSFUL ON YOUR BEHALF*
סטיוו קאהן איז אן ערליכער, פלייסיגער און איבערגעגעבענער
אדוואקאט וועלכער וועט אלץ נעמען אייערע בעסטע אינטערעסן צום הארצן.
רופט, און איר וועט זיך איבערצייגן
Our office also handles GET Statute, Custody and Divorce, Business and Real Estate Matters, Securities Fraud, and also specializes in Criminal Matters, in all State and Federal Courts, providing expert counsel in investigations, etc. for which normal hourly fees are charged.
**Call: 718-875-2400**

YMF Payroll and Accounting LLC
We meet all your payroll needs
No base pay - No set up fee
Payroll Service - $32.50
Payroll Checks | Tax Deposits
Payroll Reports | Year End W-2
Quarterly Filings | Quickbooks Import File
NEW SERVICE:
YMF Data Analysis
Make sense of your Data to optimize and increase your Sales and Traffic
Monthly Plans or Project Rates available
Payroll | YMF making your business our priority | Data Analysis
Mendy Friedman, CEO
718.513.9689 | www.ymfpayroll.com | info@ymfpayroll.com


**NEWS REPORT** די צייטונג
1281 49th St., Brooklyn, NY 11219
(718) 851-6607 • FAX (718) 854-5282

**FOR DOMESTIC MAIL SUBSCRIPTION**
KINDLY FILL IN INFORMATION

Name ______________________
Address ______________________
City __________ State ______ Zip ______
Tel. (  ) ______________________

VISA — PLEASE ENCLOSE CHECK PAYABLE TO: NEWS REPORT — MasterCard
RATES: USA $175


## עזר לדרשה
פאר סיי וועלכע געלעגנהייט
וואס איר דארפט זיך
איפשטעלן רעדן פאר א רבים
און איר ווילט עס זאל האבן
א טעם.

ביטע רופט:
**718-851-0036**

מיר שטעלן אייך צו די
דרשה ביז א קורצע צייט

מיר געבן אייך א טעלעפאן
נומער מיט א SECURITY PIN
וואו איר קענט עס האלטן
אין איין איבערהערן.

לייגט אוועק דעם נומער,
עס וועט אייך אי"ה
צוניץ קומען!

פאר מענטשן וואס ליידן פון
עין הרע און שרעק,
איז דא אן אויסערגעוועינליכע
סגולה פון ארץ ישראל.
פאר מער אינפארמאציע רופט:
(718) 599-2329

## MONSEY TOURS

For Charter Call
(718) 623-9000
For Schedule Call
(718) 972-5578
(845) 354-7026

2 x i
HELPLINE
All Vital Information
718-705-5000

## לשכת בית הוראה
1358 53rd Street Tel: 718-633-2656
בכל יום משעה 7 עד 10:15 בערב
ערב שבת משעה 11:30 עד 2:00 בערב
718-633-2656

vrc nrsfh cqrdqr
yugi rcbh
718-791-8197

הרב גרשון
נפתלי שפיגעל
בורר וטוען רבני
(732) 905-3295 - (212) 777-5735

## THE FLOWER POT
Where Flowers Bloom A Day Longer...
295 Wallabout St. Brooklyn, NY
718-599-2241
ישראל יוסף קרויס

בי"ד צ"ז ובית הוראה
ד'טארטיקוב
1452 55 St., Brooklyn, NY
(718) 972-2210
FAX (718) 853-1633

## ALL YOUR LEGAL NEEDS
OUR EXPERIENCED STAFF CAN HELP YOU WITH
CORPORATIONS •LLC LLP •D/B/A •IN EVERY STATE •PUBLISHING OF LLC'S •LLP'S •NOT FOR PROFIT OR RELIGIOUS EXEMT ORGANIZATIONS •TRADE MARKS •COPY RIGHTS •PATENTS •TRUSTS •NEW DEEDS •PROBATE WILLS •NAME CHANGES •LANDLORD & TENANT CASES •ALL COURT CASES •COLLECTING COURT JUDGEMENTS
Best Deals
For More Information Call:
IMPERIAL
Tel: (718) 633 0411 Fax: (718) 851 7770

מיר נעמען אן צו אדרעסירן און צו פאקן ענוועלאפס
מיר האבן מער פון
70,000 פונקטליכע אדרעסן
פון חרדי'שע אידן אין ניו יארק
אויך נעמען מיר אן דעם גאנצען דזשאב פון פרינטן ביז צום פאסט אפיס
— אויך קענט איר ביי אונז האבן מעילינגס אין מאנרא —
כדי צו פארמיידען פראבלעמען, רופט אונז איידער איר הייבט אן עפעס צו טאן
BARUCH TAAM 109 Sandford St., Brooklyn NY 11205
718-387-2000

## Health Care Reform

Patient Protection and Affordable Care Act
YOU'VE GOT QUESTIONS? WE HAVE ANSWERS!
Retek BENEFIT SOLUTIONS INC.
718-438-8209 | info@retekinsurance.com

# קלאסיפייידס CLASSIFIEDS

Notice of Formation of 1509 NY LLC. Arts of Org. filed with NY Secy of State (SSNY) on 07/14/2020. Office Location: Kings County. SSNY is designated as agent of LLC upon whom process against it may be served. SSNY shall mail process to: 1509 NY LLC 2 SKILLMAN ST #308 BROOKLYN, NY 11205. Purpose: any lawful activity.

Notice of Formation of FULTON UNIQUE RESIDENCE LLC. Arts of Org. filed with NY Secy of State (SSNY) on 03/20/2015. Office Location: Kings County. SSNY is designated as agent of LLC upon whom process against it may be served. SSNY shall mail process to: THE LIMITED LIABILITY COMPANY C/O JOEL KAUFMAN 199 LEE AVE, SUITE 727 BROOKLYN, NY 11211. Purpose: any lawful activity.

שער המלך ~ תיקון עולם
עזר למצויינים לברר המציאות וההלכה בנושאים קשים
~
לצאת מסבך הסכסוך שנאחז בה בלי שום דין תורה והתפשרות
845-774-7016

כוחא דהתירא עדיף
718-362-8872
כולל ירחי קדם 215 - 220
שערורית העופות 3-38-39
אסיפה שלא היה 310-315

היכי תמצא $5000
בני אדם...
זה התרנגול
3 1 3

בירורים המחודשים בחברותא 225-250

# אינהאלט

נייעס רעפארטאזש און אפשאצונגען
פאליטישע אפשאצונג ---------------------- 4
וואס מיר זאגן ---------------------- 6
וואס אנדערע זאגן ---------------------- 7
נייעס פון אידישע וועלט ---------------------- 8
נייעס איבערזיכט ---------------------- 18
לאקאלע נייעס ---------------------- 28
ברוקלין נייעס ---------------------- 38
אומגעגענט נייעס ---------------------- 42
פאמיליע און געזונטהייט, באריכטן און ארטיקלען
געזונטהייט ---------------------- 52
שטוב עצות ---------------------- 53
ביזנעס און פינאנץ
פינאנציעלע באריכטן ---------------------- 46
וואל סטריט ---------------------- 50

אידישע ארטיקלען געפינען זיך אין "די אידישע צייט" אפטיילונג, אינמיטן "די צייטונג"

# וועטער באריכט



| | |
|---|---|
| מיטוואך: | פארוואלקענט, פייכט, 82-73 |
| דאנערשטאג: | רעגענדיג, 81-67 |
| פרייטאג: | אנגענעם, 75-62 |
| שב"ק: | אנגענעם, 73-65 |
| זונטאג: | מעגליך רעגן, 78-69 |
| מאנטאג: | פארוואלקענט, 83-62 |
| דינסטאג: | נ.מ. מעגליך רעגן, 74-60 |




NEWS REPORT (USPS-003093) is published weekly, except Passover and Succoth, for $175 per year in the USA, by News Report, Inc. 1281 49th Street. Brooklyn, NY 11219. Periodicals postage paid at Brooklyn, New York. POSTMASTER: Send address changes to News Report, 1281 49th Street, Brooklyn, NY 11219.



# עטליכע שיפן געזונקען ביי פרא-טראמפ שיף ראלי זונטאג - קיין פארוואונדעטע






ניו יארקער שולעס וועלן מוזן איינמעלדן זייערע קאוויד פאלן ---------- 28

עמעזאן עפענט סופערמארקעט וואו מ'קען בלויז איינקויפן "אנליין" ---------- 30

געהילף דיסטריקט אטוירני אומגעקומען אין עקסידענט אויף ווייט עוו. ---------- 40

אראנדזש קאונטי העלט קאמישאנער באפעלט אז אלע שולע קינדער מוזן גיין מיט מאסקעס ---------- 42

דראג פירמעס ווילן נישט פריצייטיג באשטעטיגן וואקסינען ---------- 56

פאליציי ארעסטירט ברוטאלן אנפאלער פון וויליאמסבורג ---------- 64


## ניו יארקער העלט קאמישאנער ווארנט איבער פארגרעסערטע קאוויד ראטעס אין חרדי'שע געגנטער




60


# די צייטונג

NEWS REPORT

6 89076 71852 3

עש"ק פ' נצבים-וילך, כ"ב אלול, תש"פ

FRIDAY, SEPTEMBER 9-11, '20 · VOL 33 · NO. 48


| זמנים | הדלה"נ | מוצ"ש | סוזק"ש |
|---|---|---|---|
| **עש"ק פ' נצבים-וילך** | | | |
| ברוקלין | 6:56 | 8:21 | 9:06 |
| מאנסי | 6:56 | 8:22 | 9:07 |
| קרית יואל | 6:57 | 8:23 | 9:07 |
| **ערב ראש השנה תשפ"א** | | | |
| ברוקלין | 6:44 | 8:09 | 9:08 |
| מאנסי | 6:44 | 8:10 | 9:09 |
| קרית יואל | 6:45 | 8:11 | 9:09 |